STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06720

OYF A HOR

Baruch Glasman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בָרוך גלאַזמאַן

אויף אַן דזאָר

נאָוועלן

פאַרלאַג נ. מייזל ניו־יאָרק
גרענד סט. 424
1 9 2 3

איבערדרוקן, איבערזעצן אָן דעם
אויטאָרס הסכמה איז פֿאַרבאָטן

Copyrighted by B. Glossman
Washington D. C. 1923

געדרוקט דורכ׳ן פֿארלאג „ווילנע״
(געוועז. „קריטיק״) ווין .XVIII
ווײמארערשטראסע 19/10
בוכדרוקעריי האלפערן און קאָ.
- - ווין, VII. קאנדלגאסע 11, - -

ברוך גלאַזמאַן

אויף אַ האָר

I

יוסף אנרעס
שטיל (שטילע ווערטער)
א בינעלע, א בינעלע (און דאַמאָלס איז געקומען...)

י ו ס ף א ג ר ע ם

— װעלװל אַגרעס... װעלװל אַגרעס...

אין דער זוניגער שטילקייט פֿונ׳ם פֿאַרלעגענעם אָזערע־ברעג האָט ער פֿאַרנומען שטילע מיידלשע קולות, װעלכע האָבן אַרויס־געשעפּטשעט זיין נאָמען. און אפשר האט זיך אים גאָר אויסגע־דאַכט, און קיינער האט אים ניט גערופֿן באַם נאָמען. װייל װעלװל אַגרעס איז געװען אַ מענש אַ מאָדנער און אַ פֿאַרטראַכטער, מיט א קליינעם, מאָגערן גוף און מיט אַ גרויסן הויך־שטערנדיגן קאָפּ. אונטערן הויכן שטערן האָט זיך געראָיעט אַ װעלט אַ גאַנצע, פאר אַלעמען אַן אומגעזעענע װעלט, מיט ליכטיגע מעשׂות, און גאָלדענע פֿאַנטאַזיעס, און געזאַנגען.

אפשר האט זיך עס אים בלויז אויסגעדאַכט — און טאָמער טאַקע ניט?

זיין לייכט־אויפֿציטערנדיגער און גרינג־זיך־אָנצינדנדיגער מח האט אים מיט אַמאָל פֿאָרגעשטעלט, אַז דאס, װאס בײַ אים איז נאָך אומזיכער, איז שוין ביי אַנדערע אַ געװיסהייט. זיין נאָמען, װאס ער האָט אַקאָרשט געהערט פֿון צװישן די ברייט־בלעטערדיגע קאָשטאַנען־בוימער אַרויס. האט דאָך געקענט קומען פֿון עטלעכע שטאָטישע מיידלעך, װעלכע זיינען אויך, װי ער, ארויסגעפֿארן צום „באָקאַי״־אָזערע איבערן זונטאָג.

די מיידלעך זיינען אונטער אים איבערן שליאך געגאַנגען, אַרויפֿגעקוקט אויף די געלע שטעכעדיגע קאָשטאַנען־שיידלעך, װי קליינע לעמאָנדלעך, און פֿאַר זיך אין דער שטיל אַזוי געטראַכט:

— װעלװל אַגרעס ... װעלװל אַגרעס ... ער איז דאָך אַ װאוילער מענש און אַ האָראָפּאַשנער אַרבעטער, האָט אין זינען בלויז זיין װייב און זיינע קינדער, און באַהאַנדלט זיי אויפֿ׳ן בעסטן אופֿן. דאס װייב זיינס, זאגט מען, האט ער ליב װי א חתן האט ליב זיין כלה אין דער לעצטער װאך פֿאר דער חתונה. װאס נאך, װאס מער קאן זיך אַ מיידל פֿאַר דער החתונה פֿאָרשטעלן װעגן איר צוקונפֿטיגן חתן?

און איין מיידעל האט אָנגעהאַנגען אַ פאַרוואונדערטן, אויפֿ־וואָרפֿנדיגן בליק אויף דער צווייטער מיידל. דער בליק האט געזאָגט:

— נו? דאַרף נאך אַזאַ ווייב זינדיגן? כ'בעט דיך, וואס זאָגסטו אויף איר קאָפּ?

אין דעם פאַרטראַכט ווייטליכן בליק, וואס די צווייטע מיידל האט געוואָרפֿן אויף די ליכטיגע אָזערע־פּלעקן וואס האבן זיך דורך די בוימער דורכגעלויכטן — שטיקער בלויקייט דורך טיף־גרין — האט זיך געלעזן א ניט־ארויסגעזאָגטער ענטפֿער:

— ווען איך... וואלט אַזאַ מאַן געהאט! אזוי איז עס שוין: קיינער שעצט ניט דאס, וואס ער פאַרמאָגט.

ב

אגרעס איז געגאַנגען מיט פאַרגיכערטע טריט. ער האט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאלטן ניט אומקוקן אויף הינטן, ווייל טאָמער דערזעט ער דארטן טאַקע צוויי מיידלעך, וואס קוקן מיטליידענדיג אויף אים? זיין פנים איז רויט געווארן, זיך צעפלאַמט. א סך קליינע האַמערלעך האבן אים אנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן.

— אוי, גאט!

ער האט זיך געבעטן ביי אים, ער זאל ביי אים צונעמען די דאזיגע אַלע מחשבות און ספקות. אַ קלייניקייט!...

און איז עס מעגלעך, אַז פרעמדע ריידן שוין וועגן דעם? און דער עיקר, אַז זיי ווייסן? ווען ער וואלט אויך געוואוסט? געוואוסט אויף געווים!

ער האט אבער ניט געוואוסט און איצט וועגן דעם ניט גע־וואלט טראכטן. צוליב דעם איז ער דאך אַרויסגעפאָרן אַהער איבערן זונטאָג. זיין פרוי האט ניט געוואלט מיטפאָרן מיט אים. זי האָט זיך געפילט עפעס ניט געזונט. פון דערווייטנס, פונם טאַנץ־פאַוויליאָן, האָט זיך געלאזט הערן מוזיק־שפּילן און אַ דער־ווייטערטער שאָרכן פון פיס. פון אַלע זייטן האבן זיך מענשן געצויגן אַהער. איז ער אויך אַהין געגאַנגען. כאָטש ער האט ניט געטאַנצט.

און אַ גאַנצן טאָג האט ער זיך שטיל געפרייט מיט דער זון אינם פאַרק. מיט די לאַכנדיגע קולות פון די דורכגייער און מיטן געלן זאַמד אויפן אָזערע־ברעג. ער האָט געוואלט אליין, אז דער טאָג זאל זיך ציען און ציען, און ער זאל דאַרפן גיין אַהיים שפּעטער, שפּעטער, אליין שפּעטער. קליינע פליגעלעך און פּיל־

פּיסיגע אינסעקטן זיינען ארומגעשפּרונגען איבערן וואַסער־פּלאַך און מיט זייערע דינע, געבויגענע פּיסעלעך אויסגעדרייט משונה׳דיגע טענץ אויפ׳ן וואַסער־ליילעך. פֿון צווישן די בוימער אויף דעם קעגנאיבערדיגן ברעג, האט זיך אַ ווייס הויז ארויסגעלויכטן, און אַגרעס איז אַריינגעפֿאלן אין חלומות, — פּונקט אַזוי ווי עס האבן געחלום׳ט די ווייסע הייזער אַרום דער אָזערע, וואס האבן זייערע געשטאַלטן אָפּגעשיילט פֿון זיך, זיי אין וואַסער אַריינגעוואָרפֿן, און בײַנקענדיג ארויסגעקוקט אויף זיי, אויף די אייגענע־דערווייטערטע געשטאַלטן.

אַזוי ביז פֿאַרנאַכט, ביז אוונטיקייט און טונקלקייט האבן דאס וואסער פֿאַרצויגן. דער ווינטל, וואס האט זיך דורכן גאַנצן הייסן טאג אויסבעהאַלטן צווישן דער בוימער־געדיכטקייט, האט מיט א שטיפֿעריש־דערשרעקנדיגן שפּרונגל זיך אַ לאָז געטאָן אויף די מענשן באַם וואַסער.

— אָטאָ... אָט בין איך ווידער דאָ.

אַגרעס האט אַ ציטער געטאָן פֿון קאַלטקייט.

דער זונטאָג איז שוין געווען פֿאראיבער. דאס ביסל אָפּגעגנב׳עטע אַריינגענאַרטע רו איז צוגאַנגען, ווי א חלום. אין דער מחשבה האבן זיך שוין אַרויסגערוקט איינס נאך איינס די זעקס אָנקומענדיגע וואכעדיגע טעג. טעג מיט וואָכעדיקייט, און אומקלאָרקייט און אומרואיגע ספקות.

ג

פֿאָרנדיג איינס צוג, וואס האט זיך געצויגן צו דער נאָנטער שטאָט מיט אן איינגע׳עקש׳נטקייט — אַ שוואַרץ געקייטלטער לאַנגער צוג דורך דער בלויער בין השמשות־לופט — האט זיך צו אַגרעס׳ן אומגעקערט דאס, פֿון וואס, ער איז אַנטלאָפֿן דורכ׳ן טאָג.

און אָט — ער האט שוין געזען די שטוב פֿאַר זיך. א פּוסטע און אן אָוונט־ליידיגע, מיט זומערדיג־פֿאַנאנדער־געעפֿנטע אומבאלויכטענע פֿענסטער. קיינער איז אין שטוב ניטאָ, ניט ער און ניט זי. די קינדער, ניט קיין אויסגעטאָנענע און הונגעריגע, שלאָפֿן האַלב־זיצנדיגערהייט אויף די שטולן.

אָבער אַז ער איז ענדלעך אינ׳ם שפּעטלעכן אָוונט אהיים אָנגעקומען, האבן אים די ווארים־באלויכטענע פענסטער באגעגנט מיט היימישקייט. די קינדער זיינען געשלאָפֿן אין די בעטן, אויסגעטאָנענע, אַרומגעוואַשענע און אָנגעקאָרמעטע. אַ שטילער אָטע־

מען, ווי אַ גרינגפֿליסיגער וואַסערל האט זיך געטראגן אהער פֿון שאַפֿ־צימער.

ער איז טאַקע אין שטוב ניט געווען. נאר זי, די ווייב זיינע, אַ ריין־אָנגעטאָנענע און א היימיש־פֿאַרפּוצטע, איז געזעסן באַם געגרייטן טיש און געוואַרט, א פֿאַרטראַכטע.

אין שטוב האט געשמעקט מיט איינגעהאַלטענער דערוואַרטונג און אפשר — מיט דער נאָגנדיג־פּוסטער שטילקייט, וואס ציט זיך אַרויס פֿון די ווינקלען פֿון אַ חדר, נאכדעם, ווי א נאָנטער איז פֿון דארט אַוועקגעגאנגען. אגרעס האט זיך ניט געקאָנט פֿאַרנאַנדערקלייבן אין דעם מיין פֿון דער שטילקייט פֿונ׳ם חדר.

ער האָט געזאָגט גוט אָוונט און זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש. געדוכט האט זיך אים, אַז ער עסט.

— וואס ביזטו געקומען אזוי שפּעט? די קינדער האבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף דיר, א גאנצן אָוונט האָב איך מיך מיט זיי ארומגעשפּילט, כדי זיי זאָלן דיר קאָנען זען פֿאַר׳ן שלאָפֿן און צום סוף געמוזט זיי לייגן שלאָפֿן. ס׳איז שוין געווארן שפּעט.

איר שטילע שטים האט אויפֿגעטרייסלט די לופֿט אַרום אים און דאס האַרץ אין אים. עס האט פּאַמעלעך געקלאפּט. ווער האט עס דען ביי איר געפֿרעגט, ווער? פֿאַרוואָס דערציילט זי אים, אַז זי האט זיך אַ גאַנצן אָוונט אַרומגעשפּילט מיט די קינדער? צוליב וואס גיט זי אים אָנצוהערן, אַז אַליין, אָן די קינדער, איז זי אין הויז ניט געווען? — — —

די אויגן זיינען אים פֿאַרלאָפֿן און ער האט שוין איר גאר ניט געזען. אָ, ווען ער וואלט זיי בעסער אין הויז ניט געטראָפֿן! ביידן אין הויז ניט געטראָפֿן, וואלט אים אזוי גרינגער געווען... ער האט איצטער געבענקט נאך דעם און געוואונשן, אַז עס זאָל האָבן אַזוי פּאַסירט. אָבער איצטער, אַז יענעם איז געלונגען זיך אַרויסרייסן פֿריער, טאָ וואָלט זי כאָטש געשוויגן! אים האט געשראקן די די געטריישאַפֿט, וואס זי האט אים איצט אַרויסגעוויזן.

ער האט אויף איר געווארפֿן א סקאָסנעם בליק, געוואלט עפּעס דערקענען.

אַ בלייך פֿאַרטראַכטע איז זי געזעסן באַם טיש און אַרייגעקוקט אין לאָמפּ. זי האט דאך אפילו ניט געהערט, וואס זי האט אים געזאגט... זי האט גאָר געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. ווען זי האט אַרויסגעזאָגט די דאזיגע ווערטער. זי נארט אים שוין אָפּ. איצט אין דער זעלבער מינוט. וואלט זי שוין געשוויגן בעסער...

געוואוסט האט ער, אַז דאָס גלייכסטע איז, ווען ער פֿרעגט ביי איר גאָר ניט. צו וואָס דאַרף ער נאָך האָבן די דאָפּלטע מוט־שעניש פֿונם געדאַנק, אַז אויב אַפילו זי באַרואיגט אים, איז דער ענטפֿער אירער סיי ווי ניט קיין אמת׳ער? און ס׳וועט אים אויך פֿאַר־דריסן וואָס ער האָט זי אפשר חושד געווען אומזיסט... ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן, מיינט גיין אויף אַ גליטשיגן וועג. אָבער, ווען ער האָט עס פֿאַרשטאַנען, איז שוין די פֿראַגע געווען אויף יענער זייט פֿון זיינע ליפּן:

— איז יאָסל געווען דאָ היינט נאָכמיטאָג?

ד

ער האָט שטאַרק צוגעדריקט זיין ברוסט צום שאַרף פֿונ׳ם טיש. עס איז געווען אַ סגולה, אַז דאָס פֿאַרשטאַרקטע האַרץ־קלאַפּן זאָל ניט דערגרייכן צום זייטיגן אויער.

די אויגן האָט וועלוול געהאַלטן אַרונטערגעלאָזן, ערשטנס, כדי ער זאָל מיט זיין נאָכאַנאַנדיגן פֿאָרשנדיגן בליק ניט אַרויס־קריגן פֿון איר קיין געצוואונגענעם ענטפֿער. ער וויל, זי זאָל אַליין, מיט׳ן פֿרייען אייגענעם ווילן, ענטפֿערן! צווייטנס, טאָמער וועט זי שוין מוזן זאָגן אַ ליגן, זאָל ער זי כאָטש ניט פֿאַרשעמען...

אונטער דער רואיקייט פֿונ׳ם פּנים מיט די אַרונטערגעלאָ־זענע אויגן האָט ער שוין אויך פֿאַראויס געהערט איר ענטפֿער: „ניין". און ער האָט שוין אָנגעהויבן פֿילן, אַז עס איז אַ ליגן, אַ ליגן.

— יאָ, — האָט זי גלייכגילטיג געענטפֿערט, — ער איז דאָ געווען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. ער איז ערשט אַוועקגעגאַנגען מיט עטלעכע מינוט פֿריער, איידער דו ביזט אָנגעקומען.

וועלוולען האָט איצט געקלונגען אין די אויערן, מיט גרויסע, קלאָרע, זומערדיגע ווערטער. יאָ ער איז דאָ געווען. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. זי האָט עס אַזוי רואיג אַרויסגעזאָגט... אַזוי רואיג, אַזוי ריין... נאָר, נאָך איידער וועלוול האָט צייט געהאַט צו האָבן די פֿולע פֿרייד פֿון אָט די שטילע, פֿרייע רייד, האָט זיך שוין אויף זיי אַרויפֿגעכאַפּט אַ שאָטן.

פֿאַרוואָס האָט ער אויף איר ניט געקוקט, בשעת זי האָט אים געגעבן דעם ענטפֿער... דאָס, וואָס זי האָט גערעדט מיט אַזאַ געוויינליך־גלייכגילטיגן טאָן, איז אים שוין אויסגעקומען אויפֿפֿאַ־לנד. עס איז זיכער אָן אָפֿנקייט, אונטער וועלכער עפּעס באַהאַלט

זיך, עס איז אן ארויסגעצוואונגענע גלייכגילטיקייט. זי טראגט אויף זיך אַ מאַסקע.

ער האט ניט געוואָגט אויף איר אַ קוק צו טאָן! אפשר — אפשר וואלט ער עפעס דערקענט? אפשר האט זי גאר בשעת מעשה געשמייכלט...

אַז ער האָט סוף־כל־סוף זיין בליק פונ׳ם טעלער שטשאַוו אויפגעהויבן, האט ער דערזען, אַז איר בליק איז אין איר טעלער געווען דערטרונקען — ווי שוין פון אַ לייננגערער צייט. אפשר, נאך פון באַלד נאכדעם, ווי זי האט אים אָפגעענטפערט — איז וועלוולען איינגעפאַלן, זיינע געוויינליך־פאַרטראַכטע שמאָלע מאנדל־אויגן, האבן אויף זיך איצט אנגענומען אַ שאַרפקייט, אַ בייזע דורכדרינגלעכקייט. פאַרגאַנדערגענומען האבן זיי זיך ברייט, און גרויס, און ווייט, וועלנדיג ארויסרייסן א וידוי פונ׳ם פארהוילענעם האַרץ פונ׳ם נאָענט־פרעמדן באַשעפעניש, אַרויסזויגען די געדאנקען פון איר מח.

זאָשע האט אירע אויגן פונ׳ם טעלער ניט אויפגעהויבען. פון וואַנען האט זיך עס צו אים, דעם פאַר׳חלומטן, אין זיך פאַרטיפטן מענשן, גענומען אַזאַ שטאַרקייט און איינגעשפאַרטקייט... נאך אַלעמען, האָט זי געטראכט, זיינען דאך די סארטן מענשן, ווי איר מאַן, אַזעלכע אומבאַקאַנטע און אומגעוויינלעכע: האָבן אַלע מאָל פרעמדקייט און נייקייט אין זיך, און אומדערוואַרטקייט, ווי זיי וואלטן זייער אָפּט אויף איבער אַ נייס באַשאַפן געווארן. איר פנים איז געווען בלייך אויסגעצויגן אָנגעשטריינגט.

און דאָ, זיין לעפל פאַרשטעקט צווישן די ציין, האט וועלוול דערזען, אַז זי לייגט אויך אַוועק אירם אויפ׳ן ווייסן טעלער־ברעג, נישט פאַרענדיגנדיג איר עסן. זי הויבט זיך אויף פון טיש, גיט אַ פויל־זיסן גענעץ און ציט פאַנאַנדער אירע הענט, ווי אַ צלם איןביידע זייטן, דערנאך באַהעפטן זי זיי איבער איר קאָפ, ווי צוויי גענז וואלטן זייערע העלזער אויסגעשטרעקט איינס צום אנדערן און זיך באהעפטן מיט די שנעבעלעך. איהר ברוסט, אַ פולע און אַ וואַרעמע, רוקט זיך דורך אָט דער באַוועגונג אַרויס פאָראויס פאַר איר. אַ ווייך־שלעפעריגער שמייכל ליגט אויף איר פנים.

— איך בין אַזוי מיד וועלוול... איך האב אַזש קיין כח ניט פארענדיגן מיין סאַפער... א גאנצן טאג מיט די קינדערלעך. איך גיי אַרויף אפ־סטערז זיך לייגן שלאפן, וועסט דאך באַלד אויך ארויפקומען, וועלוול?

ער האט זי נאָכגעקוקט מיט אַ שטילקייט.

שוין זייענדיג ביי דער טיר, וועלכע האט געפירט אין דער הויף, האט זי זיך אומגעקערט צו אים מיט איר פולן געשטאַלט. אַ ווײַלע איז זי אזוי געשטאַנען, אַ הויכע און אַ פול־ברוסטיגע, באַלויכטן מיט דעם בלוי־געלבלעכן גאַז־ליכט. אַ פרעמדע אַזאַ, און אומבאַקאַנטע, א דערווייטערטע און אַ שיינע. אגרעס'ן האט אַזוי געקלאַפט דאס הארץ. אפילו פון דער ווייטן וואלט מען עס געקענט הערען. אין שטוב איז געווען שטיל. אגרעס האט געוואַרט, אַז פון אירע ליפן וועט באלד ארויסקומען אַ לעצט ווארט. זיין מזל. זי האָט געזאָגט:

— זאלסט ניט פאַרגעסן אויסדרייען די לאָמפּן, אַז דו וועסט ארויפקומען שלאָפן! קום באַלד ארויף, וועלוול, עס איז שוין שפעט.

דער זים־מידלעכער שמייכל האט אירע ליפן פאַרנאַנדערגעעפנט ווי אַרויטלעכער שניט פון אַ וואונד. אירע אויגן זיינען פאַרצויגן געווארן מיט דער מאָדנער פאר'ן שלאף־ליבשאפט פון גאר די ערשטע טעג פון נאך זייער הייראַט. אגרעס'ן האט דאס הארץ אויפגעהערט קלאפן. אַ קילער שווידער איז אים דורך איבערן לייב.

ה

זיי זיינען געווען פאַרהייראט שוין פון א לייַנגערער צייט; שוין צוויי קינדערלעך געהאט. וועלוול איז געווען אן איבערגעגעבענער שטילער מענש. ער האט אלעמאָל געדאנקט גאט פאר דעם, וואס ער האט אים באַשערט. אויף זיין קליינעם גוף איז געזעסן אַ קאָפ מיט גרויסע פאַנטאַזיעס און איג'ם גוף א גרוים הארץ. איז אמאל, בשעת דער ארבעט, ווען ער פלעגט זיך פארנאנדערקלאַפן מיט'ן האַמער אויף א פאַדעשווע — ער איז געווען א שוסטער — פלעגט זיך אויך פאַרנאַנדערקלאַפן זיין האַרץ. דאס בלוט פלעגט זיך אין אים פארנאנדערשפילן, זיין מח פלעגט צעהיצט ווערן מיט מאָדנע פאַרשטעלונגען און אַלץ אין אים פלעגט זינגען. אַזאַ מין סאָרט מענש איז ער געווען.

און בשעת דער אַרבעט האט ער דאך קיין צייט ניט געהאט. און אחוץ דעם פלעגט ער זיינע געזאנגען און פאַנטאַזיעס במילא ארויסזינגען פון זיין בלוט, קלאפנדיג מיט'ן האַמער אויף די פאַדעשוועס גאַנצע טעג. נאר אין די פרייע מינוטן ווען ער פלעגט דארפן גיין איינקויפן לעדער אדער שטיפטלעך, אדער וואקס,

אדער נאָכ'ן טאָג ארבעט, שפּעט בײַנאַכט, פֿלעגט ער מיט'ן פּען זײַנע בלוט־געזאנגען אויפֿ'ן פּאַפּיר אויסדריקן, צוליב זיך און צוליב אַנדערע; ס'פֿלעגט אים אמאָל געלינגען זיי אפּדרוקן אין אַ אידישן טאָג־בלאַט, וואס איז ערשינען אין דער ניט־ווייטער גרעסערער אידישער שטאָט — אין קליוולאנד.

אמת טאַקע, — קיין גרויסער שרייבער איז ער ניט געווען, און ווי וואלט זיך אַזאַ איינער אָנגעזען אין ניו־יאָרק? ער איז געווען א שטילער, באשיידענער מענש, צווישן מענשן, עטוואס אַ דערשראָקענער. אבער ווער האט עס אים געקענט פֿארווערן צו האבן גרויסע, מאָדנע חלומות און פֿארלאנגען?

אָט האט זיך אים אויך געוואלט, אז זײַן ווייב'ס ליבע צו אים זאל אָנהאלטן אַלעמאָל, דורך לאַנגע יאָרן, דורך זייער גאַנצן לעבן, וואס דאס איז דאך אינגאַנצן אוממעגלעך. און דאס האט בלויז געציינט, וואס פֿאר א פֿאַנטאזיאר ער איז געווען, און אז ער האט קיינמאָל נישט געלעבט אין א גרויסער שטאָט, צווישן מאָדערנע, געבילדעטע לײַט, וועלכע ווייסן זאַכן בעסער, און זײַנען קליגער.

יא.

זײַן פֿרוי האט ער זייער ליב געהאט. און עס איז געווען איר געשטאַלט, וועלכע פּלעגט אים זײַן בלוט אין די טעג און אין די נעכט אויפֿזינגען. אבער עס פּלעגט דאך אלץ זײַן אין דער שטיל, ווען ער האט זי געבענשט און ווען ער האט צו איר געזונגען, און וואס־זשע איז דער ווייב זײַנער פֿון דעם ארויסגעקומען? ער פֿלעגט דאך צו איר קיינמאל ניט ר י י ד ן וועגן זײַן ליבע, ניט חנפה'ען איר פֿרויען־אמביציע און זי קיינמאל נישט פֿאר'שכור'ן מיט רעגנבויגנדיגע ווערטער.

אָט, דערפֿאר זײַן ברודער — ער איז שוין גאר געווען אן אַנדער מענש, ער איז געווען א ה י י נ ט י ג ע ר, פֿון אונזערער אַלץ ניכטערזעענדיגער צייט, וואס נעמט זיך גאָרנישט צום הארצן, און ער איז אויך געווען אַ פּאָעט — טאַקי אן א מ ת'ע ר פּאָעט, מיט ווייכע, זיך־חנ'דלענדיגע באוועגונגען, מיט א ווייכער מיידלשער, זיסער מינע אויפֿ'ן פּנים, מיט שעמעוודיגע, בלייכע הענט און מיט אַ גרויסער גריווע האָר און בריגע אויגן. אַך, וואס איז דאָ צו ריידן — ער איז שוין זיכער געווען אַ פּאָעט, און האט אין דער ווייטער שטאט ניו־יאָרק געוואוינט דעם גרויסן רום, נאך ביי זײַן לעבן און זייענדיג נאך גאר א יונגערמאן!

אַז איינעם איז באשערט.

און דערפֿאַר האָט װעלװל מיט גרױסער פֿרײד געלײענט זײן ברודער'ס בריװ, װאָו עס איז געשטאַנען, אַז ער, יוסף אַגרעס, קלײַבט זיך צו קומען צו אים, אין דער קלײנער מיטל־װעסטלע־כער שטאָט, אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט.

זײַנע געשעפֿטן זײַנען דאָרטן, אינעם גרױסן אידישן װעלט־כּרך, ניט געגאַנגען כּשורה, קײנמאָל נישט געהאַט קײן שטענדיגן „דזשאָב" — — — אַ ליד דאָ, אַ ליד דאָרט, אָדער גאָר איבערזע־צונגען פֿון דאַבולין, צי ענגלס, צי קאַרל מאַרקס — אַ שװידערלעכע טרוקענע, פּ ר ע מ ד ע אַרבעט. און מיד איז ער שוין אויך געװען פֿון דעם גרױסשטאָטיגן לעבן, און אין כּעס איז ער געװען אויף אַ גאָר היפּשע צאָל מענשן, װעלכע האָבן זיך שוין צו אים געהאַט צוגעװױנט, און אים מער ניט אָפּגעגעבן זײַן ערלעך־פֿאַרדינטן, שרײַבערישן כּבוד. ניו־יאָרק איז אַ גרױסער כּרך, אָבער פֿאַר אים איז ער שוין געװען צו־ענג, װען ער איז אַרונטערגעקומען צום ברודער. בסוף האָט ער אויך געהאַט באַהאַלטן אַ שטענדיג־אומרו־איגן און אויפֿבליענדיגן געדאַנק, אַז דאָ, אין דער שטילער פֿרעמ־דער שטאָט, װעט ער אָנשרײַבן אַזעלכע װאונדערלעכע, נײַע פּאָע־מען, װאָס װעלן שטום מאַכן די מײַלער פֿון זײַנע פֿײַנד און אויפֿ־ברויזן זײערע אויגן מיט קנאה.

ער איז גאָר ניט ענלעך געװען אויף זײַן ברודער — קינדער פֿון אײן טאַטן. אַ הויכער איז ער געװען, און אַ גלײַכער. אַ קאָפּ האָט ער טאַקע געהאַט אַ קלענערן, װי בײַ װעלװלען. אַ קלײן, פֿלאַטשיג קעפּל, װי דאָס קעפּל אויף אַ שלאַנקער, בױגיגער פֿראַכטיג־הויטיגער־שלאַנג און זײַנע אויגן — זײ האָבן געבליש־טשעט, װי בײַ אַ גנב, װי בײַ אַן אונטערציִנדער.

און אַז ער פֿלעגט רײדן צו אַ פֿרױ, פֿלעגט ער שמײכלען בשעת מעשה, װי אַ קינד. האָט ער זיך באַזעצט בײַם ברודער. און אַזױ װי בעסערס האָט ער ניט געקענט טאָן, האָט ער מיט אַ מאָל אַנדעקט אין זיך אַ פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט, און איז געװאָרן אַ לערער אין דער אָרטיגער תּלמוד־תּורה.

ו

עס האָט זיך אָנגעהױבן די װאָך. די אונטערשטע סאַליע, װאָס גײט אַרום צו דער גאַס צו, איז געבױכט געװאָרן פֿאַר אַן אַרבע־טער צימער. אין סאַליע איז געװען אָנגעװאָרפֿן. אויפֿ'ן געשטעל, װאָס האָט װעלװלען אָפּגעטײלט פֿון די אַרײַנקומענדיגע קונים,

זיינען געווען אנגעוואָרפֿן שיך, שטיוועלעך. קאַמאַשן, מיט איבערגעקערטע צעריסענע זוילן. א ריח פֿון לעדער, וואס האט זיך געווייקט אין וואַסער, האט אָנגעפֿילט די לופֿט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זיך הערן דאס גיך־גיכע דראבנע קלאַפּן פֿון דער שטעפּ־מאַשין.

אין א הינטערשטן חדר פֿלעגט זיך ארומדרייען וועלוול׳ס פֿאָטער, דער אַלטער אָרע אגרעס. אלט, אויסגעקרימט, איינגעבויגען — אַן אלטער, שוין צוריק אין דער ערד וואקסנדיגער עפּל־בוים. ר׳ אָרע איז שוין לאַנג געווען עובר בטל, האט געלעבט אין א צושטאַנד פֿון אַ האַלב־אפּגעשטאָרבענעם, און מיט קיינעם ניט גערעדט. און אָט דאס, דאס תמיד׳ע ניט ריידן איז אפֿשר געווען דאס קליגסטע אין אים, וואס האט פֿאַרראַטן, אז אונטער דער אָפּשטאַרבנדיגער, צעשפּאָלטענער און פֿאַרמאַכטער קאָרע גליט נאָך עפּעס, ברענט נאָך דאס ליכט פֿון לעבנס־חכמה, אָנגעקליבן ביסלעכווייז דורך יאָרן און יאָרן. ער האט שוין פֿאַרשטאַנען די איבעריקייט און ניטגענוגזאַמקייט פֿון רייד: זיי פֿאַרטונקלען בלויז, פֿאַרדעקן, און מאַכן די פֿאַרפּלאָנטערטע מענשלעכע מאָטיוון נאָך פֿאַרפּלאָנטערטער און אומקלערער.

און דאס האט וועלוול געפֿילט אַ סך גרינגער, ווען דער אַלטער פֿלעגט ארייַנקומען אין ארבעטס־צימער. דערהויפּט די לעצטע צייט, אז אין ארבעטס־צימער זיינען נישט געווען קיין ״קאָסטימערס״ פֿלעגט ר׳ אָרע אריינגיין, אַליין ניט אויפֿהערן צו דאַווענען און צו זאָגן, און אַליין אויף אויסווייניג. אין די קעסטלעך פֿון זכרון זיינען שוין ביי אים געלעגן אויסגעלייגט דער סידור און דער חומש, דער פּרק און דער תהלים.

— נו טאַטע, וואס הערט זיך עפּעס ניים אויף דער וועלט?

דער אלטער האט אַ הויב געטאָן די אַקסלען, אַ קוועטש געטאָן אהין, אהער, מיט אזא מבטל׳דיגען און אוועקמאכנדיגן אופֿן, וואס האט געזאלט איבערגעבן זיין געדאנק, אז עס איז גאר ניטאָ אזא זאך, ווי ניים אויף דער וועלט.

— וואס זאל זיך הערן ניים? אָי, אָי, אָי... גאר ניט, ניטאָ, ניטאָ.

און דערנאך ווייטער געזאגט, און געזאגט, און געזאָגט גיך, גיך, ווי אַ מיל:

מור־מור־מור... אשר נתן לשכוי בינה... בלילה... מור־מור־מור... כוכבי בקר... מור־מור־מור־ור.

ז.

אַ זייגער דריי פלעגט יאָסל ארונטערקומען גרייט צו גיין אין דער תלמוד תורה אריין. געוויינלעך פלעגט ער דורכגיין דורכ'ן הויז אין אייגגעבויגענער, גיך, די מייסטע צייט שווייגן, פילנדיג זיך איינזאם און לאָזנדיג אלעמען פילן, אַז ער איז דאָ א פאַרוואָגלטער, א פארווארפענער, ניט אויף זיין ארט — אַפּרינץ אין אפקומעניש, וועמען די גאנצע וועלט איז שולדיג א גרויסן חוב.

נאר היינטיגס מאָל האט ער זיך אויף א ווילע אפגעשטעלט, בלויז אויף א קליינער ווילע, ווייל ער איז געווען אין גרוים איי־לעניש. און אָט אין דער ווילע האט ער ארויסגענומען פון קעשענע אַ זונטאג בלאַט פון א ניו־יאָרקער אידישער צייטונג, זי פאַנאַנ־דערגעשפרייט פאר וועלוועלען אויפ'ן געשטעל:

— יא וועלוול, א אינטערעסאנטער נומער, א זונטאָג־נומער, אזונטאג־נומער, ערשט היינט אָנגעקומען... מעגסט איבערלייענען... אָט דא אין דער הויך — זעסט? — אָט דאס איז זייער אַ שיינער אַרטיקל.

דער ארטיקל האט געהייסן: „פאַרוואָס מעל ווערט טייערע, ווער איז אין דעם שולדיג און וואס די ארבעטער קענען טאָן קעגען זייערע אויסבייטער”. נאר וועלוול האט באלד לעבן ארטיקל דערזען זיין ברודער'ס א נייע סעריע לידער. דער נאמען יוסף אַגרעס אין שווארצע פייקע, האט באַשיידן און שטאלץ אויף אלעמען געקוקט. יאָסל האט פון אויבן ארונטער א קוק געטאָן אויפ'ן ברודער און איז באלד ניט געווארן.

מער איז ניט געווען וואס צו זאָגן.

א היים קומען פלעגט יאָסל א מידער, א דערשעפטער, א דער־נערווירטער, מיט א כעס אויף דער גאנצער וועלט, וואס איז שולדיג אין דער אומנארמאלער לאגע פונ'ם אידישן פאלק, וואס האט ניט קיין מענשלעכע קינדער־ערציאונג; אויף די אמעריקאנער אידישע קינדער, וואס האבן פיינט און מאַכן חוזק פון די אידישע למודים; און צום סוף אויף זיך, וואס ער האט ביי זיך געקענט פועל'ן צו ווערן א לערער.

— אַז די גאנצע זאך איז א נאַרישקייט... מיר נאַרן אָפּ איינער דעם אנדערן... מיר שפילן זיך בלויז אין אידישער קינדער־ערציאונג... די עלטערן ווייסן שוין פון זייער אייגענער דערפארונג און פון דער דערפארונג פון אנדערע, אַז די אמעריקאנער אידישע קינדער וועלן קיין מאל נישט קענען קיין „אידישקייט” און וועלן

קיינמאל אין זייער לעבן דא ניט ניצן ניט קיין אידיש און ניט קיין העברעאיש... אז די קינדער, ווי נאר זיי ווערן אביסל עלטער, קוקן אויף דעם פֿון אויבן אַרונטער, מיט בטול און פֿאַראַכטונג... אַז די גאַנצע אַרבעט איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע, אַ פֿאַרלוירענע... מאַך פֿון דעם ים אַ יבשה?

זאַשע האָט אים געגעבן ווערטשערע, ניט אויסריידנדיק כמעט קיין וואָרט. דער יונגער שוואָגער האָט זיך ניט געקענט היינט דער־וואַרטן אויף דער ווערטשערע — ער האָט זיך געאײַלט גיין אויף אַ קאָנצערט. אַ באַרימטע איטאַליענישע אָפּערא־זינגערין איז געקומען אַהער בלויז אויף איין קאָנצערט.

— אייגנטלעך, האָב איך צוויי בילעטן... כ׳האָב געדאַרפֿט גיין מיט מײַנער אַ באַקאַנטער מיידל... נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי קען ניט גיין. נו, ווייס איך טאַקע ניט וואָס צו טאָן מיט׳ן צווייטן בילעט.

כאָטש ער האָט איצט גערעדט צום ברודער, איז דאָך אָבער די שווענערין די גאַנצע צייט געווען נאָענט צום טיש.

אויף זיין פּנים איז דעריבער געווען אַזאַ שעמעוודיקייט און אַזאַ קינדערשע אומשולדיקייט. ער האָט אים פֿאָרגעשלאָגן דער שווענערין — דאָס האָט ער געמיינט אַרויסצוברענגען אַ שפּאַס, אַנרופֿנדיק זאַשע׳ן „שווענערין” איר אין די אויגן — קווינקלט זי זיך עפּעס... „אַליין, זאָגט זי, וויל זי דיך ניט איבערלאָזן”.

זאַשע׳ס פּנים האָט געפֿלאַמט און זי האָט אים נידעריגער אַרונטערגעלאָזן. און וועלוול האָט געפֿילט, ווי די שטוב, די גאַנצע שטוב האָט אָנגעשטעלט אירע בליקן אויף אים, זיין פֿרוי און וואַרט. און זאַשע שווייגט.

... פֿאַרוואָס שווייגט זי, זאַשע? איז זי דען ניט קיין דערוואַק־סענע? האָט ער איר ווען עס איז ניט איז פֿאַרבאָטן אַרויסגיין ערגעץ אָן אים, וועלוולען? וואָס עפּעס מיט אַמאָל אַזאַ אָפּהענגיקייט, אַזאַ הילפֿלאָזיקייט. אַזאַ צוגעלאָזנקייט צום מאַן אַליין אָן דעם מאַן וויל זי ניט גיין...

... אָט וואַרטן זיי ביידע אויף זיין ענטפֿער. זיי זיינען זיכער, אַז ער וועט זאָגן יאָ. זי וויל בלויז נאָך, אַז ער, וועלוול, זאָל זי שטאַרק בעטן... און מיט דעם וועט ער ביי איר ווערן נאָך נישטי־גער, שוואַכער: ער וועט זי אַליין שיקן מיט׳ן מאַן, וועלכער נאַרט אים אָפּ... גיין, מען דאַרף זי טאַקי היינט ניט לאָזן גיין... און בכלל: ווער גייט עס מאָנטאָג אין טעאַטער! און יוסף — צוליב

וואס דערציילט ער עס אים, אַז ער האט געזאלט גיין מיט אן אנדער מיידל... און פּאַרוואס קוקט זאשע אלץ ארונטער מיט א פאַר־פלאַמטן פּנים... ווייל זיי זיינען זיכער, אז ער וועט זאגן יאָ, וועט ער דוקא זאגן „ניין". — ער האט אין זיך אלץ גע׳חזר׳ט „ניין, ניין, ניין", ביז וואנען א גרויס שוואכקייט איז געפאַלן אויף אים, און די ווערטער האבן זיך מיט זייער אייגענעם כח פון זיינע ליפּן ארונטער־געקייקלט:

— הער זיך איין, זאשע טייערע, פּאַרוואס זאלסטו טאקע ניט גיין? גייסט דאך אזוי זעלטן ארויס פון הויז. אָט ביזט דאָך נעכטן א גאנצן זונטאג געזעסן אין דער היים. וואס אַרט דיך, גיי...

— יאָ אבער די קינדער... מען דארף זיי ארומוואַשן, לייגן שלאָפן...

און ווייל זי האט זיך ארויסגעוויזן אזוי געטריי צו די קינדער— זיינע קינדער — און האט בעסער געוואלט פאַרבלייבן אין הויז האט שוין וועלוולען פאַרדראָסן אויף זיינע פאַרדאַכטן, און ער איז געוואָרן נאך צוגעלאָזענער און איינרייידנדיגער:

— נו דאס איז אויך א געשעפט, כ׳קען עס טאָן אזוי וואויל, ווי דו. גיי שוין, גיכער, טו זיך איבער. עס ווערט שוין באלד שפּעט.

— גוט, האט זי איינגעשטימט. אַז דו ווילסט שוין אזוי שטאַרק, וועל איך גיין.

וועלוועלען איז איינגעפאַלן דאס הארץ. אים האט זיך גערוכט, אז פון יענער זייט זאשע׳ס ליפּן באַמיט זיך ארויס׳גנב׳ענען אַ שמייכעלע — אַ שאָטן פון א גרויסן נאך טיפערן געלעכטער.

זאָשע מיט אן אונצופרידענער מינע, וואס מען צווינגט זי צו גיין, האט זיך גענומען איבערטאָן.

— וואס פאַר א קלייד זאל איך אָנטאָן, דעם ברוינעם טריקאָלעט, אדער די בלויע סאַטינענע?

זי האט געפרעגט ביי יאָסלען, ביי יאָסלען האט זי געפרעגט, ניט ביים מאן.

ח

זיי זיינען אַוועק. וועלוול האט צוגעקליבן פון טיש. געלייגט די קינדער שלאָפן, זיך ווידער געזעצט ארבעטן.

און דאס איז וואס עס האט זיך אין אים גערעדט אונטער־קלאַפּנדיגן האַמער.

— ס׳איז דאך זיכער אַ נאַרישקייט, וואס ער אליין גיט זיי נאך אַ געלעגנהייט צו זיין צוזאַמען. איצט טאַקע קומט צווישן זיי גאר ניט פאָר. זי כער קומט צווישן זיי גאר ניט פאָר. אָבער ס׳קאָן זיך דאך עפעס אָנהויבן צווישן זיי. אויב ער וועט זיי אזוי אָפּט לאָזן צוזאַמען. נאַטירלעך, איז ער ניט אַזאַ גראָבער יונג און צוריק־געשטאַנענער מענש, אז ער זאל פארווערן זיין פרוי, זי זאל אַרויס־גיין מיט א פרעמדן מאַן, בפרט נאך — מיט אַן אייגענעם ברודער. אָבער צוליב וואס זאל ער נאך בידים זי איבערגעבן צו אים? דער ברודער איז דאך א יונגער, היציגער בחור . . . טאַקע אַן אמת׳ער פּאָעט. דאַרף ער דעם ברודער אויך אָפּהיטן. עס שטייט געשריבן: „און פאר אַ בלינדן זאלסטו ניט לייגן קיין שטרויכלונג״ . . .

און מיט אַ מאל, טראכטנדיג רואיג אַזוי, איז וועלוול אויפ־געשפרונגען, גענומען אַ דערבייליגנדיגן נומער פון אַן אָרטיגער ענגלישער בלאַט־ציי טונג און אנגעהויבן מישן די בלעטער. געפונען די טעאַטער אַנאָנסן. און באלד ארויסגעלאָזט דאס בלאַט.

דאָס בלאַט האט זיך געשאַרשעט אין דער לופט, אַ ווײַלע ניט געוואלט פאַלן, און זיך לסוף אַ טרוקענעם זעץ געגעבן אָן דיל.

צווישן די טעאַטער־אַנאָנסן איז נישט געווען קיין סימן פון אַן אַנאָנס וועגן א קאנצערט, וואו אַ באַרימטע אָפּערא־זינגערין וועט ערשיינען איין־איינציג מאל. ניט געווען.

נאַטירלעך, איז עס געווען א נאַרישקייט. ס׳האט דאך גע־קאָנט ערשיינען אין אַן אנדער נאָכמיטאָג ציי טונג. און אפשר איז די אנאנס ערשינען נעכטן . . .

דער פאָטער, א שווייגנדיגער, אַן אלץ־אריינגעמענדיגער, האט ווייטער עפעס געמורמלט פאר זיך אויף זיין אומפארשטענד־לעכן עובר־בטל׳דיגן אויפן, ווי אַן אומבאַוועגלעכער, שטיינער־דיגער בודהא איז ער געזעסן אויף זיין שטול, און קוים גערעדט פאר זיך:

— וואסער . . . וואסער . . . טיי . . . מור־מור־מור־מור . . . המפיל חבלי שינה . . . גיב א טרונק, זונעניו . . . אָב־כאַ־כאָ? טעאַטער . . . אַן אייגן ווייב, א ווייב . . . מור־מור־מור־מור.

און ענדלעך איז ער באַרואיגט געוואָרן, און שוין דרעמלענ־דיגערהייט פון צווישן די באַטאַבאַקטע וואָנצן אַרויסגעלייגט:

— נ־נ־נאַ . . . ס׳איז שפעט. ס׳איז שוין שפעט. מור־מור־מור. שוין צייט שלאָפן. שלאָפן. שלאָפן.

מור־מור־מור־מור. בידך — אפקיד — רוחי.

אַזוי האָט זיך אווענעצויגן דער זומער. און די היצן, אין די זוניגע טעג מיט די ווייסע חלומות. הערבסט האָט זיך שוין גענענ־טערט. טעג זיינען געוואָרן קירצער, און נעכט — גרעסער און שוואַר־צער. און אַז נעכט זיינען געוואָרן גרעסער און שוואַרצער, זיינען אויך ספקות געוואָרן גרעסער און פיינלעכער.

וועלוול פלעגט זיין אויף זיך אין כעס, פאַרוואָס ער פאַר־דעכטיגט זיי, ווען ער האָט קיין זיכערן גרונט ניט פאַר זיינע פאַר־דאַכטן. צווישן זיי איז גאָר ניט, גאָר ניט. און כדי צו דערווייזן זיך זעלבסט, אַז ער איז טאַקע מיט אַן אמת איבערצייגט אין דעם, אַז צווישן זיי קומט גאָר ניט פאָר, און ניט אַז ער שמועסט זיך בלויז איין אין דעם, כדי זיך צו בארואיגן — פלעגט ער זייער אָפט אוועק פון הויז גראָד דאַן, ווען קיינער איז אין הויז ניט געבליבן, אויסער זיין פרוי און יאָסלען.

און דערנאָך, זיך אָנפלאָגנדיג די גאַנצע צייט פון זיין אָפּ־וועזנהייט פון הויז, האָט ער זיך ארומגעזען, אַז עס איז אומזיסט זיין אָפּנאַרן זיך, אַז זיין רו הייננט די גאַנצע צייט אויף אַ משקולת, און ס'זעט זיך ניט קיין אויסוועג, ווי אַזוי דאָס אַלץ זאָל זיך ענדיגן. און, וואָס איז נאָך ערגער: ער איז שוין צוגעוויינט געוואָרן צו אַזאַ צושטאַנד פון שטענדיגער צאַפּלעניש, אַז אויב אַן ענדערונג וואָלט מיט אַ מאָל פאָרגעקומען, אַ מין אומדערוואַרטע זיכערקייט, אהער, צי אַהין — וואָלט ער זיך אויפגעכאַפּט און ערשט נאָך שטאַרקער דערפילט דעם ווייטאָג, פונקט ווי אַ שלאָפנדיג קינד, אַרום וועלכן מענשן זיצן און ריידן, כאַפּט זיך אויף, ווען אַרום אים ווערט מיט אַ מאָל שטיל.

איינמאָל, שפּעט באַנאַכט, איז ער געזעסן און געאַרבעט. געווען אריינגעפאַלן אַ סך אַרבעט. לעצטנס האָט וועלוול בכלל ליב געהאַט אַ סך און שווער אַרבעטן. אין שטוב איז געווען שטיל. זאַשע איז שוין לאַנג געגאַנגען שלאָפן. יאָסל איז געזעסן אַ גאַנצן אָוונט פאַרשפאַרט אין זיין חדר.

די לעצטע טעג איז ער געווען שווייגנדיג און איינגעשלאָסן. ער איז מסתמא געווען פאַרטיפט אין גרויסע שאַפונגס־פּלענער און אין דער שטילקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון זיין צימער, האָט ער געשמידט און אויפגעבלאָזן דאָס פייער פון זיין רום.

ווען ער פֿלעגט שוין אמאל יאָ ריידן צום ברודער, פֿלעגט ער אָדער פֿארמיידן צו קוקן אים גלייך אין פנים אריין אָדער ער פֿלעגט צו העזה'דיג עפֿענען זיינע אויגן און חוצפה'דיג לאַכן בשעת'ן ריידן.

לעצטנס האט ער אויך אנגעהויבן אָפֿט ריידן וועגן אַוועקפֿאָרן.

מיט איין מאָל דערהערט וועלוול א שאָרכן פֿון דער הויך, א רוקן פֿון א בעט איבער אים, אין זיין ברודער'ס צימער. ער שפּיצט אָן די אויערן, אים דוכט זיך צו פֿארנעמען א שעפּטשען. פֿאָרזיכטיגע טריט, א קלאַפּן פֿון טירען, ווידער א שעפּטשען.

ער איז אויפֿגעשטאַנען, געוואלט ארויפֿגיין אויף די שטיגן, פּאמעלעך אויף די שפּיץ פֿינגער, אונטערהערן, כאַפּן! באלד האט ער זיך פֿארשעמט פֿאר זיינע געדאנקען. נארישקייטן, דאס האט מסתמא דער ברודער זיך געמוזט איצט לייגן שלאָפֿן.

ער איז געבליבן זיצן, און געארבעט שטארקער און פֿלייסיגער. א שווייס האט אים אין גאנצן באדעקט.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאך האלבע נאכט. ער איז ארויף אין דער הויך. שטארק, זיכער, קלאפּנדיג אויף די שטיגן, פֿארטומלענדיג זיינע פֿארדאַכטן, איבערצייגנדיג דערמיט זיך אליין אז ס'איז נישטאָ וועמען און וואס צו פֿארדעכטיגן.

אין ברודער'ס צימער האט נאך געברענט. די טיר איז געווען א ביסל אָפֿן. דורך דער אָפֿענער טיר האט וועלוול, פֿארבייגייענדיג, געזען: זיין ברודער זיצט פֿלייסיג איבערגעבויגן איבער פּאַפּירן, שרייבט און מעקט, מעקט און שרייבט ווידער. ער איז געווען קענטיג, אין די צאפּלענישן פֿון א גרויסער אינספּיראציע.

אין אָט דער מינוט האט וועלוול געפֿילט פֿאר אים א געוואלדיגן אָפּשיי. פּאמעלעך, אויף די שפּיץ פֿינגער, איז ער צו צו זיין ברודער'ס טיר און זי פֿאָרזיכטיג פֿארמאכט. ער האט געוואוסט, אז זיין ברודער האט זייער ניט ליב, אז א זייטיג אויג קוקט אויף אים בשעת ער איז פֿארנומען מיט זיין שרייבערישער ארבעט און האלט דאריבער זיין טיר תמיד פֿארמאכט אין דער צייט. אים האט געוואונדערט פֿארוואס ער האט היינטיגעס מאל פֿארגעסן עס צו טאָן.

איצט איז וועלוול געווארן אזוי בארואיגט, שטיל, מיט א דאנקבארקייט צו זיין ברודער, זיין פֿרוי און דער גאנצער וועלט. — —

ער איז אריין אין שלאָף־צימער. ער האָט געוואָלט צו זיין פֿרוי איצט ריידן, ריידן, אַ סך ריידן, און דערביי פֿריינדלעך האַלטן איר האַנט, און לאָזן אַז די וואַרעמקייט פֿון איר האַנט זאָל איבער־פֿלייצן אין זיינע, אים רייניקן און אויסוואַשן אַלע זיינע מיאוסע פֿאַרדאַכטן.

זאשע איז שטאַרק געשלאָפֿן, געאָטעמט גרינג, אַביסעלע אַפֿילו געכראָפּעט. און אין דעם וואָס זי האָט איצט אַזוי שטאַרק זיכער געשלאָפֿן, כאָטש געוויינלעך די לעצטע צייט פֿלעגט זי האָבן אַזאַ אומרואיגן, לייכט איבעררייסנדיגן שלאָף, האָט וועלוול געפֿילט איר ריינקייט און אומשולדיקייט. ער איז געשטאַנען איבער איר בעט אַ פֿאַרלאָרענער, אַ זינדיגער.

זיין פֿרוי האָט אַלץ אַזוי לייכט געאָטעמט און געשלאָפֿן. נאָר אַז ער איז געשטאַנען אַזוי אַ לענגערע ווײַלע איבער איר און נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד אויף איר געקוקט, האָט זי ווידער, ווי אַמאָל בײַם טיש, עפּעס אויפֿגעעפֿנט די אויגן און מיט אַ פֿאַרשלאָפֿע־נעם קול אַרויסגעזאָגט:

— דאָס ביסטו, וועלוול? אַזוי שפּעט לייגסטו זיך שלאָפֿן... נו, לייג זיך שוין, דיין בעט איז פֿאַר דיר אויסגעבעט... איך בין עפּעס ניט געזונט — און זיך אומגעדרייט אויפֿן צווייטן זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט.

י

אין אַ קאַלטן הערבסטיגן זונטאָג איז דער אַלטער ר׳ אָרע אַגרעס אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין געלעגער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ ווינקל אינעם קאָרידאָר, אויפֿ׳ן צווייטן שטאָק, לעבן די שלאָף־צימערן. ער איז שוין אַ לענגערע צייט ניט געשלאָפֿן, איז געלעגן אַזוי אין אַ צושטאַנד פֿון אָפּגעטעמפּטקייט און האַלב־פֿונקציאָנירנדיגע חושים. אינ׳ם עובר־בטל׳דיגן מח האָט אים אויפֿגעבליצט, אַז אַזוי מוז מען זיך פֿילן נאָענט פֿאַר׳ן טויט.

ער האָט געהערט, אַז וועלוול אַרבעט אונטן, קלאַפּט אויף מיט׳ן האַמער איינזאַמע קלעפּ אינ׳ם פֿאַרטאָג.

מסתמא, האָט דער פֿאָטער געטראַכט, האָט ער איצט זייער אַ סך אַרבעט, וואָס ער איז אויפֿגעשטאַנען אַזוי פֿרי. הײַנט איז דאָך זונטאָג. אויסער דעם ווערן די טעג קלענער, און מען מוז אויפֿשטיין פֿריער. נאָר לעצטנס, האָט וועלוול בכלל אָנגעהויבן אויפֿשטיין זייער פֿרי פֿאַרטאָג. אים אָבער, דעם אַלטן, איז שווער געווען אויפֿ־

צושפּיין, נישטאָ שוין קיין כח. נאָר אז ס'האט אנגעהויבן ווערן ליכטיג, איז ער אויפגעשטאנען און זיך גענומען אָנטאָן.

און אזוי זיצנדיג אויפ'ן בעטל, האט ער דערזען, ווי זיין שנור, אין א לאנגן בלייכן נאַכט־העמד, גייט ארויס פון יאָסל'ס חדר און גייט גיך־גיך אריין צו זיך אין חדר.

דעם אַלטנ'ס גלידער, וואס טרייסלען זיך תמיד פון שוואכ־קייט, זיינען פארגליווערט געווארן. ער איז אזוי געבליבן זיצן מיט אן אָפּענעם מויל און מיט א נאקעטער־לינקער פוס, אויף וועלכער ער האט בדעה געהאט ארויפצוציען א זאָק, אין דער רעכטער האַנט.

ער וואלט ניט געוועזן אימשטאַנד אָפּצושאצן די לייַנג פון דער צייט, וואס ער איז אזוי געזעסן. אין קאָפּ האט אים די גאנצע צייט אויך אזוי גערוישט און דאס האַרץ האט נאָכאַנאַנד געקלאפּט. צום סוף האט ער זיך אנגעהויבן קראַצן, און דאס איז דער ערשטער סימן פון זיין קומען צום באַוואוסטזיין. ער האט געקוקט פארוואונ־דערט און באטויכט אויפן אַרום. דערנאך האָט ער זיך ווי ניט איז אָנגעטאָן.

מיט שווערע טריט איז ער אַרונטער די טרעפּ. איין מחשבה, איין געפיל האט אים איצט געטריבן, געשטופּט ארונטער, געיאָגט פאָראויס: דערציילן נאך אימעצן, נאך אימעצן, נאך אימעצן! ער איז אריין אין עס־צימער און צו צום פענסטער פון דער טיר, וועלכע האט אפּגעטיילט דאס עס־צימער פונ'ם ארבעטס־חדר. א ווייַלע האט ער געקוקט אזוי דורכ'ן גלאָז אויף דער איינגעבוי־גענער פיגור פון זיין עלטערן זון.

דער גאַז־לאָמפּ האט נאך דארט געברענט. עס איז געווען אַ קילער פרימאָרגן.

אַ לייַנגערע ווייַלע איז ר' ארע געשטאַנען. דערנאך האט ער אָנגעהויבן אָפּטרעטן צוריק, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צו אַ שטול, ווי דערגייענדיג מיט זיינע לעצטע איבערגעבליבענע טריט. ער האט זיך ארונטערגעגליטשט אינם וויג־שטול. זיין האַנט האט זיך ציטער־דיג געפּאָרעט ארום דעם טלית־זעקל. מיט א טרייסלדיגער האַנט האט ער ארויסגענומען דעם טלית, זיך איינגעוויקלט אין אים און גענומען אַ סדור אין האַנט.

זיין איינגעבויגענע פיגור, אינם טלית און תפילין איינגע־וויקלט, האט אויסגעזען ווי א שטיק צעבראָכנקייט, אַ פאַרגליווערטע הילפלאָזיקייט. מיט'ן שוואַכן מח און מיט דער שטאַרקער לעבנס־חכמה האט ער עם אַלץ, אַלץ ארומגעזען.

... און וואס וועט דען גאנצער ווערן, וואס נאך אימיצער, אז וועלוול וועט אויך וויסן? דאס געטאָנענע איז דאך שוין אָפּ־געטאָן, קיין אָפּגעטאָנענע שלעכטס קען ניט אויסגעבעסערט ווערן. וואס וועט העלפן? ער האָט אויפגעעפנט דעם סידור. נאָר אנשטאט די תפילות פונ'ם סדור, האבן זיך אים אינ'ם עובר בטל'דיגן מח גאָר געפלאָנטערט עפעס פסוקים פונם פרק, דעם פרק וואס ער האט נעכטן א גאנצן נאָכמיטאג געלייענט:

— מור־מור־מור... מאד מאד הוי הזהר... שתקות אנוש רמה.

א.

אין א דאנערשטאג פאַרנאַכט איז יוסף אַגרעס געזעסן אויף זיין הינקענדיגער טאבורעטקע און געלערנט מיט די אינגלעך פון דער מחלקה ג׳.

די תלמוד תורה האט זיך געפונען אינם קעלער־עטאַזש פון דער שול „דורשי ד׳״. ס'איז דארט געווען דושנע, טונקל. דורך די קליינע פאַרבלאָטיגטע און פארשטויבטע פענסטערלעך, וועלכע מען פלעגט וואַשן בלויז צוויי מאָל אין יאָר, פאַר פסח און פאר די ימים נוראים, האט ארייגעבלאָזן א שווינדזיכטיגער אָנהויב אָוונט.

יוסף האט מיט שנאה געקוקט אויף די תלמידים. פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים האָבן זיי אים שוין גענוג אויסגעמאַטערט. ער האָט יעדן איינעם פון זיי באַטראַכט, ווי זיינעם א פערזענלעכן שונא, ניט אַנדערש, ווי יעדער איינער פון זיי האט באַ זיך באַ־שלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אים, מיט'ן לערער דערפאַר, וואס זיי ווערן געצוואונגען צו גיין אין תלמוד תורה אריין קעגן זייער ווילן.

יוסף האט זיך אַנטשלאָסן זיך מער ניט וויסנדיג מאַכן פון דעם, וואס עס קומט פאַר בשעת'ן לערנען אויף די הינטערשטע ביינק. אפילו ניט פון דעם, וואָס ס'קומט פאָר באַ אים אונטערן נאָז. ער זעט גאָר ניט, גאָר ניט. ער האַלט איצט די אויגן ברייט פאַרנאַנדערגעעפנט, אזוי ברייט ניט פאַראָטנדיג. ער האָט עס געטאָן פון גרוים וואונדער, ווי אַזוי אַרום האט עס פאַסירט, אַז ער, דער באַרימטער פאָעט יוסף אַגרעס, צו וועמען עס איז קיין גלייכן ניטאָ אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור, ער, וועלכער האט אייגנטלעך געשאַפן די נייע אידישע פאָעזיע — דאס האָט ער דאָך געקענט זאָגן אויף זיך זייער אומפּאַרטייאיש — ער, וועלכער האט אַריינ־געבראַכט אַזאַ נייעם פרישן און דורכאוים אָריגינעלן טאָן ניט נאָר

אין דער אידישער פּאָעזיע — דאס האָבן זיינע פֿאַרערער שוין לאַנג געוואוסט — נאָר אויך — און דאס האט ער שוין אליין געוואוסט — אין דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע, — ווי אַזוי האט עס געקענט פּאַסירן, אַז ער זאָל אָט דעם פֿאַרנאַכט און אזוי פֿיל אַנדערע פֿאַרנאַכטן, אָפּפינסטערן אין אַזאַ נאַרישער, אַרויסגעוואָרפֿענער מלאכה?

דאס גאַנצע איבערגעלעבטע, די עטלעכע חדשים דאָ, אין דער קליין שטעטל אין שטאַאַט איללינאָי, האָבן זיך אים איצט אויסגעדוכט, ווי א קאשמאר, ווי א בייזער חלום און ערשט איצט האט ער זיך פֿון דעם אויפֿגעכאַפּט. אים איז אזוי ליכטיג געוואָרן פֿונם געדאַנק, אז דאס פֿארגאנגענע איז בלויז געווען א חלום, אן אויסגעטראַכטע זאַך, און ער האָט גלייך באַשלאָסן באַ זיך, אַז עס נעמט שוין אן עק צו דעם. אַ סוף. ער׳ט אין גיכן אַוועקפֿאָרן פֿון דאנען. יא, אוועקפֿאָרן. דאס איז עס, וואס ער דאַרף. ער האט זיך געפֿרייט וואס די דערלייזונג זיינע איז שוין אזוי נאָענט, און ער האט זיך אויך געשראָקן, טאָמער וועט זיך דער בייזער חלום צוריק אומקערן, ס׳וועט זיך נאך ארויסווייזן, אז ס׳איז ניט געווען קיין בייזער חלום, נאר א ווירקלעכקייט, א ביטערע ווירקלעכקייט, ווייל וואס וועט ער טאָן אין ניו־יאָרק... אין שאַפּ וועט ער שוין ניט גיין, ס׳איז גאָר א שאַנדע, אַז אַזאַ פּאָעט, ווי ער, זאל ארבעטן אין אַ שאַפּ. אַ גרויסער פּאָעט — און אַ באַטאָן־האָל מייקער! ער האט נאָך גדיינקט, ווי איינער א רעדאקטאר, האט עס אים אויפֿגעווארפֿן. פֿון גרוים אומרואיקייט האט ער זיך געהויבן פֿון פּלאץ, און נאך שטאַרקער באשלאָסן, אַז ער מאַכט שוין גלייך אן ענדע צו דעם.

ער האט געזוכט א שטאַרקונג פֿאר זיין געדאַנק, אז ער דארף אוועקפֿאָרן. ער האט מיט אמאָל געקראגן רחמנות אויף זיך, וואס ער האט דא אזוי פֿיל זיך פֿארטונקלט אינם פֿארוואָרפֿענעם שטעטל. א פּאָעט דארף וואוינען אין א גרויסער שטאָט! און זיין רחמנות אויף זיך זעלבסט איז אין אים נאך מער געוואַקסן, פֿארפֿלייצט דאס האַרץ און זיך איבערגעגאָסן אויף די קינדער. האט ער דאך אזוי גוט געוואוסט, אז די קינדער פּטר׳ן דאָ אויך אומזיסט אזוי פֿיל צייט, אז די ארבעט אויף זיי איז אין גאנצן אן אַרויסגעוואָרפֿענע, אז אַמאָל וועלן נאך די אויסגעוואקסענע קינדער טראַכטן מיט שנאה און א געפֿיל פֿון באַפֿרייאונג און דערלייכטערונג פֿון יענע טעג, וואס זיי האבן פֿארבראכט אין דער תלמוד תורה. קיינער, קיינער — ניט די עלטערן און ניט די קינדער — געווינען ניט קיין,

גוטס פֿון אָט דער „אידישער" ערציִאונג. אויסער אפשר עטלעכע לערער, וועלכע קענען זיך צו קיין בעסערער פּרנסה ניט צושלאָגן.

ס'איז זיכער, ער'ט אוועקפֿאָרן, ווייל אויסער דעם, איז דאָ, אינם ברודערס הויז... כ'ווייס, צו וואס דארף ער עס... אַז באַ אים איז עס א ברעקל, א גאָר ניט, א זיסער ביסן, און באַ יענעם איז עס דאס גאַנצע לעבן.

פֿון דעם, וואס ער האט באַשלאָסן אוועקצופֿאָרן, און פֿון דעם, וואָס אַ קוואַל פֿון ווייכקייט און רחמנות האט אין אים אויפֿגעשלאָגן צו די קינדער, און פֿון דעם, וואָס ער האָט שוין באַצייטנס געפֿילט זיך דערהויבן און אַ בעסערער מענש, אָפּמאַכנדיג באַ זיך אויפֿצוהערן אָפּנאַרן דעם ברודער — פֿון דעם אַלעם איז יוסף אַגרעס, דער פּאָעט מיט דער שיינער, זעעוודיגער נשמה און פֿיין־געאיידלטע געפֿילן, אריינגעפֿאַלן אין א געהויבענעם צערודערטן צושטאַנד, אין אַ צושטאַנד פֿון זעאונגען און חלומות. זיינע שענסטע זאַכן האט ער אָנגעשריבן זיך געפֿינענדיג אין אַזאַ צושטאַנד. נאָר אזוי ווי איצט האט דאָך קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן שרייבן, איז ער גלאַט אַזוי אריינגעפֿאַלן אין א חלום'דיגן צושטאַנד, זיך אין גאַנצן אָפּגעלאָזן. ער איז אוועקגעטראָגן געוואָרן, האט זיך אויפֿגעהויבן און געפֿלויגן, הונדערטער און הונדערטער מיילן מזרח צו, צום גרויסן וועלט־כּרך באַם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

ס'איז געווען אָן אָוונט, אַן אָוונט פֿון וואונדער און רויטקייט. אין א קליינעם, אָרימען פּלעט האָבן זיך זיינע פֿאַרערער צונויפֿגעקליבן אויף א ליכטיגער קאָראַנאַציע. מען האט אים, יוסף אַגרעסן, געקרוינט פֿאַרן קעניג פֿון די אידישע דיכטער. ס'איז געווען א זעלטזאמער, רויטער און פֿאַנטאַסטישער אָוונט. אלעמענס פּנים'ער זיינען געווען ברענענדיג צעפֿלאַמט, פֿול מיט דער וויכטיקייט פֿון דער פּאַסירונג. די אויגן פֿייערדיגע און געהיימניספֿולע, ווי באַ קאָנספּיראַטאָרן. פֿון די אָפֿענע פֿענסטער פֿונם קליינעם הויז הויז אין ניו לאטס האָבן זיך די געשרייען צעשפּרייט איבער די נאָענטע פֿעלדער, איבער א וועלדל, איבער א דערבייאיגער אייזנבאַן ליניע. די מאַנסבילן האבן געוואָרפֿן די היטלען אין דער הויך, געבראָכן די סאָדאַ פֿלעשלעך און געטראָטן גרויזאַם אויף די אָנגעוואָרפֿענע שאָלעכצן פֿון די ניסלעך. די פֿרויען האָבן געקוקט אויף אים, אויף אַגרעס'ן, דעם קעניג פֿון די אידישע פּאָעטן, מיט ברענענדיגע, אויפֿעסנדיגע אויגן און צעפֿלאַמטע באַקן. יעדע איינציגע פֿון זיי האָט אזוי געביינקט און איז געווען גרייט צו ווערן זיין קעפּס־

ווייב כאָטש אויף איין נאַכט, כאָטש אויף איין נאַכט, כאָטש אויף איין נאַכט.

ס'איז געווען אַ גרויסע און אַ רויטע נאַכט. אַגרעס איז איצט געווען אזוי פאַרשלונגן אין דער רויטקייט פון דער אויסוויילונג, אַז ער האָט ניט געזען, ווי דער אינגל, אים אנטקעגן, האט אויסגעביטן באַ זיין חבר מארבעלס אויף טשעקערס. דערביי האָט דער אינגל פאַרעכטלעך, ווי צוואוואַרפנדיג א ביינדל דעם לערער, ער זאָל ניט שרייען, צעצויגן אויסגעזונגען מיט'ן אַקצענט מלרע:

— הוי נח — לכל — — הבר־יו־ת.

יב

וועלוול איז אריינגעגאנגען אין עס־צימער אַריין, צום אָונטבּרויט. יאָסל איז נאָך ניט געקומען פון תלמוד תורה. זאָשע איז געזעסן באַם טיש און געהאַלטן איר האַנט ווייט פון זיך אויסגעשטרעקט. ווי א פרעמדס האט עס אויסגעזען אין אָט דער מינוט, מיט אן אייגענעם באַזונדערן לעבן, נאָך מער, אין אָט דער קליינער, בלייכער האַנט האט זיך איצט קאָנצענטרירט איר, זאָשעס, גאַנצער לעבן, דאס, וואס האט שוין מיט איר פאַסירט, און דאס וואס איז שוין ערגעץ אינם וועלט־רוים אָנגעגרייט פאַר איר. און די קליינע האַנט האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אומהיימלעכע קליינע חיה'לע. א חיה'לע פון אַן אנדער וועלט.

אַ שכנה איז געזעסן זאָשן אַנטקעגן. זי האָט באַטראַכט די ליניען פון זאָשע'ס האַנט, און פאַר איר אויסגעלייגט איר מזל.

כאָטש וועלוול האָט גוט געקענט די דאָזיגע שכנה, האט ער זיך איצט פאַר איר געשראָקן. זי איז געווען איצט א פרעמדע און אומהיימלעכע, א מכשפה. איר פנים איז געוואָרן דאַרער, בלייכער, טונקעלער, אויסגעצויגענער. ער האט זיך געוואונדערט, וואס ער האט ביז איצט גאָר ניט באַמערקט, אז דער שכנה'ס נאָז איז אַן אויסגעקרימטע, א שפּיציגע און א גרויסע האָריגע בראָדעווקע שפּראָצט באַ איר ארויס פון א מיטן באַק.

באמערקנדיג זיין אריינקומען, האט די שכנה אָפּגעלאָזן זאָשע'ס האַנט. איר אַפּעטיט האט זיך אין איר צעשפּילט, און זי האט געוואָלט נאָך א קרבן, א גרעסערן קרבן, — א מאַנסביל. די מאַנסבילן וועלן זיך אויך צאַפּלען באַ איר, זייערע הערצער הייענדיג אויף א שטריקל פון זייער אומבאַקאנטן מזל, און דער צווייטער עק פון'ם שטריקל ליגט באַ איר אין די הענט — — —

— קומט אַהער מר. אַגרעס, כ׳וועל לייענען אייער דלאָניע..

וועלוול האט זיך געצוואונגענערהייט צעלאַכט. נאָר דאס האַרץ אין אים האט זיך צעשפּרונגען. אָט איצט איז געקומען די געלעגנהייט! ווער ווייסט — איצט אפשר קען ער אויסגעפינען דעם אמת, דעם גאַנצן אמת! ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואלט געשטאַנען פאַר א גרויסן אָפּגרונט. די לעצטע מינוט, איידער ער שפּרינגט ארונטער. דאס האַרץ האט שוין אנגעהויבן זינקען פון דער זיכערקייט פוּנ׳ם שפּרונג. ער האט זיך נאך שטאַרקער צעלאַכט: ער גלויבט ניט אין אַזעלכע זאַכן. באָבע־מעשיות. קיינמאָל אין זיין לעבן וועט ער ניט גלויבן אין אַזעלכע זאבובאָנעס.

די שכנה האט זיך אויפגעבלאָזן. איר הייליקייט איז געווען פאַרשוועכט. איר פנים איז געוואָרן רויטער, בלוטיגער, מענשלעכער.

— נעווער מיינד, א נאַרישע פלוידעריי... דאס איז א ווי־סנשאַפט, א חכמה... חכמת היד, מען רופט עס אין גוי׳איש כי־ראָפּאָדיע... דאס הייסט כ׳מיין כיראָמאַנטיע...

וועלוול האט א קוק געטאָן אויף זאָשע׳ן. ער האט זיך געשעמט פאַר זיך, מורא האָבנדיג, אז טאָמער ווייסט זי וואס ס׳קומט פאָר באַ אים איצט אין האַרצן. אז ער האט אויף איר אָנגעשטעלט זיין פאַרשעמטן בליק, האט ער דערוואַרט צו טרעפן זי מיט ארונטערגעלאָזענע אויגן. נאָר זאָשע האט אויף אים אנגעשטעלט אזעלכע ברייט־פּולע, שטאַרק אָפענע אויגן — ארויסרופנדיגע אויגן, האט זיך וועלוולען געדוכט — און האט אים נאך אָנגעהויבן צו ריידן.

— זיי ניט קיין נאַר, וועלוול, לאָז זיך לייענען דיין דלאָניע... פאַרוואס ניט? לאָז זיך לייענען דיין דלאָניע וואס וועט עס דיר שאָדן?

דאס האט וועלוולען אביסל באַרואיגט און פאַרזיכערט, אז מען קען נעמען דעם זעלבן ענין ווי א שפּאַס. א שמייכלענדיגער האָט ער זיך אנידערגעזעצט באַם טיש. אָבער אונטער זיין שמייכלענדיגן פנים האט זיין האַרץ נאך שטאַרקער געקלאַפּט פון זאָשע׳ס ארויס־רופנדיגע אויגן. דאס איז געווים די אומפאַרשעמטע, ליגנערישע זיכערקייט פון איינעם, וועמען מען כאַפּט באַ דער האַנט, האט וועלוול געטראַכט. און ער האט דער שכנה אויסגעשטרעקט זיין פאַרמאַזאָליעטע האַנט, פון וועלכער ס׳איז קיין מאָל ניט געלונגען ארויסצווואַשן דעם גאנצן שמוץ און שוואַרצקייט. דער פעך, די

וואקס און לעדער האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין הויט, אין די דינע שפּעלטעלעך און געוואַקסן צוזאַמען מיט׳ן גוף.

ווי דינער שרויט האבן זיך אויף זיין מח געשאָטן ווערטער, אַ סך ווערטער. זיך געקלאפּט אָן זיין שאַרבן און אָפּגעשפּרונגען, ווי רעגנטראָפּנס פֿון א דאַך:

— אָ, אָט די ליניע אָ... איר זעט... — זי האַקט זיך איבער אין מיטן... פּלוצלונג פֿאַרשווינדט זי. ס׳מיינט, אַז אייך איז באַשערט אין לעבן זייער א גרויסע אומאָנגענעמלעכקייט... און די אומאָנגענעמלעכקייט וועט אייך בריינגען איינער, וועמען אייך וועט גאָר ניט איינפֿאַלן צו פֿאַרדעכטיגן... אייער א נאָענטער...

— און איר זעט אויך אָט די קלייניקע ליניע פֿאָרנט פֿון דער זייט, וועלכע שטויסט זיך אָן אָן דער גרעסערער ליניע נאָענט באַ דער איבערהאַקונג? אָט די קלייניקע ליניע פֿאַרשווינדט אויך; איר וועט אלץ איבערקומען... יענער נאָענטער, וואס וועט אייך בריינגען די אומאָנגענעמלעכקייט, וועט פֿאַרשווינדן און ארויס פֿון אייער לעבן אזוי פּלוצלונג, ווי ער האט זיך באַוויזן... און אימער גליק, און אימער רו וועלן זיך ווידער אומקערן צו אייך, ווי געוועזן.

אַ שטאַרק־דערשראָקענע איז די שכנה געבליבן זיצן אַזוי מיט א פֿאַרנאַנדערגעעפֿנטן מויל. וועלוול האט פּלוצלונג א ריס אַרויס געטאָן זיין האַנט, איז אויפֿגעשפּרונגען און דערשראָקן פֿיינט־לעך אָנגעקוקט די שכנה, די וואָרזשאָגערן. אים האט זיך געדוכט, ווי אירע ברייט־פֿאַרנאַנדערגענומענע אויגן — כאָטש אליין איז זי דאָך געווען אן איבערגעשראָקענע — פֿאַרפֿאָלגן אים, דרינגען אין אים, און עסן זיך אין אים אריין. ער איז ארויסגעלאָפֿן פֿון צימער.

איידער ער איז נאך געווען אויף יענער זייט טיר, האט אים א שיין געטאָן פֿאַר די אויגן זיין ווייב׳ס פּנים, וועלכעס איז איצט געווען ארונטערגעלאָזט צוזאַמען מיט אירע אויגן. איבער אלץ האט זיך געשפּרייט די געלבלעכע ליכטיקייט פֿונ׳ם לאָמפּ.

אויף יענער זייט טיר, אינ׳ם צווייטן חדר, האט ער זיך אריינ־געוואָרפֿן אין א קאַנאַפּע אריין. דאָס קלאַפּן אין די שלייפֿן און אין האַרצן איז שוואַכער געוואָרן. ער איז געווארן א ביסל רואיגער.

ס׳אַראַ נאַרישקייט. — האט ער געטראכט. צו וואס דארף מען עס אין גאַנצן האבן די דאָזיגע אָנזאָגונגען, וואָרענישן און קראַקן פֿון ראָבן... צו וואס גאָר וויסן אויף פֿריער, וואס שפּעטער וועט פּאַסירן... אז עס וועט קומען, וועט עס קומען... אז ס׳וועט קומען, וועט עס קומען... וועט עס קומען, וועט עס קומען...

פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים, וועלכע זיינען פול געווען פאַר אים מיט ליידן, מוטשענישן, אומזיכערקייטן און ספקות, איז וועלוול געוואָרן נאָך שטילער ווי תמיד. אים איז איצט געווען קלאָר, אז עס איז בעסער, אז מען חקירה'עט זיך ניט צופיל, און מען זוכט ניט צופיל, און מען ווייסט וואָס ווייניגער. דאָס גאַנצע לעבן איז ווי א זייפנבלאָז: אז מען רירט עס אָן — פּלאַצט עס. מען דאַרף בלויז קוקן אויף דעם — האָט וועלוול געטראַכט, פון דער־ווייטנס, און זיך חיות'ען מיט זיין אויסזען, ווען זונען־שטראַלן גליטשן זיך אויף זיינע ווענטלעך, און גיבן צו צו דעם אָן אָפּגלאַנץ פון בלישטשענדיגן גלאָז, אָדער איידעל־דורכזיכטיגעס וואַסער. יאָ, פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זען געדיינקען, אז דאָס גאַנצע לעבן האָט גאָר קיין ממשות ניט, אז אין א פּאָר מינוט ארום קאָן עס איינגאַנצן צערינען.

נאָך דעם זעלביגן אָוונט, באַם ענדע וועטשערע, האָט יוסף אַגרעס גאָר אומדערוואַרט ארויסגעפּלאַצט אין מיטן פון א זייטיגן געשפרעך:

— איז הייסט עס, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, היינטיגן זונטאָג פאָר איך שוין אוועק פון דאַנען.

וועלוולען האָט זיך פון דעם אָפּגעריסן עפּעס אין האַרצן, און אָנגעהויבן זינקען, זינקען, ווי פון א דערוווייטערטער פרייד, וואָס וועט אָט־אָט, אין דער נעקסטער מינוט פּאַסירן, ענדלעך וועט עס נעמען א סוף צו זיינע פּייניגונגען! זאָשע האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן. וועלוול האָט זיך געלאָזט גיין נאָך א טעלערל קאָמפּאָט, און א פאַרוואונדערטער ארויסגעקוקט צום ברודער:

— וואָס איז עס אויף דיר די איילעניש? גאָר אזוי, פּלוצלונג... פאַרבלייב דאָ נאָך א ביסל.

בשעת מעשה האָט ער דערפילט, ווי זיין קול קלינגט מיט אַן אומאויפריכטיקייט און ער איז געווען זיכער, אז דער ברודער פילט עס אויך. האָט ער זיך באַמיט נאָך שטאַרקער און הייסער מאַכן זיין בקשה.

— פאַנטאַסטישער קאָפּ דו איינער... וואוהין וועסטו לויפן? ווידער קיין ניו־יאָרק? דו'סט דאָרט עפּעס פאַרשפּעטיגן? לאָז דיין מח אפּרוען פון דער טומלעניש, און פון דער אומזיסטיגער צייט־צעריי־

בעניש פֿון ניו־יאָרק. קלייב דאָ אָן כחות, שעפּערישע כחות... וועט זיך באַ דיר שפּעטער א גאָס טאָן ווי פֿון א קוואַל.

ער האט גערעדט צו אים, ווי צו א „שרייבער" און דערמיט געלאָזט וויסן, אז ער פֿארשטייט זייער קלאָר, וואס ס'איז באַם ברודער דאס וויכטיגסטע אין לעבן. די טענה איז זיכער אָן אויפֿריכ־טיגע און וועט דעם ברודער געווים איבערצייגן, אז ער, וועלוול, מיינט עס טאקע מיט אמת'ן. און דאָ האט זיך וועלוול דערשראָקן. זיין ברודער קאָן זיך טאַקע נאך לאָזן איבערבעטן און פֿאַרבלייבן דאָ אויף ווייטער... ס'האט אים אָנגעהויבן פֿארדריסן זיין שוואַכקייט און ערלעכקייט. זאל ער פֿאָרן! נאך וואס האַלטן אים דאָ? א ברודער, צי א פֿרעמדער — ער, וועלוול, דאַרף זיין גליק אָפּהיטן און ציטערן איבער דעם, און אָפּשלאָגן יעדן איינעם...

יוסף האט זיך איינגע'עקשנ'ט און זיין פּנים האט אין אַזעלכע מינוטן טאקע אויסגעקוקט, ווי באַ אן איינגעשפּאַרט קינד:

— יאָ, אָבער אז איך מוז אוועקפֿאָרן!

און וואס מער יוסף האט זיך געשפּארט, אז ער מוז אוועק־פֿאָרן, אז ער פֿילט אז „ס'איז געקומען די צייט", — האט וועלוול אלץ מער פֿאר'עקשנ'ט גע'טענה'ט, אז ער זאל בלייבן דאָ. אים איז איצט געווארן מאָדנע קלאָר, אז דער ברודער וויל דאַריבער אזוי שטארק אוועקפֿאָרן, ווייל ער פֿילט זיך שולדיג און וויל אנטלויפֿן איבער זיין געפּלאגטן געוויסן. און דאריבער איז באַ וועלוולען נאָך שאַרפֿער און ברענענדיגער געוואָרן דער פֿאַרלאַנג, אז דער ברודער זאָל בלייבן דאָ. באַ אים איז עס איצט געווארן א סימן, א דער־ווייזונג. אויב דער ברודער וועט פֿאַרבלייבן דאָ, איז עס א סימן, אז צווישן אים און זאָשען איז גאָר ניט פֿאָרגעקומען, אז ס'איז ניטאָ, וואס ס'זאל אים פֿאַרטרייבן פֿון דאַנען. ס'איז איצט געווארן וועלוול'ס לעצטע האָפֿנונג פֿאַר רו און זיכערקייט.

און דאָ איז געשען עטוואס אומדערוואַרטנדיגס. באַ דעם אַלטן ר' אָרע, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסן א שווערער און אָנ־געלאָדענער, און שווייגנדיג געשטאַרט פֿאר זיך, ווי א בודהאַ, מיט א פֿאַרכמורעטן בליק, האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן די אויגן. ער האט טאַקע אלץ ניט באוועגט זיין אַלטן, שווערן גוף, נאָר פֿון זיינע ליפּן האט זיך ארונטערגעקייקלט א האַרטער אומפֿאַרענדלעכער פּסק דין:

— וועלוול, איך זאג דיר זאל ער פֿאָרן! זאל ער פֿאָרן, וועלוול

טעג, אָוונטן, וואָכן, חדשים האבן זיך אָן א סוף ארויסגע־שיילט פון דער אומבאוואוסטקייט, שטיל אָנגעפלייצט אויף וועל־וולען, און ניט געוואָרן, זיי האבן איבערגעלאָזן נאך זיך א לופטיגע עראינערונג פון זיך זעלבסט.

איינמאל, שוין לאַנג נאך יענעם זונטאָג, ווען יוסף אַגרעס איז טאקע אָפגעפאָרן קיין קליוולענד, האט אין א צעמישטן שלאָף פון א פאַרשטערטער נאכט זיך וועלוולען געחלומ׳ט:

אז ער איז געקומען פון גאַס אהיים, אין א פאַרנאכט — א גאנצן טאג האט ער ארומגעבלאָנזשעט איבער דער שטאט, — האָבן אים די קינדער באַגעגנט מיט א געוויין:

— פאפא, די מאמע איז ניטאָ... שוין א גאנצן טאָג ניטאָ... וואוהין איז זי אוועקגעפאָרן? פא, וואו איז די מאמע?

פון די שכנים האט ער זיך דערוואוסט, אז זיין פרוי איז נאך גאנץ פרי אוועקגעפאָרן, איינגעפאקט אַ גרויסן טשעמאָדאן און אוועקגעפאָרן קיין קליוולענד.

— קיין קליוולענד? — האט וועלוול שטיל איבערגע׳חזר׳ט.

— יאָ קיין קליוולענד.

נאָך האבן די שכנות דערציילט, אז מען פלעגט זי לעצטנס זען זייער אָפט גיין אין פאָסט אָפיס אריין. א קלוגע, שוין געניטע שכנה האט אריינגעוואָרפן: — מסתמא זיך נאכפרעגן אויף א בריף אין דער דשענעראל דעליווערי.

און וועלוול האט פון די אלטע רייד דערפילט א מאָדנע גרינגקייט. ער האט צעגויפגעשלעפט אלע שכנים און זייערע קינ־דערלעך, און זיינע קינדערלעך. זיי צעשטעלט אין א קאראַהאָד, זיך געדרייט און זיך געקריזט מיט זיי איג׳ם אָוונט. צום סוף האט ער אויך אריינגעשלעפט דעם שוין האלב פאראליזירטן פאָטער אין דערמיט קאראהאָד, און אלע האבן זיך ארום אים, דעם פארגלי־ווערטן פאטער, ארומגעדרייט, ווי ארום א נידעריגן שווארצן, שוין איינזינקענדיגן דיינקמאָל.

נאָר באלד האט דער דיינקמאָל אזא שווערן בליק געוואָרפן אויף אלעמען, אז זיי זיינען אויך אזוי ווי פארגליווערט געוואָרן.

— וואס איז די שמחה? וואס איז די שמחה?

די ווייבער, די קינדער — זיי זיינען פארגליווערט געוואָרן אויף זייערע פלעצער מיט זייערע פריידיגע באוועגונגען. ווער מיט א פוס אין דער הויך, ווער מיט אן אויסגעשטרעקטי אָרעם, ווער

מיט א האַנט פאַרבאַקאַם, ווער מיט א פאַרגליווערט תמ׳עוואטן שמייכל אויף די צעעפנטע ליפן... און אויף וועלוולען האט זיך שווער עפעס א וואָרף געטאָן, און געדריקט, געדריקט. —

ער האט זיך אויפגעכאפט אין גאנצן באגאסן פון שוויס. ס׳איז געווען טונקל און דושנע אינ׳ם שלאָף־צימער. זאָשע איז געלעגן נאָענט לעבן אים. א פוס אירער שווער אריבערגעוואָרפן איבער זיין גוף.

זי איז געלעגן נאָענט לעבן אים, א זייטיגע, א דערווייטערטע, א פרעמדע, א פרעמדע, — — מעגלעך אז זי שלאָפט גאָר איצט מיט אן אַנדערן. זיין בלוט האט אין אים א שפּאַר געטאָן, און ער האט געוואלט זי אויפרייסן פון שלאָף און פרעגן באַ איר פלוצלונג, און דערגיין אלץ, אלץ. ער האט זיך אויפגעזעצט און באַטראַכט זי אין דער פינסטערניש.

א שמייכל איז איצט געווען אויף אירע ליפן, פולע, דורשטיגע האלב־צעעפנטע. אירע הענט האָבן זיך שלאָפנדיגערהייט אויסגע־שטרעקט און אים ארומגענומען.

ער האט זיך אונטערגעגעבן, און איז צוריק אנידערגעפאַלן אויפ׳ן בעט. ער איז שוין אָבער ניט איינגעשלאָפן דעם רעשט פון דער נאכט. ער האט פאַרשטאַנען, אז ס׳איז משוגע פון זיין זייט צו פרעגן באַ איר. וואס זאל זי אים דען ענטפערן? און אז זי וועט זאָגן ניין, וועט ער דען וויסן? און טאָמער זאגט זי גאָר "יאָ"? און צו וואס דארף ער גאר דעם אמת?

ס׳איז אים געוואָרן קלאָר, אז זיין גאַנצן לעבן וועט ער דורכגיין ווי אין א דין קרישטאָלענעם הויז, א הויז פון גלאָז, און ער וועט ארומגיין שטיל און פאָרזיכטיג, ער זאל עס ניט צעברעכן מיט זיינע גראָבע הענט.

פון דעם געדאַנק האט ער זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן צו באַרואיגן.

אינ׳ם פאַרטאָג, ווען דער קאַרגער ליכט פונ׳ם קאַלטן ווינטער טאָג האט אָנגעהויבן אריינשפּראָצן דורכ׳ן פענסטער און איידער ער, וועלוול, איז איינגעשלאָפן, האט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרומצונעמען א קאַלטער גרויל באַם געדאַנק, אז ער וועט שוין זיין גאַנץ לעבן שטיין אזוי באַם זוים פון א תמיד־לויערנדיגן תהום, און זיין רו און זיין גליק וועלן אַלע מאָל הייגנען אויף א האָר.

שטילע ווערטער

אַלע ווײַלע פֿלענן פֿלעמלעך, קלײנע עלעקטרישע פֿײערלעך, אױפֿשײַנען פֿאַר איר. ס'איז געווען אַ קאַלטער שטורמדיגער טאָג אין די קעסקילבערג. אַרום און אַרום דעם דאָרף, וואו עס האט זיך געפֿונען די טעלעפֿאָן סטאַנציע פֿאַר דער געגנט, זײַנען געווען צעוואָרפֿן פֿאַרמס און הײַזער אויף שפּיצן און שפּוע'עס פֿון נאַקעטע, פֿליכעוואַטע בערג און ווײַסע פֿאַרשנײַטע טאָלן. די פֿאַרמער האבן אין אזוינע טעג ניט געקענט קומען אין דאָרף אַרײַן. זײ פֿלעגן אָפּרופֿן די קלײטן אין דאָרף, אויסגעפֿינען וואס עס מאַכט א באַקאַנטער פֿאַרמער אויף יענער זײַט פֿון אַ באַרג, אין א ווײַטער בויגונג פֿון אַ טאָל. לעבן א באַרג־שפּאַלט באַ דער זײַט פֿון אַ וועג. שנײ־פֿלאַטעס האָבן זיך געהוידעט און געריסן אין דער לופֿט. די טעלעפֿאָן־דראָטן האבן געטראָגן א וואַרימע, נאָענטע, הײמישקײט דורכ'ן פֿראָסט, דורך דער ווײַסער, אָפּגעאײַנזאַמטער לופֿט פֿון די פֿאַרפֿרוירענע בערג און טאָלן.

אײַנגעפּעלצטע און פֿאַרוויקלטע אין אלערלײ שמאַטעס, האבן פֿאַרוואָרפֿענע פֿאַרמער אלץ געטראָגן פֿולע אָרעמס מיט שײַטלעך האָלץ פֿון דער „וואוּד־פּײל" אויפֿ'ן הויף אין קיך אַרײַן און דערנאָך ווידער צו דער „וואוּד־פּײל". און ווידער געשפּאָלטן מיט דער שאַרפֿער האַק דאס האלץ פֿון צעזעגטע יונגע בוימער. געהאַקט מיט א הילך אין דער פֿראָסטיגער לופֿט, דערנאָך אַרײַן אין דער דערבײַיאיגער שטאַל, געלאָזט די פֿאַרפֿרוירענע גלידער אָפּגײן אין דער וואַרימקײט פֿון בהמה'שער מיסט און אָטעם. באַ די בהמות איז פֿון די סאָפּענדיגע זײַטן און פֿון דעם גאנצן שוויצנדיגן גוף געגאַנגען א פּאַרע, ווי פֿון הײסע אָניטשעס, וואס מען טראָגט ארויס אין א קאַלטן דרויסן.

אין דעם דאָרף באַ דער באַן־סטאַציע, אויפֿ'ן צווײטן עטאַזש פֿון א הויז, האט די מײדל געארבעט. פֿאַר איר איז געשטאַנען א נידעריגער, ברײטלעכער „סוויטשבאָארד", וואס האט אויסגעוויזן ווי אן עמוד אין אן אָרעמען, קלײנשטעטלדיגן שול'כל. די מײדל האט געהאַט אַרום די זײַטן קאָפּ איבערגעצויגן אַזאַ שטאָלענע רײַפֿל

וואס האט זיך פֿאַרענדיגט מיט צוויי קײלעכדיגע דעקלעך איבער די אויערן.

יעדע מינוט שײנט־אויף אויף דער שוואַרצער װענטל פֿאַר איר א פֿלעמל, — א קלײן עלעקטריש לעמפל.

— האַללאָו! האַללאָו!!! האַללאָו!!! יעס טהענקיו. האַללאָו? איי עם רינגינג יור פּאַרטי — און ווידער אַ פֿלעמל, און ווידער אַ שטים, וואס קלינגט תמיד הייזעריגלעך, קאַלט, אויפֿגערעגט, אומצופֿרידן, בייז, און אזוי ווייט, דומפּיג, ווי פֿון יענער זייט וועלט.

ווי פֿון א טויטן מעטאַלענעם מענשן, באַוועגט דורך אן אומגעזעענער ספּרונזשינע — אזוי זיינען געווען די באַוועגונגען פֿון דער מיידל. זי האָט געערדט צו שטיקער אייזן, שטיקער מעטאַלן, טויטע, אומבאַקאַנטע געגנשטענדן, ערגעץ אין אלערליי ווינקעלעך פֿון דער ארומיגער געגנט. קיין איין געדאַנק האט זיך ניט באַוועגט אין איר קאָפּ בשעת זי האָט טעלעפֿאָניש פֿאַרבונדן די צדדים, גע־ענטפֿערט אויף די נומערן, זיך־צו־ערשט צוגעהערט מעכאַניש אויב דער געשפּרעך גייט שוין אָן.

אין שטוב איז געווען קאַלט. די מיידל פֿלעגט זיך אַלע װײלע צוכאַפּן צו דער אײוועלע און אריינוואַרפֿן אַהין א שטיק האָלץ. אָט איז פֿאַר א שטיקל ווײלע שטיל געוואָרן אויפֿ׳ן טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט. ס׳טרעפֿט אַמאָל אזוי, עפּעס פּלוצלונג. אפשר זיינען או־מעטום, אין אַלע ווינקעלעך, אין די ווייטע פֿאַרוואָרפֿענע הייזער די מענשן געגאַנגען שלאָפֿן, אדער זיך געזעצט עסן, אדער באַדעקט געוואָרן מיט די שניי־פּלאַכטעס. דער שטורם איז געוואָרן שטאַרקער, די טעלעפֿאָן־דראָטן האבן געמוזט קאַליע ווערן.

די מיידל איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. ס׳איז געווען אַ אידיש דאָרף. פֿאַר איר האט זיך געצויגן איין גאַס א נאַסע און צעטראָטענע. ווײַל ס׳זאל ניט שנייען דורכ׳ן ווינטער, איז דאָ אויף דער גאַס די ווייסקייט אַלעמאָל געווען צעטראָטן און פֿאַרוואַנדלט אין א געלער קאַשע. א פּאָר אומגעהויערע, אומגעלומפּערטע פֿאַר־מער־שליטנס זיינען געשטאַנען, אנגעלאָדענע מיט מילך־קאַנען, וואס עטלעכע אָרעמע פֿאַרמער, וועלכע האבן קיין אייגענעם קרים־סעפּאַראַטאָר ניט געהאט, קוים פֿאַרשלעפּט אין דער קאָאָפּעראַ־טיווער "קרימערי", אָפּצוטיילן די סמעטענע פֿון די מילך. עפּעס אַ פּאָר מענשן האבן זיך איינגעשטעלט דאס לעבן און זיינען אין איי־לעניש איבערגעלאָפֿן פֿון איין קראָם אין אַן אַנדערער. זיי האבן גע־טראָגן זעק מיט לעבלעך ברויט. אויף דער קליינער סטאַנציע־פּלאַטפֿאָרם

האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע הויכע דאַרע אידן, מיט אַ פּאָר גידעריגע, ברייטע, זיך־קאַטשענדיגע אידענעס, און האָבן וועגן עפּעס בשום אופן ניט געקענט דורכקומען. זיי האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן אויף צוריק, הינטער זיך, זען אויב מען רופט זיי ניט צוריק. דאס זיינען געווען עטלעכע ניו־יאָרקער, וועלכע זיינען געקומען אין די בערג באַצייטנס צו דינגען באָאַרדינג־הייזער פאַר'ן זומער. די מיידל האט זיך איינגעהערט, ווי דער ווינט וואָיעט און שליידערט טרוקענעם שניי אין דער שאַרפער לופט.

אַנטקעגן, דורכ'ן פענסטער, האט די מיידל מיט אַ מאל דער־זען דאס געזיכט פון דעם יונגן דראָגיסט, וועלכער האט געבלאָזן, פון לאַנגווייליקייט, אויף דער טיר, געמאַכט רעדלעך מיט'ן פינגער, אָנגעוואַרמט אָפּגע „פענסטערלעך" דורך די בערן אויף די פענסטער, און ארויסגעקוקט דורך זיי אין דער דרויסנדיגער וועלט. שאַרף, אָפּ־געהאַקט, אין איין מינוט, האָט די מיידל פון דאָרטן צוגעכאַפּט איר בליק. זיין קיילעכדיג ברייט פּנים, ווי אַ קירבעס, מיט די הערעלעך וואס האבן פון דעם אין אַלע זייטן אויסגעטאַרטשעט, האט איר אין דער מינוט אויסגעזען ווי אַ שפּין אין מיטן פון זיין געוועב.

זי איז אַריבער צום צווייטן, אַנטקעגנאיבערדיגן עק שטוב ארויסגעקוקט דורך די פענסטער אין יענער וואַנט. די פענסטער דאָרט זיינען ארויסגעגאַנגען אויפ'ן פאַרשנייטן לאַנד. דאס לאַנד האט אויסגעקוקט ווייס און ווינטערדיג, און איז געווען אַ שטילונג און באַרואיגונג פאר דער מיידל אין הויז. דאָרט, אויף די אָפּגעליי־דיגטע זייטן פון די בערג, האבן זיך געצויגן שנייאיגע פעלדער, דורכגעשניטענע וואו־ניט־וואו מיט אַ שוואַרצן פאַרקאַן, דורכגע־שטאָכענע מיט אַ שוואַרץ, פאַראיינזאַמט געוויקס. ס'האט געצויגן דער מיידל פאַרלאָזן איר איינזאַם חדר דאָ, אוועקשפּאַצירן אזוי מיט די רעלסן איבער די שוואַרצלעכע שפּאַלעס. גיין, גיין, גיין אָן אַ שיעור, ביז צו איינעם פון יענע ווייטע פעלדער, און דאָרטן ארויפ־קריכן אויף יענעם לעצטן באַגרינגטן פעלד — אַ שווארצער, אַן אומ־רואיגער און אַן אומגליקלעכער פלעק — זיך אַנידערלייגן דאָרט אין מיטן שניי, און זיך צוזאמענגיסן מיט דער טויטער, רואיגער ווייס־קייט. דאָמאָלסט וואָלט עס גענומען אַן עק צו אירע ליידן און ספקות און פּיין.

אָבער יענע ווייסע פעלדער אויף די בערג־זייטן זיינען געווען זעלטן, זיי פלעגן זיך, אויסער דעם, — אין דעם קלייזלדיגן פּייפּנ־דיגן, סווישטשענדיגן, נאָדלדיגן ווינטער אין דרויסן — אָפּט פאַרבאַ־

האַלטן פֿון איר אויג, מיט אַן אומגעהויער לאַנגער אויסטערליש־
געפֿלאָכטענער נעץ פֿון שניי־שטויב. דער גרעסטער שטח פֿון די
בערג איז געווען באַדעקט מיט נאַקעטע אָפּגעפֿלעקטע און ליידיגע
וועלדער, שוואַרצע ריטלעך־ווע־דער. זיי האָבן אויסגעזען, ווי בלויזע
סקעלעטן פֿון ביימער. דינע, נאַקעטע, טויטע אַזעלכע געוויקסן,
וואָס האָבן אָנגעטייטלט די גאַנצע ווייסקייט אַרום איר, און שוויי־
גנדיק־טויט געסטראַשעט אין דער פֿעלדער לופֿט — לאַנגע אַזעלכע
ביימער־קראָען. אַזוי איז אויך געווען דער מיידל אויפֿ'ן האַרצן —
נאַקעט, שוואַרץ, אויסגעליידיקט און פֿאַרפֿרוירן.

אַז זי האָט איר בליק געלאָזט ציען אין דער לענג פֿון די
אייזנבאַן־רעלסן ביז צו דער צווייטער קרימונג פֿון דעם באַרג, האָט
איר אָנגעכאַפּט א נאָגעניש און צופּעניש באַם האַרצן. וואָס טוט זי
דאָ, אין דעם אָרט, וואו עס האָט מיט איר געטראָפֿן אַזא אומגליק?
אפֿשר, אַז זי וואָלט אוועקפֿאָרן פֿון דאַנען, וואָלט איר געוואָרן
לייכטער, וואָלט זי זיך אָן אַלץ פֿאַרגעסן. דאָרט, וואוהין די צוגן
לויפֿן, מזרח־צו, זיינען דאָך דאָ א סך שטעט און שטעטלעך מיט
נייע, אומבאַקאַנטע לעבנס. אָט, ניו־יאָרק. דאָרט געפֿינט זיך יענע
מיידל, דעם דראָגיסט׳ס אמת׳ע כלה, וועלכע ער וועט אין גיכן מאַכן
פֿאַר זיין פֿרוי. מיט איר האָט ער דאָך אַזוי זיך... זיך בלויז גע־
שפּילט, זי האָט זיך געפּרואווט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר א סאָרט
מיידל יענע איז. פֿאַרוואָס איז יענע בעסער? מסתמא איז יענע א
פֿעטע, א אידישקע. אַלע אידישקעס זיינען פֿעטע. ניט אַזוי ווי זי —
אַן איידעלע, א דינע. מיט׳ן יונגען ציניזם, וואָס איז אין איר
אָקאָרשט געבאָרן געוואָרן, נאָך דער ערשטער אנטוישונג אין לעבן,
האָט זי מיט פֿאַרקרימטע ליפּן צוגעגעבן: — אַלע גלייכן זיי פֿעטע...

באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אירע געדאַנקען זיינען מיאוס׳ע.
גאָט, ווי טיף זי איז עס געפֿאַלן!

אָבער איר איז געווען אַזוי שווער. אפֿשר וואָלט זי אַוועקגעפֿאָרן
צו איר פֿאָטער, אין דעם קליינעם, ווייטן פֿאַרוואָרפֿענעם פֿאַרם־
הויז, באַם דאָרף מיט׳ן אַלט־אינדישן נאָמען, וואוהין די אידן האָבן
נאָך ניט אָנגעשטעקט מיט זייער טומל? ס׳איז פֿאָריבער אַזוי עטלעכע
מינוט אין שווייגנדיגער טראַכטונג. דערנאָך האָט זי א טרייסל גע־
געבן דעם קאָפּ, פֿאַרביסן די ליפּ, און מער ניט געוואָלט טראַכטן
פֿון איר פֿאָטער. וואָס איז, פֿריער האָט זי געפֿרעגט באַ אים? זי
האָט דאָך גאָר געפֿאָלגט יענעם, און איז צוליב אים דאָ איינגע־
שלאָסן געוואָרן אין דעם דאָזיגן הויז, צוגעבונדן צום „סוויטש־באָאַרד"

אַ גאַנץ זומער, און איצט דורכ'ן ווינטער. עס זאל זיין נאָענטער און באַקוועמער פאַר אים זיך טרעפן מיט איר ווען אים וועט זיך פאַרגלוסטן. זי האט ניט געהאט קיין כח זיך קעגנשטעלן זיינע פאַרלאַנגען, ווייל זי האט אים ליב געהאט.

אירע אויגן האבן געבלאנדזשעט ווייטער איבער די רעלסן, גלאַנציגע, קאַלטע און פאַרפרוירענע. איבער זיי האט געציטערט א קאַלטער פראָסט־פייער, ווי די היץ־כוואַליעס איבער אַ ראָדיאַטאָר. די רעלסן ציען זיך פאַרביי קליינע דערפלעך און שטעטלעך איבער די בערג. אומעטום זיינען דא מענשן. וואס גייט זיי אָן איר ווייטאָג? מעגלעך, אַז דארטן זיינען אויך דאָ יונגע מיידלעך, וועלכע באַהאַלטן אין זיך ליידן? ס'קען אבער ניט זיין. אזוינס ווי ס'האט מיט איר פאַסירט, האט קיינעם ניט פאַסירט.

עס איז דורכגעגאנגען אן אייזנבאַן־אַרבעטער אין בלויע אָוועראָלס, און האט אנגעהויבן קלעטערן אויף א הויכן סיגנאַל־לאַמטערן. ער האט דארט אנגעצונדן אַ טיף בלויען פייער. איז אים גוט? אפשר וואלט זי צוגעגאנגען צו יענעם אומבאקאנטן מענשן, צוגעפאלן צו אים, דערציילט אים, אז ס'טוט איר וויי, אז מען האט איר שלעכטס געטאָן. ער איז דאָך א מענש, וועט ער איר העלפן? זי האט זיך באַלד הויך פאַנאַנדערגעלאַכט, אז זי האט זיך פון דעם אַזש אַליין דערשראָקן, און זיך ארומגעקוקט אויב קיינער איז ניטאָ אין שטוב און האט איר ניט אונטערגעהערט. זי האט געטראַכט, אַז דאס האט אין דער מינוט זיך צו איר ווידער אומגעקערט איר אַמאָליגע קינדהייט און איר גלויבן אין מענשן, אין יעדן מענשן. איצט איז זי שוין געווען קליגער. כאָטש נאָך גאָר א יונגע מיידל פון אַכצן יאָר, האט זי שוין איצט געוואוסט בעסער זינט "דאָס" האט מיט איר פאַסירט. זי האט געוואוסט, אַז יעדער איינציגער מענש איז איינער אַליין אויף דער וועלט מיט אַלע זיינע ליידן, אַז קיינער קען פון קיינעם קיין הילף ניט דערוואַרטן. מען דאַרף זיך אַליין העלפן. נו ווי באַלד אַזוי וועט זי זיך שוין זעלבסט העלפן. זי ווייס שוין ווי אַזוי. זי האט עס שוין גענוג איבערגעטראכט די לעצטע עטלעכע וואָכן. זי וועט זיך אַליין העלפן, אַליין העלפן. ווי? יאָ אַט אַזוי טאַקע.

אַזוי זיינען דער מיידל'ס געדאַנקען געלאָפן פאַזע די רעלסן. זיי האבן זיך אָפגעהאַקט דאָרט, וואו די רעלסן זיינען פאַרשוואונדן אויף יענער זייט פון א באַרג. מיילן און מיילן ווייט פון דאָרט איז געווען ניו־יאָרק. קיין ניו־יאָרק וועט זי ניט פאָרן. דאָרט וועט זי

גאָר צעטראָטן ווערן. זי איז געווען זיכער, אַז אויף יעדער פֿרוילויערן דאָרט מענער, וועלכע וועלן באַלד דערשמעקן אין איר אַ ישוין־צעטראָטענע, און וועלן זי דערנאָך מער צעטרעטן. כע, ניו־יאָרק!... יענער, דער דראָגיסט מיט׳ן קיילעכדיקן פּנים איז׳ם ראַם פֿון גנעלע הערלעך, ווי אין אַ שפּין־געוועב, קומט דאָך אויך פֿון ניו־יאָרק.

זי האָט ניט צו וועמען צו גיין, וואוהין צו גיין. זי וועט פֿאַרבלייבן דאָ. אומעטום איז עס אַזוי. די מיידל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ טיפֿן פֿאַרצווייפֿלטן אומצופֿרידן צו מענטשן. זי האָט מורא געהאַט וועגן איר אומגליק אימיצן צו דערציילן, פֿרעגן אַן עצה. אַז אימיצער זאָל אַן ערך וויסן, וואָס מיט איר האָט געטראָפֿן, וואָלט יענער לפּנים וועגן בשעת־מעשה זי שטאַרק באַדויערט, און דערווייל זיכער געטראַכט פּלענער ווי אַזוי אַרום ער זאָל זי אויך אַריינקריגן פֿאַר זיך. ניין, ס׳איז ניטאָ וואוהין צו גיין. און זי וויל ניט, זי קען ניט אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען, איידער זי האָט זיך באַפֿרייט פֿון דעם געפֿיל פֿון געפֿאַלנקייט, וואָס האָט איר גאַנצע נשמה פֿאַרפֿלייצט. זי וועט דאָך מער ניט וויסן פֿון קיין איינציגן פֿרייען טאָג אין איר לעבן, פֿון אָט דעם דאָזיגן געפֿיל פֿון צעדריקטקייט, צעטראָטנקייט, וואָס האָט איר תמיד פֿאַרפֿאָלגט און גיצבויגן צו דער ערד. זי האָט ניט געזען קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך צו באַפֿרייען פֿון אָט דעם געפֿיל, פֿרייער אויפֿאָטעמען, זיך אויסגלייכן, און קוקן מענטשן אָפֿן אין געזיכט אַריין, סיידן זי וועט י ע נ ע ם אָפּראַמען, אַוועקשיקן פֿון דער וועלט.

זי האָט באַ זיך באַשלאָסן ווי אַזוי זי וועט טאָן. זי האָט אין די צייטונגען זייער אָפֿט געלייענט וועגן ענלעכע פֿאַלן. זי האָט זיך ניט געשראָקן פֿאַר דעם — דאָס געריכט וועט איר סיי ווי סיי באַפֿרייען. אין דעם איז זי געווען זיכער, פּונקט ווי זי איז געווען זיכער אין איר גערעכטיקייט. זי וועט עס נאָך טאָן היינט אוונט, ווען דער דראָגיסט וועט שליסן זיין געשעפֿט און זיך אומקערן אַהיים. דאָס הויז וואו ער וואוינט געפֿינט זיך אַן אַ זייט, שטייט כמעט אַליין אין פֿעלד. זי וועט אָפּוואַרטן די מינוט, ווען דער לעצטער צוג קיין ניו־יאָרק וועט פֿאַרביירודערן. אין טומל וועט קיינער זיכער דעמאָלט ניט הערן דעם שאָס.

זי איז שטיל צוגעגאַנגען צום פֿאָדערשטן פֿענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. פֿון אַ ווינקל, פֿאַרשטעלט דורך אַ פֿאָרהאַנג, האָט זי אַרויסגעקוקט. דער דראָגיסט איז דאָרט נאָך

אַלץ געשטאַנען פֿאַר דער טיר. זי האָט באַטראַכט דאָס געזיכט, וואָס איז איר אַלעמאָל געווען אַזוי ליב. דאָס קינדיש־פֿולע, שמייכל־דיקע געזיכט. מיט ווייטאָג האָט זי געפֿילט, אַז זי האָט אים איצט אויך ליב, ליב ביז פֿײַנטשאַפֿט. זי האָט אין דערזעלבער צײַט געטאַפּט אין איר בוזעם דעם קליינעם, שטײַפֿן, קאַלטן אויטאָמאַטיק־רעוואָלווער, וועלכן זי האָט געקראָגן אויפֿ׳ן אויסרייד, אַז זי מוז עס האָבן פֿאַר באַשיצונג, ווײַל עס קומט איר אויס צו גיין שפּעט באַנאַכט אַהיים. אויף דער מיידל איז שוין אין פֿאָראויס אָנגעקומען דאָס מיד־זיסע געפֿיל פֿון באַרויִקונג, פֿון אײַנגעשטילקייט.

נאָך מיטאָג האָט איר אָפּגערופֿן אַ טעלעפֿאָן־אָפּערייטאָר פֿון ניו־יאָרק און געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ „לאָנג דיסטענס קאָלל" פֿאַר אַ פּערזאָן אין איר טעלעפֿאָן־דיסטריקט. דער טעלעפֿאָן־רוף איז פֿאַר עפּעס אַ פֿאַרוואָרפֿענע פֿאַרמער־הויז, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַרטי־ווײַער".

די מיידל האָט אָפּגערופֿן יענע פֿאַרמער־הויז און האָט זי פֿאַרבונדן מיט ניו־יאָרק. זי האָט, ווי געוויינטלעך, צוערשט אַרײַנגעהערט אויב די טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג איז אַ גוטע, אויב דאָס געשפּרעך גייט אָן. זי האָט געהערט אַ מאַנ׳ס שטים ריידנדיק פֿון ניו־יאָרק:

— האַללאָ! האַללאָ!! האַללאָ!!! וואוינט דאָ מר. קאַרלין?

פֿון דער פֿאַרמער־הויז האָט צעטומלט און אויפֿגערעגט צו־ריקגעשריִען אַ גראָבע פֿרויען־שטים אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

— ווער רעדט עס? האַללאָ! וואָס ווילט איר?... ווער רעדט עס?... ווער? האַללאָ! האַללאָ!

די מענער־שטים האָט זיך באַמיט צו דערקלערן, פֿריער אין אַ שטילן קול, דערנאָך אין אַ העכערן, ווער ער איז. אָבער ס׳איז געווען אומזיסט. די פֿרוי אין דער פֿאַרם־הויז האָט אין מיטן ריידן אויפֿגעהאָנגען די טרייבל. די טעלעפֿאָן־מיידל האָט אַ ווײַלע געקלונגען אַהין, און האָט קיין ענטפֿער מער ניט געקראָגן פֿון דער פֿרוי.

דאַמאָלסט האָט די מיידל דערקלערט דעם צווייטן צד, אַז זי קען די פֿאַרבינדונג ניט מאַכן. אויף דעם האָט איר געענטפֿערט אַן איידעלע, ווייכע אין ברוסטיגע מענער שטים. ער האָט איר זייער געבעטן, אַז זי זאָל זען מאַכן די פֿאַרבינדונג. ער קומט היינט אָוונט אומדערוואַרט צופֿאָרן פֿון ניו־יאָרק. דאָס קומט ער צו זײַנע אַ שוועסטער ווענן זייער אַ וויכטיגן ענין, און די פֿאַרמערקע איז עס זײַן שוועסטער. אַזוי ווי די וועגן זײַנען אין די בערג זיכער פֿאַרשנייט און די נעכט זײַנען אויך פֿינסטערע, און די פֿאַרם־הויז, וואוהין ער

פֿאַרט, איז א פּאר מייל ווייט פֿון באַן־סטאַנציע און אויף אים ריכט מען זיך דאָרטן ניט, האט ער דעריבער געוואָלט לאָזן וויסן זיינע קרובים זיי זאָלן ארויסשיקן א פֿור, וואס זאָל וואַרטן אויף אים בײַם וואקזאל.

די שטים, וואס האט גערעדט צו איר, איז געווען זייער אַן איידעלע, א הארציגע אזא, און אַן איבערצייגנדיגע. די מיידל האט נאָך אמאל געפּרוּווט מאכן די פֿאַרבינדונג. פֿון דער פֿאַרמער־הויז האט מען ווידער געשריען:

האַלאָ! האַלאָ!! האַלאָ!!! וואס ווילט איר? האַ? וואס?... וועמען דאַרפֿט איר? — אָט אין אידיש, אָט אין ענגליש.

די מענער־שטימ פֿון ניו־יאָרק האט זיך בשום אופֿן ניט געקענט צוזאַמענריידן מיט דער פֿאַרמערקע. די לעצטע האט זיך לסוף גאר באליידיגט, איז געווען זיכער, אז מען באַאוּמרוּאיגט זי אומזיסט, אז קיינער קען זי פֿון ניו־יאָרק ניט אפרופֿן, אז דא איז עפּעס אַ טעות, אז דאס רופֿט מען זיכער אַן אנדער פֿאַרמער — ס'איז דאָך א "פּאַרטי־ווייער", און דאָ האט א קליין קינד, וועלכן זי האט אַלע ווײַלע געמוזט איבערלאָזן, געהאַלטן אין איין שרייען. זי האט מיט א זעץ אויפֿגעהאנגען די טרייבל.

די איידעלע מענער־שטים איז געווען שטאַרק באַזארגט. דער מאַן אין דער ווייטער שטאָט ניו־יארק איז געווען אין גרויסער פֿאַרצווייפֿלונג, אַזוי, אז ער האט הפנים געמוזט פֿארגעסן, אז מיט א טעלעפֿאָן־מאַשינסטקע לאָזט מען זיך ניט אריין אין פּריוואַטע געשפּרעכן. וואס זאָל ער טאָן איצט? קיין טעלעגראַמע קען ער ניט קלאַפּן, ווייל אין אזא וועטער וועט מען זיכער קיין ספּעציעלן שליח אויף צושטעלן די טעלעגראַמע פֿון דער סטאַנציע אַהין ניט שיקן. אויסער דעם, איז דאָך שוין באַלד אָוונט, און פֿינף אַזייגער פֿאַרמאַכט זיך די טעלעגראַף־קאַנטאָר אין דאָרף. און קומען מוז ער היינט—עס איז זייער און זייער א וויכטיגער ענין, ס'האַנדלט זיך וועגן... וועגן... וועגן א קנס־מאָל. דאס מוז נאָך מאָרגן באַזאָרגט ווערן.

דאָ האט ער זיך הפנים געכאַפּט, אז ער איז צופֿיל פֿאַרקראָכן מיט זיין היימישקייט. ער האט זיך אָנגעהויבן טויזנטער מאָל אַנטשולדיגן. זיין שטים איז געווען זייער זיס און אומבאַהאָלפֿן.

— ער ווייס אַזוי ניט וואס צו טאָן, אַז ער האט איר אָנגעדולט א קאָפּ...

די מיידל בײַם טעלעפֿאָן האט אים בארוּאיגט. — עס מאַכט ניט אויס. — זי איז געווען אַזוי גערירט פֿון דעם, וואס א ווילדפֿרעמדער מענש זאָל איר פֿאַרטרויען, אז זי האט אים צוגעזאגט:

— זי וועט זיך באמיען נאך עטלעכע מאל. זי וועט זיכער זען קריגן פאר אים דעם נומער. זיכער, זיכער.

די מיידל איז ניט געווײנט געווען מען זאל צו איר ריידן אזוי איידל און ווייך דורכ'ן טעלעפאן. געוויינלעך זיינען די שטימען געווען גראב, פאדערנדיג, די מענשן פלעגן באלד אין כעס ווערן אויב זיי פלעגן אזוי גיך דעם געווינשטן נומער ניט קריגן, אדער אויב זי פלעגט מאכן עפעס א טעות. אפילו נאענטע, באקאנטע מענשן פון דעם זעלבן דארף, ווען זיי פלעגן נאר ריידן צו איר דורכ'ן טעלעפאן, פלעגן זייערע שטימען זיין קאלט, רוי, געשעפטס־מעסיג, גיך זיך־אויפרעגנדיג. און דא האט גערעדט צו איר גאר א פרעמדער, פאר הונדערטער מיילן ווייט. אזויגער וועלכן זי האט קיינמאל ניט געזען, און מיט וועלכן זי וועט זיך קיינמאל אין לעבן זיכער ניט צוזאמענטרעפן, און ס'ארא ווייכקייט, איידלקייט, פיינקייט אין זיין שטים. דעם פרעמדן מענשנ'ס ענין איז איר מיט אמאל געווארן אייגן און נאענט, ווי א ברודער וואלט צו איר גערעדט.

זי האט געפרואווט נאך א פאר מאל אפרופן די פארם. אבער אומזיסט. די פארמערקע האט זי ניט געקענט פארשטיין. זי האט דאמאלסט נאכאמאל אנגעקלונגען דעם אומבאקאנטן אין ניו־יארק און דערקלערט מיט א שמייכלדיגער שטים, אז ניט אנדערש — די פרוי מוז זיין א גרינע, א "פארעינערקע". זי פארשטייט הפנים ניט קיין ענגליש. איי עם ווערי סארי, אפולי סארי".

יענער דארט האט מסתמא געפילט דעם פריינטלעכן שמייכל אין איר שטים, ווייל ער האט זיך אויך פריינטלעך צעלאכט, איר טויזנטער מאל אפגעדאנקט, וואס זי איז געווען אזוי פריינטלעך צו אים. מילא, ער וועט שוין מוזן נעמען א "טשאנס". וואס וועט זיין, וועט זיין. און אזוי ווי ער האט ניט געקענט גלאט אין מיטן אזוי איבעררייסן דאס געשפרעך, האט ער איר געשטעלט א פאר פראגן וועגן דעם וועטער.

— אין קאונטרי מוז אודאי זיין איצט זייער קאלט, זייער. ווי?

— אודאי — האט זי אים געענטפערט — אודאי. דער פראסט איז דא א ברענענדיגער.

זיי האבן מער ניט געהאט וועגן וואס צו ריידן, האבן זיך ביידע געפילט אומבאקוועם אזוי אויפצוהייבנען די טרייבלעך.

— ווייסט איר גאר וואס? — איז איר אייגעפאלן א געדאנק, און ס'האט איר אנגעפילט מיט אמאל אזא ווארימע גליאונג, — ס'קען זיין, אז אויף אזא לאנגע שטרעקע, פון העכער הונדערט

מייל, און נאך אין אַזאַ שטורמדיגן וועטער, קענט איר זיך מיט דער פרוי טאַקע ניט צוזאַמענריידן. איר קומט אָבער צופאָרן אַהער, ווי איר האט באַשלאָסן, און פון דאַנען, פון דער באַן־סטאַנציע, רופט אָפּ אייערע קרובים. אויף א מרחק פון צוויי־דריי מייל וועט איר זיך זיכער קענען צוזאַמענריידן, און מען וועט אייך צושיקן אַ פור.

דעם רעשט נאָכמיטאָג האט זיך די מיידל געפילט באַזונדערס גוט און צעוואַרעמט, און אנגענעם אזוי, אויפגעלייגט. זי האט זיך דערמאָנט, אַז זי האט נאך א גאַנצן טאָג גאָר אין מויל ניט געהאט. איז זי זיך איצט נעגענגען מאכן עפעס עסן אויף דער קויל־אייוועלע, וואס איז געשטאַנען אין צימער. זי האט זיך געפילט שטילער און רואיגער. ארייננקוקנדיג אין די צעגליטע רויטע קוילן, האט זי זיך גע־פרואווט פאָרשטעלן ווי אזוי יענער מאן קען אויסקוקן. אז ער איז געוועזן א יונגער — אין דעם איז זי געוועזן זיכער. ער מוז אויך האבן אלעמאל א שטילן כמעט קינדערשן שמייכל אויף זיין פנים. און וואס פאַר א ליפן האט ער?

ס'איז געוואָרן אָוונט. דער פראָסט און דער ווינט האבן זיך געשטאַרקט. ביז'ן אָנקומען פון דעם ניו־יאָרקער צוג איז נאך פאַר־בליבן דריי שעה. זי האט זיך שטיל פאַנאַנדער געלאַכט. זי האט, הייסט עס, אויך געוואַרט אויפ'ן אנקומען פון דעם צוג, פונקט ווי אירער א קרוב האט צו איר געדאַרפט קומען! און מיט אמאָל האט איר די האַרץ א קלאַפּ געטאָן פון א שטיפערישן איינפאַל: זי וועט איצט גלייך אָפרופן די פאַרמערקע, דערציילן איר אז איר ברודער קומט צו אַהער, און זאָגן איה, אז זי זאל זען ארויסשיקן אַ פור אים באַגעגענען. די מיידל האט אינגאַנצן געגליט באַ דער פאָרשטעלונג פון דער אנגענעמער איבערראַשונג, וואָס דער פרעמדער וועט האבן באַ זיין אָנקומען.

די נעקסטע מינוט האט זי אָפגערופן די פאַרם. קיינער האט איר ניט געענטפערט. די מיידל האט באַלד אויסגעפונען, אז דער טעלעפאן איז געוועזן אויסער אָרדנונג.

זי איז געבליבן זיצן אַזוי א לייגגערע צייט א פאַרגליווערטע, און זיך ניט געקענט א ריר טאָן פון אָרט. אויפ'ן „סוויטש־באָורד" האט זיך באַוויזן פייערל נאך פייערל, נאָר זי האט ניט אויפגעהויבן די האַנט. דער פרעמדער וועט קומען און וועט זיך ניט קענען פאַר־בינדן טעלעפאָניש מיט זיינע קרובים. ער וועט ניט האָבן קיין פור. אַזוי שפעט, און אין ווינטערדיגע נעכט זיינען אַרום די סטאַנציעס ניטאָ קיין פורמאַנס, ניט קיין אויטאָמאָבילן. ער וועט מוזן גיין עט־

לעבּע מײל אין אזא פֿראָסט, אין אזא שטאָק פֿינסטערניש, איבער אַ צעדרײטן װעג, צװישן װיסטע, גריבערדיגע פֿעלדער. און זי איז אין דעם שולדיג — זי האָט דאָך אים אַלײן געראָטן קומען אַהער.

פֿאַרצװײפֿלט, בלײך, האָט זי בלויז געטראַכט, אַז װען דער צוג װעט אָנקומען, װעט זי מוזן צוגײן צו דער סטאַנציע, בעטן בײַ דעם אומבאַקאַנטן מאַן טויזנטער מאָל אַנטשולדיגונג. װי אַזוי װעט זי דערקענען װער ער איז? זי װעט זען װער עס װעט פֿאַרבלײבן לײַנגער און זיך אַרומדרײען אַלײן אין דער סטאַנציע. אָבער װאָס װעט זי דערנאָך טאָן מיט אים?

מינוטן זײַנען געלאָפֿן נאָך מינוטן, אין אַ מאָדנער, אומגעװײנלעכער שנעלקײט, שנעלער װי װען עס איז פֿריער אין לעבן. די צײַט פֿון דעם צוג־אָנקומען האָט זיך דערנענטערט. די מײדל איז געװאָרן זײער נערװעז און אומרואיג. זי האָט דערפֿילט אַ דערלײכטערונג, װען די בײַנאַכטיגע טעלעפֿאָן־מאַשיניסטקע איז געקומען זי איבערבײַטן. זי איז אויף גיך אַרויס פֿון הויז.

עס איז שוין געװען שפּעט אין אָװנט. די קלײטן פֿון דאָרף האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אײנער נאָך דעם אַנדערן צומאַכן, און די גאַסן — װערן טויטער און פּוסטער. עס איז געװען אַזוי פֿינסטער, — בלויז נאָענט צום שנײ האָט מען נאָך געקענט פֿאַנאַנדערטײלן זאַכן. די מײדל האָט ניט געװאָלט גײן אין דעם באָרדינג־הויז, װאו זי איז אײַנגעשטאַנען, עסן װעטשערע. זי איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער׳ן טראָטואַר פֿאַרבײַ די קלײטן, װי װעלנדיג מיט איר אַרומגײן אָפּהאַלטן די ליכטיגע קראָמען פֿון אויסלעשן זיך, אָפּהאַלטן דעם פּלאַץ אַרום דעם װאָקזאַל פֿון װערן אָפּגעשטאָרבן און שװײַגנדיג, װי ער איז געװײנלעך אין שפּעטן אָװנט. אויף דער דאָזיגער סטאַנציע פֿלעגט זעלטן װער עס איז אָנקומען מיט׳ן 11־אַזײגערדיגן צוג.

עס איז פֿאַראיבער נאָך אַ האַלבע שעה. די קלײטן זײַנען שוין אַלע אויסגעשלאָסן געװאָרן. דער דראָגיסט האָט שוין אויך אויסגעלאָשן די גרויסע עלעקטרישע אַרקע־לאָמפּ פֿאַר דער טיר. די גאַס איז געװאָרן פֿינסטער. בלויז אין עטלעכע הײַזער האָבן זיך נאָך געלויכטן לאָמפּן אין די שלאָף־צימערן, װעלכע מען האָט איצט געהאַלטן אין אָנװאַרעמען פֿאַר׳ן שלאָפֿן גײן, אין אַזאַ פֿראָסטיגער נאַכט לײגן זיך אַלע פֿרי שלאָפֿן. די מײדל האָט אַלץ אַרומגעבלאָנדזשעט אײנע אַלײן איבער דער פּלאַטפֿאָרמע פֿון דער קלײנער באַן סטאַנציע, װעלכע איז געװען דאָ נאָענט אין סאַמע מיטן פֿון

דער געשעפֿטס־גאַס. זי האָט געזען דעם קרעפּטיגן, קיילעכדיגן, ניט נאָך זיינע יאָרן פֿעטן דראָגיסט גיין אַהיים. זי האָט צו אים אין דער מינוט גאָר ניט געפֿילט. זי האָט זיך ניט אַ צאַפּל געטאָן. זי איז געבליבן מאָדנע קאַלט.

אויף יענער זייט, אין אַ שייער, טיף אין אַ הויף, האָט זיך געעפֿנט אַ טיר. אַ ליכטיקייט האָט אַרויסגעפּראַלט אין דרויסן. עמיץ אַן אָנגעפּעלצטער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן אין דער ליכטיקייט. דאָרט איז געווען די בעקעריי און מען האָט ערשט איצט זיך געשטעלט דאָרט אַרבעטן. דאָ איז געווען דער איינציגער סימן פֿון לעבן און וואַך־זיין אין באַנאַכטיגן שטעטל. די מיידל איז אַריבער אויף יענער זייט.

אין הויף, אונטער'ן אָפּדאַך, איז געשטאַנען אַ פֿערד און וואָגן, און אַ גוי'אישער פֿאַרמער האָט זיך אַרום דעם פֿערד געפּאָרעט און אַרונטערגענומען פֿון אים אַ וואַרעמע קאָלדרע. ער האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין. זי האָט דעם פֿאַרמער געקענט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט אים „גוט־ב'אָוונט". ער האָט פֿאַר איר זיך גלייך אויף עפּעס אָנגעהויבן באַקלאָגן.

די מיידל האָט צוערשט גאָר ניט געהערט. איר איז געווען סתם גוט אַזוי, וואָס עס איז איצט דאָ אין דרויסן נאָך אַ לעבעדיגער מענש, וועלכער רעדט און וואַרעמט אָן מיט פּאַרע פֿון זיין מויל דעם פֿראָסט און די נאַכט. זי האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן פֿאַרנעמען זיינע ווערטער. ער איז געקומען אַהער נאָך אין מיטן העלן טאָג, געבראַכט אַ פּאָר זעק קאַרטאָפֿליעס. געוויינלעך זיינען באַטאָג דאָ אַ סך אידישע פֿאַרמער פֿון די אַרומיגע ערטער, האָט ער ניט קיין שוועריקייטן צו קריגן אַ קונה אויף זיין סחורה. היינט אָבער, צוליב'ן גרויסן שטורם און פֿראָסט, איז קיינער ניט געקומען. ער האָט געוואַרט און געוואַרט, און גאָרניט. די זעק קאַרטאָפֿליעס האָט ער איבערגעלאָזן באַם אידן אין דער בעקעריי. איצט פֿאָרט ער אַהיים — אומזיסט אָנגעוואָרן אַ האַלבן טאָג.

דער מיידל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. זי האָט עס געדאַרפֿט מיט כח צוקוועטשן אין דער ברוסט. זי האָט שיר ניט אויפֿגעשריען פֿון צעטומלונג. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי רעדט צו הויך און אויפֿגערעגט, און ס'קען נאָך ווערן פֿאַרדעכטיג. זי האָט אָבער גערעדט שטיל און קאַלט.

— פֿאַרוואָס — האָט זי צו אים געזאָגט — פֿאַרוואָס, אַז ער איז שוין דאָ, זאָל ער ניט פֿאַרבלייבן נאָך אַ ווײַלע, ביז דער ניו־

יאָרקער צוג וועט אָנקומען? וועט ער קריגן אַ פּאַסאַזשיר, מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר, וועט אים שוין זיין נסיעה זיך האָבן געלוינט.

גלייכגילטיק האָט דער פֿאַרמער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אַזוי שפּעט? אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם העק, וועט קיינער ניט קומען אַזוי שפּעט צו פֿאָרן.

אָבער זי האָט דאָך אַליין געזען, אַז יאָ. ערשט מיט אַ פּאָר נעכט פֿריער איז זי דאָ פֿאַרבייגעגאַנגען — זי האָט זיך פֿאַרזעסן שפּעט באַ אַ פֿריינדין אין הויז — האָט זי אַליין געזען אַ פּאָר פּאַסאַזשירן זיך אַרומדרייענדיק דאָ און זוכנדיק אַ פֿור מיט ליכט. זיי האָבן געוואָלט שוין, זייער שיין באַצאָלן.

דער פֿאַרמער האָט ניט געגלייבט. די מיידל האָט אָנגעהויבן אים צורעדן, איבערצייגן, אַז זי זאָגט אמת. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט חשד. ער האָט באַמערקט, ווי אירע אויגן פֿייערן, און זי ברענט איינגאַנצן, מסתּמא איז דאָ ערגעץ פֿאַרבאָרגן אַ שפּיצל פֿאַר אים, האָט ער געטראַכט, און האָט אָנגעהויבן פֿאַרריכטן די רימענס און די פּאַסטראָמקעס אויפֿ׳ן פֿערד, און פֿאַררוקן שטאַרקער די אייזנדלעך אין דעם געשפּאַן.

מער האָט זי שוין ניט גערעדט מיט אים וועגן דעם. זי האָט בלויז אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן, וואָס עס מאַכט זיין משפּחה און וואָס עס הערט זיך באַ אים אויפֿ׳ן פֿאַרם. האָט לאַדע געהאַט עפּעס שיינע חזירים׳לעך? און וואָס מאַכט דער בוהאַי? — מען דאַרף אים נאָך אַלץ אַלעמאָל פֿאַרטרייבן מיט׳ן הונט פֿון דער שטאַל? און קלייבט ער זיך אָנצאַפּן אַ סך סיראָפּ פֿון די מייפּל־בוימער הייַנטיקן פֿרילינג? און האָט ער זיך שוין באַזאָרגט מיט נייע עמערס? דריי הונדערט?

זי האָט גערעדט און גערעדט אָן אויפֿהער, און ער האָט ניט געקענט אָוועקפֿאָרן. עס איז בלויז געבליבן אַ פֿערטל שעה צום צוג־אָנקומען. דער פֿאַרמער האָט זיך אָנגעהויבן קווינקלען. ער איז אַרונטער פֿון זיין זיץ, האָט צוריק אַרויסגענומען די וואַרעמע קאָלדרע פֿון וואָגן און מיט דעם ווידער צוגעדעקט דאָס פֿערד.

— איך האָב זיך פֿאַרגעסן — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף נאָך קויפֿן אַ ברויט אין דער בעקעריי.

זי האָט אים געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און איז אַוועק.

אין דער שטילער, פֿראָסטיקער נאַכט פֿון אויף יענער זייט באַרג, האָט זיך דערהערט דאָס פּייפֿן פֿון אַ צוג. פֿון יענער זייט פֿון אַ ווינקל פֿון אַ הויף, האָט די מיידל געזען, ווי דער פֿאַרמער

איז צוגעפֿארן מיט זיין שליטן צו דער סטאַנציע, ווי אין אַ וויילע אַרום האט אַריינגעפֿייערט פֿון דעם שמאָלן לעצטן פֿאַסטאָל פֿאַר דער שטעטל, א באַנאַכטיגער גרויסער און סאָפעדיגער צוג. דער צוג איז געשטאַנען צווישן איר און דעם קליינעם וואָקזאַל, און פֿאַרשטעלט דאָס, וואס איז פֿאָרגעקומען אויף דער צווייטער זייט. דער מיידל'ס האַרץ האט געהאַמערט הויך און שטאַרק. אין א מינוט אַרום האט זיך דער צוג אָפּגעטראָגן, איילנדיג זיך ווייטער אין וועג אויף זיין וויכטיגער שליחות. די מיידל האט דערזען: איבערן שניי־איגן פלאַץ סקריפּן מיט די שיך דריי מענשן, היגע איינוואוינער, וואס זיינען צוריקגעקומען פֿון א נאָענטע רייזע. זיי זיינען באַלד פֿאַרשלונגען געוואָרן אין די נאָענטע הייזער. אויפ'ן וואָקזאַל איז מער קיינער ניט געווען. נאָר אָט טראָגט זיך ארויס פֿון א ווינקל נאָך א מענש, א הויכער, אסטולאָוואַטער און א פֿרעמדער. ער קוקט זיך א וויילע אַרום, ווי ער וואלט ניט געווען זיכער אויב ער איז גע־קומען אין דער ריכטיגער שטעטל. דער פֿאַרמער גייט צו אים צו, עפעס ריידן זיי דארט א וויילע, ווי זיי וואָלטן ביידע שוין פֿון לאַנג אָן געוואַרט אויף אָט דער באַגעגעניש. און באַלד האט זיך דער שליטן אָפּגעטראָגן לינקס, צו די הויכע, ווייטע, פֿאַרוואָרפֿענע פֿאַרם־הייזער אין די טאָלן.

איצט האט זיך די מיידל דערפֿילט מאָדנע שוואַך, אזוי שוואַך, ווי זי וואלט געאַרבעט א גאַנצן לאַנגן זומער־טאג אויף א פֿעלד, און האט אָפּגעטאָן א סך ארבעט, גוטע אַרבעט. ס'איז איר געווען גוט, און זי איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פֿיס. זי האט געוואלט אָפּרו. זי האט זיך געלאָזט גיין א היים. איר איז געווען אַזוי שטיל אויפ'ן האַרצן, ווי שטיל און איינגעהאַלטן די נאַכט איז געווען אַרום איר. אז זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס ברייטע, איינגאָרנדיגע הויז, וואו דער דראָגיסט האט געוואוינט, האט זי ארויסגענומען פֿון בוזעם דאס קאַלטע, בלישטשענדיגע און מאָדנע שווערע געווער, און עס אוועקגעוואָרפֿן ווייט פֿון זיך אין שניי. עס איז אין איין אויגנבליק פֿאַרגראָבן געוואָרן. די מיידל איז ווייטער געגאַנגען. אז זי האט זיך געלייגט אין בעט, האט זי ניט געקענט איינשלאָפֿן. זי האט זיך געוואונדערט, צו וועמען זי שמייכלט עס אזוי אין דער טונקל פֿון איר צימער.

און דאַמאָלס איז געקומען די בין

בארנארד קאָוען האָט זיך אומגעקערט איצט אהיים, אין דער קליינער שטאָט אין צפון־קאראָליינא.

די שיף פון ניו־יאָרק קיין נארפאלק, אין ווירדזשיניע, האט זיך געטראגן גיך איבער די וואסערן פונ׳ם אַטלאַנטישן אָקעאַן. די די וואַסערן פונ׳ם אָקעאַן האָבן זיך געהויבן און געשוואלן פון ברייט־קייט, פון דעם באוואוסטזיין פון גרויסער ווייטקייט, פון רחבות און קראפט, וואָס האבן זיך אלץ מער אַנטפּלעקט וואס מער די יבשה איז פון אויג פארשוואונדן. די געמיטער פון די פּאַסאַזשירן האבן זיך צוערשט פאַרצויגן מיט אַ פייערלעכקייט און ערנסטקייט, ווי זיי וואלטן אלע געפאָרן גאָט ווייס אין וואס פאַר אַ וויכטיגער שליחות, וועלכע האט געהאט זייער אַ פארהוילענעם און אומבאקאנטן אויסגאַנג. מיט׳ן אָנקומען פונ׳ם אָוונט, האט זיי אָנגעפילט אַן אומעטיקייט און אַן אומהיימלעכקייט.

איצט איז שוין דער ברעג מער ניט געווען צו זען. די שיף איז שוין געווען אין די „אינטערנאציאנאלע וואסערן.” צו אָוונט איז די שיף פאַרבייגעפאָרן די לעצטע ים שטאָט אין די מזרח שטאַאטן. אויפ׳ן אויבערשטן דעק האבן זיך אויפגעקליבן אלע פּאַסאַזשירן און מיט בייגקשאפט נאָכגעקוקט די ברענענדיגע אילומינאַציעס פונ׳ם שרייענדיג־רייכן אַטלאַנטיק סיטי. ס׳האט אויסגעזען פון ווייט, ווי דארט ביי די ברעגן פון אַ פייערדיגער שטאט, זיינען אינ׳ם וואסער אַרומגעשוואומען פעסער סמאָלע, גאנצע קאַנאַלן און שליאַכן פון פייער. דארט האט געמוזט זיין אַ גרויסער יום־טוב, אַ יום־טוב פון חדשים און חדשים, אַ שטאט פון נאָכאַנאַנדיגע פייערונגען און פרייד אין די גאַסן.

מיט ברענענדיגע און בייגקנדיגע אויגן האבן די פּאַסאַזשירן זיך געקלאמערט אָן די פאַרשווינדנדיגע פייערן. ווער ווייס אויב זיי וועט נאָך אמאל אויסקומען דארט זיין, אפילו זען פון דער ווייטן די פייערן פון שטענדיגער נאָכאַנאַנדיגער פרייד . . .

און דערנאָך האט זיך שוין מער גארניט געזען ווי אָקעאַן, אָקעאַן, אָקעאַן. וואַסערן וואס ווערן אלץ רוישיגער און אומהיימלע־

בער, ווי אָנגלויפֿנדיגע ים־חיות, וואָס וואַרפֿן זיך אויפֿ'ן שיף מיט אַ ברומען און אַ טויבן איינגעצוימטן רעווען. דאָס רעווען איז געוואָרן גרעסער און שטאַרקער מיט'ן אָנשטייגן פֿון דער נאַכט און ווייטקייט.

טונקל. איינגעהאַלטן־שטורמדיג אין רעכטן מיטן פֿון די גרויסע וואַסערן. די לופֿט קאַלעמוטנע־נעפּלדיג, ווי וואַסער, וואָס איז צעפֿירט מיט נישט געניג מילך, אומקלאָר און שרעקעדיג. פּוסט און ליידיג אויפֿ'ן ים. די באַרקעס, יאַכטעס און מאָטאָר־שיפֿלעך און פֿישערלייט'ס זעגל־שיפֿן זיינען שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן פֿון אויג. בלויז פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זיך אַ גרויס־אַטלאַנטישער אָקרענט שטיל, שוויינגדיג, גיך־פֿאַרשווינדנדיג, ווי דער בלויזער גייסט פֿון אַ שיף, ערגיץ אין דער טונקל דורכטראָגן. דורך דער מילכיקייט האָבן זיך קוים געזען פֿייערן, — אויגן פֿון אומגעהויערע ניט־ערדישע ים־אָקסן. פֿון אַלע זייטן האָבן געבלאָזן די סירענעס — דאָס האָבן די אָקסן געריעוועט.

אַלע האָבן געהאַט אַזאַ געפֿיל: די יבשה איז ווייט, ווייט פֿון דער שיף — אַ חלום בלויז, אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ שוין פֿאַרשאָלענער, אָפּגעמעקטער באַגריף. איצט, פֿון היינטיגן אָוונט אָן, איז דאָס פֿאַרגאַנגענע אָפּגעשניטן. ס'הויבט זיך אָן אַן אומבאַשטימט, גאָר ניי, און דער עיקר, לאַנג־לאַנג לעבן אויפֿ'ן אָקעאַן, — א י י ב י ג, א י י ב י ג אויף וואַסערן טונקעלע, פֿינטלעכע, אומזיכערע.

מ'האָט ניט געטראַכט, אַז שוין מאָרגן אין דער פֿרי האָט די שיף געדאַרפֿט אָנקומען צו איר ענד־ציל, — קיין נאָרפֿאָלק אין ווירדזשיניע.

אפֿשר דער איינציגער אויפֿ'ן שיף, וועלכער האָט זיך ניט געפֿילט אומעטיג און אומהיימלעך, ווען די יבשה האָט זיך דערווייטערט און דער אָפֿענער אָקעאַן איז נאָענטער צוגעקומען, איז געווען דער איד באַרנאַרד קאָוען.

פֿאַרנאַכט איז ער אפֿילו אויפֿ'ן שיף־דעק ניט אַרויס. נאָך אין דער פֿרי, אַרום צען אַ זייגער, אַ פּאָר שעה איידער די שיף איז אָפּגעגאַנגען, איז ער שוין געווען אין זיין קעבין, זיך מיד איילנדיג אויסגעטאָן, אַ מידער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין בעט, אַ מידער אָבער א צופֿרידנער, אַן אָנגעזעטיגטער מיט א סך פֿאַרגעניגנס.

איין מאָל יעדן יאָר, אַרום דער זעלבער צייט, פֿלעגט ער פֿאָרן קיין ניו־יאָרק, צוליב זיינע געשעפֿטן, איינקויפֿן סחורות פֿאַר

3

זיין דעפּאַרטמענט־סטאָר, מאַכן נייע געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען, זען „אַרומגיין“, אָפּנאַרן די פֿאַרשידענע פֿירמעס, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן, אַרומדרייען זיי מיט זיינע באַהאַלטענע כיטרע פֿעדים פֿון אַ געניטן און דורכגעטריבענעם סוחר און האָבן צום סוף דאָס געפֿיל פֿון העכסטער פֿרייד — אַז ער האָט דאָס בעסטע אַרויסגעקראָגן פֿון אַלעמען.

און געקענט האָט ער עס. געוואוסט ווי צו דערגרייכן עס — אָלל־רייט, אָלל־רייט! אויף דאַרויף איז ער דאָך אין זיינע יונגע יאָרן אַזאַ לאַנגע צייט געווען אַ „בייער“ (אַן איינקויפֿער פֿון סחורות פֿאַר אַ גרעסערע האַנדלס־פֿירמע), ביז וואַנען אים איז ביסלעכווייז געלונגען, — אָפּנאַרנדיג די פֿירמעס, פֿאַר וועלכע ער האָט איינגעקויפֿט — צו גרינדן אַן אייגן געשעפֿט, אויפֿעפֿענען אַ קלייט, וועלכע איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר, די גרעסטע אין דער דרום׳דיגער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט. אַ קלייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, אין איין גרעסער ווערן, אין איין פֿאַרנעמען נייע עטאַזשן, אין איין אַרויסשטופּן — מיט גוטן, פֿאַר געלט אָדער מיט גוואַלט, אַנטוענדיג זיי צרות צרורות — און פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון די פֿאַרשידענע קלייטן אַרום אים, קלייטן פֿון אַלטע יחוס׳דיגע תושבים פֿון דער שטאָט, פּריצישע, דרום׳דיגע אַמעריקאַנער. די אַלטע איינגעזעסנע איינוואוינער פֿון דער שטאָט האָבן באַרנאַרד קאָוען׳ען פֿיינט געהאַט ווייל ער איז אַ איד, אָבער אַ סך מער נאָך, און צום אַ ל ע ם ע ר ש ט ן ווייל ער איז אַ „יענקי“. מיט אַ יאָר פֿופֿצען, צוואַנציג צוריק איז ער אַראָפּגעקומען אַהער פֿון דער „נאָרטה“, מסתמא פֿון ניו־יאָרק, פֿון וואַנען אַלע יענקיס קומען.

מילא דאָס לעצטע האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפֿן. ער האָט אפילו ניט אָפּגעלייקנט, מיט אַ שולדיגן שמייכלע, אַז ער איז אַ „יענקי“, אָבער אין האַרצן האָט ער זיך אויסגעלאַכט פֿון די ווייסהענטיגע, פֿוילע פּריצים, מיט זייערע פּרעטענזיעס, מיט זייערע פֿאַרריסענע נעזער, מיט זייער פּוסטן יחוס. ער האָט דאָך געוואוסט אַז עס זיינען טאַקע די יענקיס, וועלכע פֿאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם גאַנצן אַמעריקאַנער לעבן. פֿאַרוואָס׳זשע זאָל ער, באַרנאַרד קאָוען, זיין מיט די געפֿאַלענע, מיט די יורדים? ער האָט אַלע מאָל מיט פֿאַרגעניגן צוגעקוועטשט מיט׳ן פֿוס אַ געפֿאַלענעם.

און וועגן זיין אידישקייט — וועגן דעם האָט ער בכלל ווייניג געוואוסט, אויסער נאַטירלעך דעם פֿאַקט, אַז ער איז פֿון אידישער

אפשטאמונג, איז געבוירן געווארן אין ניו־יארק, ערגיץ אויף קאָ־לומביא סטריט, נישט ווייט פֿונ'ם איסט ריווער. אז ער האט נאך יונגערהייט איינגעזען, אז ער האט אביסל אומאַנגענעמלעכקייט פֿון זיין עכט אידישן נאמען, האט ער זיינע שכנים אָפגעטאן אזא שפיצל: ער האט אנגעהויבן צו שרייבן זיין נאמען נישט Cohen נאר Cowan, וואָס דאס איז שוין געווען מער אירלענדיש, איידער אידיש. דאס איז שוין געווען לאנג צוריק, שוין לאנג פֿאַרשוואונדן — און אַן אויסגעטראכטער חלום אימעצנס. זינט דאמאלס — זינט דער קויטיגער טומלדיגער, אָפגעריסענער און אַרומגעריסענער יוגנט זייגער, אין דעם גיהינום'דיגן געפילדער, אין הו־הא פֿון דער נידריגערער איסט־סייד, האבן א סך זאכן מיט אים פאסירט. אז אים פֿלעגט אין די שפעטערדיגע יארן אויסקומען, צוליב געשעפֿט, זיין אין ניו־יארק, האט אים אפילו קיינמאל נים געצויגן אַ קוק צו טאן אויף זיין געבורטס־אָרט, אויף דער גאס, וואס איז פֿאַר דער צייט געווארן נאך טומלדיגער, נאך גערייכטער, און טונקלער, ווי די מענשן צווישן און אין יענע מויערן וואלטן קיינמאל פֿון יענער גאס אין דער ליכטיגער וועלט נים ארויס, האבן אלץ געהאלטן דארטן אין איין פלאָדיען און מערן זיך, זיינען געוואקסן קאפ אויף קאפ, קאפ אויף קאפ, האבן באלייגט און באקלעפט, אָנגעפֿילט און פֿאַרשטעקט די פֿענסטער־געזימסן, די פייער־עסקייפס, די גאניקעס, די קעלערס, די פֿלאַכע דעכער, די טראָטואַרן, דעם ברוק אין מיטן גאס, אפילו די סאמע לופֿט, אזוי אז אפילו דער חלל צווישן די מויערן, די לופֿט־דורכגאנגען זיינען שמעלער, ענגער געווארן, זיינען אינגאנצן אויסגעפֿילט געווארן מיט די קופעס ארומקריכנדיגע, ארומשמייענדיגע מענשן.

יענעם לעבן זיינס האט ער פשוט ארויסגעשניטן פֿון זיך. ער האט זיך בכלל אויסגעלערנט ארויסשניידן, פֿאַרשטופֿן פֿון זיך זאכן און מענשן, איבערלעבונגען און דעראינערונגען, וואס ער האט מער נישט געוואלט וויסן, נישט געדיינקען. איז עס זיין לעבן געווען? צוליב וואָס זיך דערמאנען? וואס געווען, איז געווען. ס'איז פֿארשוואונדן, ס'איז נימא מער. איצט איז ער אַן אנדערער. ער איז נים געווען פֿון די „צעקראָכענע", ווי ער, בארנארד קאוען, פֿלעגט אָנרופֿן מענשן לירישע, וואס קענען זיך נים אוועקרייסן פֿון די דעראינערונגען פֿון זייער אמאליג לעבן. ער איז א סך אויס־געשטאנען אין זיינע יארן, קיינער האט אים נים געהאלפֿן אין א נויט, ער האט אלץ וואס ער פֿארמאגט איצט געריסן, אליין ארויס־געריסן מיט גוואַלט. און אז אים איז שוין איצט געגאנגען גוט,

האט ער ניט געוואָלט אז זיין יוגנט זאל אים שטערן. ער איז קיינעם גארניט, גארניט שולדיג. האט ער גענומען און זיין יוגנט אוועקגעשניטן, גענומען און אַוועקגעוואָרפֿן זי פֿון זיך. נישט געוואָלט טראכטן, דערמאנען זיך אָן דעם.

דאס איז אים שווער ניט אנגעקומען. ווייל בכלל האט ער וועגן לעבן קיינמאל נישט געטראכט. ער איז אין דעם געווען צופֿיל איינגעטונקען יעדן טאג, יעדע נאכט פֿון יאָר. מיט אלע זיינע אדערן, מיט אלע זיינע כחות, האט ער זיך אָפּגעגעבן דעם בלויזן געיעג נאך געלט, נאך מ ע ר געלט, נאך נ אָ ך געלט. ער איז געלאָפֿן, געלאפֿן, און זיין ציל, האט ער ניט דערגרייכט, ס׳איז וואס אמאל אלץ ווייטער געווארן פֿון אים. ביז וואנען ער האט גאר פֿאַרגעסן אָן א ציל. כאטש אין אָנהויב האט ער דאך זיכער געהאט א ציל: א רייכע הויז, א שיינע פֿרוי, א געשעפֿט מיט א סך אָנגעשטעלטע, אַן אויטאמאביל, אַן אבסאלוט אומאפּהייגניג לעבן, — אבער איצט האט ער שוין געהאט א סך מער ווי ער האט לכתחילה געוואָלט, און שוין איינגטלעך ניט געוואוסט נאך וואס ער יאגט זיך, דאס לויפֿן גופא איז פֿאַר אים געווארן א ציל: ער האט זיך שוין מער ניט געקאנט אפּשטעלן. אז אימעצער וואָלט אים אַמאָל געפֿרעגט, וואָס איז עס פֿאַר אַ שטיקל, אָט דאס דאזיגע לעבן, וואָלט ער געענטפֿערט:

— ס׳איז א קאַלט, גרויזאם שפּיל. מ׳דאַרף תמיד זיין אויף דער וואַך. ת מ י ד דאַרף מען זיין אנגעשטריינגט, לויפֿן. אז ניט — יאָגן דיך אַנדערע אַריבער, וואַרפֿן דיך אום, שלינגען דיך איין.

אָבער ער, בארנארד קאוען, האט ליב געהאט דאס דאזיגע שפּיל. דאס דאזיגע שפּיל האָט אים שטאַרק פֿאַרנומען. דאס איז איצט געווען דאס איינציגע אין זיין לעבן, דער איינציגער אינהאַלט זיינער, דער איינציגער ציל. און ער האט מער נישט געטראַכט פֿון זיין לויפֿן. ער איז ג ע ל אָ פֿ ן. אַ זייטיגן, א טראַכטנדיגן, איז קלאָר געווען, אז ווען בארנארד קאוען וועט אויפֿהערן לויפֿן, וועט ער — פֿ אַ ל ן.

דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, נאָכדעם ווי ער פֿלעגט פֿאַרטיג ווערן מיט זיינע געשעפֿטן, הוליען און הולטייסטוועווען אין ניו־יאָרק. ער פֿלעגט זיך ארומשלעפֿן איבער די קאַבאַרעטס, רופֿ־גארדענס, פֿאשיאָנבלע רעסטאראנען און קאַפֿע

הייזער, איבער געהיימע, זעלטענע און ווירציגע אַזעלכע פֿאַרגעניגונגס־פּלעצער... די אַדרעסן פֿון די לעצטע ערטער פֿלעגן איבערגעגעבן ווערן קאָנפֿידענציעל, פֿון מויל צו אויער, פֿון פֿריינט צו פֿריינט. דער בלויזער נאָמען פֿון אָט די פּלעצער פֿלעגט אָנפֿילן דאָס האַרץ מיט דערוואַרטונג פֿון קיינמאָל ניט געאַנטע פֿאַרגעניגנס.

איינער אַליין פֿלעגט באַרנאַרד קאָוען אַרומשלעפּן זיך איבער די אַלע פּלעצער, אָן פֿריינט. ער האָט בכלל אין ניו־יאָרק ניט געהאַט קיינע פֿריינט אויסער פֿון דער ביזנעס וועלט, און די האָט ער פֿאַר קיין פֿריינט ניט געהאַלטן.

איבער אָט די אַלע "היי־לייף" פּלעצער פֿלעגט ער, ס'פֿאַרשטייט זיך, אַרומגיין אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען. מערסטנטייל, זיך פֿאַרשטעלנדיג ווי אַ רייכער עקספּאָרט־סוחר פֿון איינער פֿון די צענטראַל אמעריקאנישע רעפּובליקן, ווי ווענעצועלא, אדער קאלומביא, אדער קובאַ. דאס איז אים אָנגעקומען זייער לייכט, ווייל ער איז געווען טונקל פֿון אויסזען, מיט געדיכטע ברעמען און בייניגע וואָנצעס, און שפּאַניש האט ער אויך געקאנט אַביסל: אין זיינע אינגערע יאָרן האט ער א שטיק צייט פֿאַרבראַכט אין וועראַ־קרוץ, אלס א"טרעוולינג־סיילסמאַן" פֿאַר דער באַרימטער פֿירמע: "איינ־דאָלער־אַ פּאָר־הויזן", פֿון דער לעצטער פֿירמע איז ער עס, אגב, אויך נתעשר געוואָרן.

אין דער היים, אין דער כמעט דורכאויס גויאישער שטאָט אין צפון־קאראליינא, איז ער פֿאַררעכנט געווארן — און איז טאַקע אין דער אמת'ן געווען — דער אָנגעזעענער באלעבאס, דער אייגנטימער פֿון אַ גרויס געשעפֿט, אן איבערגעגעבענער מאַן צו זיין שוין עלטערער פֿרוי און א געטרייער טאַטע צו זיינע פֿינף קינדער, אַ ברייט־הערציגער כלל טוער סיי צווישן אידן, סיי צווישן גוים, א בעל צדקה מיט א פֿרייער האַנט. נאר כדי צו באזיצן אָט די אַלע מעלות, האט ער דאָך געמוזט פֿאַרדינען א סך געלט, האט ער דאָך תמיד געמוזט האָרעווען און שווער ארבעטן. און כדי צו זיין א רואיגער און איבערגעגעבענער מאַן, האט ער דאָך געמוזט כאָטש איין מאָל אין יאָר זיין אין ניו־יאָרק, זיך לאָזן צום אדער, ווי ער פֿלעגט זיך אין א מאָדנעם בייזלעכן שפּאַס אויסדריקן, און פּטור ווערן פֿון די אַלע זינדיגע רעיונות און פֿאָרשטעלונגען, וואס האבן אים אָפֿט באַאומרואיגט די לעצטע יאָרן ווען זיין ווייב איז שוין געוואָרן אַלט און איינגעדאַרט. דערהויפּט, פֿלעגן אים אַזעלכע רעיונות ניט אָפּלאָזן, ווען ער פֿלעגט זיין אויף א רייזע. זיצנדיג און לאַנגווייילנדיג זיך

אַ גאַנצן טאָג אין אַ ווייכן שטול פֿון אַ פּאַרלאָרקאַר, אָדער ניט
קענענדיק איינשלאָפֿן אויף זיין פּולמענאַן־בעטל דורך אַ נאָך לייג־
גערער נאַכט, אָנצינדנדיק און אויסלעשנדיק דאָס עלעקטרישע
לעמפּל, זיך איינקוקנדיק דורכ'ן וואַגאָן־פֿענסטערל אויף די פֿאַר־
שווינדנדיקע פֿעלדער און וועלדער, פֿעלדער און פֿעלדער, אַ טייך,
אַ פֿאַרביי־בליצנדיק שלאָפֿנדיק שטעטל אויפ'ן וועג, הייזער, מיט
אויסגעלאָשענע אָדער ליכטיקע פֿענסטער, וואָס פֿלעגן בלויז אויף
אַן אויגנבליק זיך ווי פֿון אונטער דער ערד באַווייזן, און באַלד ניט
ווערן, ווי אַ טראַכטונג בלויז, אַ חלום, אַ דמיון, אַ כימערע — פֿלעגט
אים דאַמאָלס איינפֿאַלן, אַז צו וואָס דאַרף ער די גאַנצע רייכקייט
וואָס האַלט באַ אים אין איין וואַקסן? אַז אַלץ איז אַזוי פֿאַרביי־
לויפֿנדיק, אַלץ פֿאַרשווינדט, אָט, איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט
און די עלטער האָט זיך שוין אָנגערוקט אויף אים...

נו, פֿלעגט ער זיך אַ גאַנץ יאָר טרייסטן און אין געדאַנק פֿאַר־
שכור'ן זיך מיט יענער וואָך, וואָס ער וועט אין סעזאָן פֿאַרברייינגען אין
ניו־יאָרק. דאָס איז געווען זיין באַהעלטעניש, זיין סוד זיין געהיים
לעבן, וואָס פֿלעגט אים געבן ווייטערדיקן כח אין טעמפּע גלייכגיל־
טיקע מינוטן, נישקשה, — דערווייל איז ער נאָך געווען יונג. ער
איז נאָך איצט, שוין זייענדיק איבער די פֿופֿציקער, געווען אַ פֿול־
בלוטיקער און ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט אַ שווערן אָבער באַוועג־
לעכן און רירעוודיקן טראָט, ווי באַ אַ פּאַנטערע.

עטלעכע נעכט פֿלעגט ער פֿאַרברייינגען אין די ווילדסטע און
אומגלויבלעכסטע אָרגיעס, וואָס ס'איז ניט אָנגענומען מען זאָל זיי
באַשרייבן, אַז מען באַשרייבט זיי, אַז מען רעדט פֿון זיי, ציטערט
דערביי דער לייענער, דער צוהערער פֿון עקל, פֿון חרפּה, פֿון אַ שע־
מען זיך פֿאַר זיך און פֿאַר דער גאַנצער וועלט מענשן. די חרפּה
איז זייער אַ שאַרפֿע און אַ דאָפּלטע, ווייל בשעת מען הערט, אָדער
מען לייענט אַזעלכע זאַכן איז דאָך דאָ ערגיץ אין דעם מענשן —
וויפֿיל וועלן עס צוגעבן? — אַ מין פֿאַרדראָס, פֿאַרוואָס מען האָט
עס נאָך זעלבסט אַזוינס ניט געזען, זעלבסט ניט אַנטייל גענומען
אין אַזאַ אָרגיע, זעלבסט אַזוינס ניט דורכגעפֿילט...

כדי באַרנאַרד קאַוען זאָל, צום ביישפּיל, קאָנען אַ ביס טון
מיט אַלע כחות דעם קליינעם מיזיניקל פֿון אַ מיידלס נאַ־
קעטן פֿוס אַזוי, אַז זי זאָל זיך אַזש אַ צאַפּל טון, פֿאַרבייסי די

אייגענע ליפּן — צו אָפּטויטן ווייטאג מיט ווייטאג — און זיך בשעת מעשה מורא האבן א ריס טון, ווייל דאמאלס וואלט איר נאך שטאַרקער וויי געטון; אדער כדי ער זאל קענען דורכשטעכן מיט א דינער נאָדל דאס ראזאווע אויער־לעפּעלע פֿון א יונגער כאָריסטקע — ווי מען שטעכט דורך מיידלשע אויערן פֿאַר אוירינגלעך — פֿלעגט ער זיך לאָזן קאָסטן א „מאַטניא" מיט געלט. פֿון אזעלכע אומשולדיגע פֿאַרגעניגנס, וועלכע זיינען שוין לאַנג ארויס פֿון דער מאָדע, סיידן אפּשר אין סקארבאווע אָרגיעס־באַשרייבונגען אין סענסאַציאָנעלע ביכער, ווי טרינקען פֿראַנצויזישן שאַמפּאַניער — קאַליפֿאָרניער שאַמפּאַניער פֿלעגט באַרנארד קאוען דאמאלס אפֿילו ניט וועלן נעמען — צו זויער! — פֿון א סאַמעטענער באַפּערלטער טופֿליע פֿון א קליינעם פֿרויען־פֿוס ארונטער — דערפֿון איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

אים איז קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן, אז ער טוט אַן אומרעכט ווען ס'איז מיט זיין אויפֿפֿירונג. בכלל האט ער ניט געוואוסט וואס ס'איז רעכט און וואס ס'איז אומרעכט, און ער האט זיך קיינמאל וועגן דעם ניט געזארגט. ער האט בלויז געוואוסט פֿון זאַכן, וואס ער קאָן באַווייזן צו קריגן, און פֿון זאַכן וואס ער קאָן ניט באַווייזן צו קריגן. אז ער זאל ווען ס'איז ניט איז ווי טון בשעת מעשה, באַליידיגן, איז אים ניט איינגעפֿאַלן. ער פֿלעגט דאָך פֿאַר אַלע זיינע פֿאַרגעניגנס צאָלן מיט א ברייטער האַנט. א סך מענשן האָבן דערביי גאַנץ פֿעטלעך פֿאַרדינט פֿון אים. ווען מר באַרנארד קאוען האט זיך נישט געפֿונען אין דער וועלט פֿון ביזנעס, איז ער שוין גאר, גאָר קיין קאַרגער, קיין אויסגערעכנטער ניט געווען. ס'האט געשיינט, ווי ער וואלט דעריבער אזוי אומ־ברחמנות'דיג געשונדן די הויט פֿון קונים, געשניטן פֿאַסנווייז פֿון זיינע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, כדי ער זאל דערנאך אויף דער פֿריי, דרויסן פֿון זיינע ביזנעס, קאָנען שיטן גאָלד מיט אַ ברייטער האנט. פֿאַרוואס זאל ער זיך בכלל אָפּזאָגן פֿון וועלכע ס'איז ניט איז פֿאַרגעניגנס? — פֿאַרוואָס? דאס וואס ער פֿאַרמאָגט איצט האט ער דאָך באַ וועלט און מענשן פּשוט מיט די ציינער אַרויסגעריסן. נו איז אַז ער גיט זיי א טייל פֿון דעם אָפּ צוריק, וועט עס אויך זיין דורך די ציינער. מ'עט אים דאַרפֿן באַצאָלן, באַצאָלן!

קיין ניו־יאָרק, אין דער גרויסער אײַלעניש נאָך געלט און ביזנעס, פֿלעגט ער פֿון זײַן ישטאַט פֿאָרן אין אַן עקספּרעס, וואַלגערן זיך א גאַנצע נאַכט אין אַ שלאָף וואַגאָן, אַבי נישט פּטר'ן אומזיסט קיין צײַט, אַבי גאָרנישט פֿאַרשפּעטיגן בשעת'ן קויף־סעזאָן. דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ער זיך ניט אײַלן אויפֿ'ן וועג צוריק אַהיים. צוריקוועגס פֿלעגט ער פֿאָרן מיט דער שיף, כּדי זיך אָפּרוען בשעת דער נסיעה אויפֿ'ן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

אָט אַזוי איז ער אויך הײַנטיגס מאָל א מידער אָפּגעשלאָפֿן דעם גאַנצן טאַג און אָנהויב אָווגט. ער האָט אפילו ניט געפֿילט. ווען די שיף איז אָפּגעגאַנגען פֿונ'ם ניו־יאָרקער האַפֿן. דאָס מאָל האָט ער מער און לײַנגער הולטײַסוועוועט, ווי ווען עס איז ביז אַהער. ער האָט גאָר נישט, קיין אײנציג פֿאַרגעניגן ניט געוואָלט דורכלאָזן, ווי ער וואָלט דאָ געווען צום ערשטן און לעצטן מאָל.

—"וואָס איז אַזוי די יאָגעניש און כאַפּעניש מיט דיר — לאָז איבער פֿאַר אַ צווייטן מאָל . . . וואָס'אַי, דו'סט דאָ מער ניט זײַן?" האָט ער אַליין אײַנגע'טענה'עט מיט זיך. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפֿן. ער איז פֿאַרבליבן דאָסמאָל אויף אַפּאָר טעג לײַנגער אין ניו־יאָרק.

אהיים האָט ער טעלעפֿאָנירט דורכ'ן לאַנג־דיסטענס, (ס'פֿלעגט אים דורכנעמען א מחיה'דיגער אנגענעמער ציטער, ווען ער פֿלעגט לאָזן הערן זײַן שטים דורכ'ן טעלעפֿאָן דעם הויפּט־פֿאַרוואַלטער זײַנעם איבער א שטרעקע פֿון וואָסערע נײַן־הונדערט מייל) אַז ער איז אומדערוואַרטערהייט פֿאַרהאַלטן געוואָרן אויף א קאַנווענשאַן פֿון א באַקאַנטער, אַמעריקאַנער גרויסער, פֿאַרצווייגטער צדקה געזעלשאַפֿט. אַז די פֿירער אויף דער קאַנווענשאַן האָבן זיך דערוואוסט אַז באַרנאַרד קאָוען איז דאָ אין ניו־יאָרק — און ווי אַזוי האָבן זיי זיך עס דערוואוסט? דוכט זיך, ער האָט נישט האָלט צו פּויקן וועגן זיך, ווען ער איז אין ניו־יאָרק. נאָר, הפּנים, אַז אים מיט זײַן נאָמען איז שווער זיך אויסצובאַהאַלטן... — האָבן זיי אים כמעט מיט גוואַלט געצוואונגען, ער זאָל פֿאַרבלײַבן אויף א פּאָר געשעפֿטס־זיצונגען. וואָס מאַכן עפּעס די קינדער? גוד־באַי.

די לעצטע פּאָר נעכט האָט ער פֿאַרבראַכט אין א נײַעם פּלאַץ, וועלכן עס האָבן אין געהיים אויפֿגעהאַלטן, אַפּאָר פֿאַריזערינס אויף אײנער פֿון די רײַכסטע גאַסן אויף דער וועסט־זייד, אָפּטיען. זײַנער א באַקאַנטער, געשעפֿטסמאַן, א מענש פֿון א יאָר פֿינף־און־פֿופֿציג, וועמעס ליסע קאָפּ האָט געגלאַנצט און געשפּיגלט, ווי פּאָלירטער עלפֿאַנטבײַן, האָט אים באַדײַטונגספֿול דער־

קלערט, אז אין יענעם פלאץ גיבן די פרויען זייער ליבע אויפ'ן פראנצויזישן אופן. ווען בארנארד קאוען איז איינם טאג פונם שיפ־אפגיין אריינגעפאלן אין זיין קאיוטע, האט ער זיך קוים געהאלטן אויף די פיס, ווי זיי וואלטן בא אים געווען איבערגעזעגט. ער האט פארשלאסן די קעבין טיר און זיך גלייך אריינגעווארפן אין בעט. ער האט זיך אויפגעכאפט ערשט דאמאלס ווען די גרויסע כוואליעס פונ'ם אקעאן האבן זיך געשטארקט.

נאך אין די לעצטע מינוטן פון פאר'ן אויפכאפן זיך, האט זיך אים געחלומ'ט, ווי ער פליט מיט'ן קאפ אראפ אין די טיפע גישן פונ'ם ים. זיין באוואוסזיין האט ער נאך ניט פארלארן, ער זוכט אלץ מיט די הענט אן אנהאלט, א בוים, א געוויקס, א פארביי־שווימענדיגע פיש, — זיי שווימען אזעלכע גרויסע און אומגעהייערע פארביי אים — אן וועלכע ער זאל זיך קאנען אנכאפן, זיך צוריק איבערקערן מיט די פיס אראונטער און קאפ ארויף. דאכט זיך אזא איינפאכע זאך: מיט די פיס אראונטער. נאר אומזיסט. ער פליט אלץ מיט'ן קאפ אראפ, די אויגן גלאצן אים ארויס, דער איינגעווייד דריקט אים אזוי אויפ'ן מארך, דאס גאנצע איינגעוויד פונ'ם בויך וואס געפינט זיך איצט איבער'ן קאפ דריקט אים אזוי אויפ'ן מארך. — — —

דאס ערשטע, וואס ער האט געפילט, ווען ער האט זיך סוף־כל־סוף אויפגעכאפט, איז געווען א שטארק איבלען אונטער'ן לעפעלע, א מין נודנע דאקוטשן אין די גדערים, אן ארומשווימען אין קאפ, ווי דער קאפ וואלט געווען פול מיט וואסער, וואס האט זיך געבויטשעט פון ווענטל צו ווענטל. בארנארד קאוען האט זיך באמיט אויפהויבן פונ'ם בעט — ער איז צוריקגעפאלן.

אבער די אנשטריינגונג, וואס ער האט געמאכט אויפצושטיין, האט אים א ביסל אויפגעטשוכעט, געבראכט צו זיך. און דא האט ער צוערשט דערהערט א מאדנע באקאנטע געזאנג און געשפילעריי אויף עפעס א סטרונע־אינסטרומענט — אין די ערשטע מינוטן פון זיין וואך זיין האט ער נישט געקאנט דערקענען, אויב ס'איז געווען א מאנדאלין, א באנדושא אדער גאר א יוקליילי — וואס האט זיך דערטראגן צו אים אין דער טונקלקייט פון זיי'ן קעבין.

אט די היימישע, גוט־באקאנטע און שוין אפט געהערטע קלאנגען און לידער אין מיטן נאכט און אקעאן, האבן אים אנגע־

פֿילט מיט א בלינדער געאַנטער שרעק. ס׳איז אים געווען, ווי ער וואלט דאָ מיט אמאל, אפשר א טויזנט מייל פֿון זיין היים, דערהערט זיין פֿרוי ויידן צו אים... ווי קומט דאס דאזיגע געזאַנג אהער?

ער האט אויסגעצויגן זיין האַנט צום עלעקטרישן קנאָפּ, וואס האט געזאלט זיין נישט ווייט פֿון אים אויפֿ׳ן וואַנט, און געוואָלט אָפּדרייען דאס עלעקטרישע ליכט. א ווײַלע האָט זיין האַנט געבלאָנדזשעט אהער, אהין און דאס עלעקטרישע קנעפּל ניט געקאנט געפֿינען. ער איז געווען זיכער, אַז דער קנאָפּ האט געמוזט זיין אָט דאָ ניט ווייט, וואו זיין האַנט האט אין דער פֿינסטערניש ארומגעטאַפּט, נור זיינע פֿינגער האבן ארומגעפֿירט איבער דער בלינדער וואַנט אַרום און אַרום דעם קנאָפּ אפשר די ווייט פֿון א האָר־ברייט פֿונ׳ם קנאָפּ, און דעם אָרט נישט אָנגעטאַפּט.

זיין האַנט איז צוריקגעפֿאַלן אויפֿ׳ן געלעגער, און אָפּגעשוואַכטע. דער באוואוסטזיין האט זיך שוין צו אים איצט אינגאַנצן אומגעקערט. ער איז געווען אויסגעשלאָפֿן, וואַכעדיג־ניכטער. ער געפֿינט זיך איצט אויפֿ׳ן שיף אהיים.

נאָר עפּעס האט ער זיך געפֿילט אָפּגעשוואַכט אַזוי. זיין גוף האט זיך ניט אונטערגעגעבן זיינע אייגענע באַפֿעלן. אין קאַיוטע איז געווען טונקל. ביסלעכווייז, אַז זיין אויג האט זיך צוגעוויינט צו דער פֿינסטערניש, איז פֿאַר אים ארויסגעשוואומען די ווייסקייט פֿונ׳ם איבערבעט, פֿון די עמאַלירטע ווענט פֿון די שטאַנגען אין ווינקל, פֿון דער פֿענסטער ראַם, פֿונ׳ם וואַש־בעקן, ווי בלייכע אָנווייזונגען פֿון אן אנדער וועלט, — פֿון א פֿאַרטאגיגער. דאס זיינען געווען בלויז ווייסע גייסטלעכע אָפּשפּיגלונגען פֿון דיווירקלעכע געגנשטאַנדן אין דער ליכטיגער באַטאָג־וועלט. די געגנשטאנדן גופא זיינען פֿאַרשוואונדן, נאָר די אָפּשפּיגלונגען, די פֿאָרמעס זיינען דאָ פֿאַרבליבן, הוילע און אויסגעליידיגטע, דורך דער נאַכט, און וואַרטן אויפֿ׳ן פֿרימאָרגן, ביז וואַנען זיי וועלן זיך קענען אָנקליידן אויף זייערע אינהאַלטן, אויף זייערע גופֿ׳ן. אָט די ווייסע לויערנדיגע שאָלעכצן האבן בארנארד קאוענען מער אָפּגעשראָקן איידער באַרואיגט.

באַלד דערנאָך האט ער דערזען דורכ׳ן קליין פֿענסטערל די געדיכטע בלויקייט, כמעט שוואַרצקייט אין דרויסן. דאס פֿענסטערל איז ארויסגעגאנגען אויף דער אָפֿענער דעק, צום ים־צו. ער האט קלאָר און אָפּשרעקנדיג געהערט: די גרויסע „ראָללערס“ (ים־וואַלן) פֿון מיטן־אָקעאַן שטורמען, ווי ווייטע דונערן, ווי וועלט־גרויסע

שטיינער, וואס האלטן זיך אין ברעקלען, ווי ריזיגע בנינים, וואס פֿאַלן איין מיט א קראַך. שוואַך, נאכגיביג, אומבהאלפֿן האט זיך די שיף געשליידערט, זיך געקייקלט איבער די וואַסערן, ווי א גרויסע פֿאַס.

א שיף איינע אליין אויף די וואַסערן.

מחמת אינ'ם שיף גופֿא איז געווען אזוי שטיל (די שטילקייט אינ'ם שיף איז נאך קענטיגער געווען צוליב דעם שטורעם אין דרויסן) און מחמת דעם, וואס וואסער־לאַפּעס האבן אלע ווילע גע־פּאַטשט אין דעם פֿענסטערל, איז בארנארד קאווענען מיט א מאל איינגעפֿאַלן, אז אלע פּאַסאַזשירן אינ'ם שיף זיינען טויט. פֿון דעם געדאַנק איז באַ אים אין קאָפּ מיטאמאל געווארן א מאָדנע קלאָר־קייט, ווי אינווייניג דאָרט איז בשעת זיין לאַנגען שלאָף איינגאנצן אויסגערייניגט, אויסגעברייט געווארן, געווארן אזוי ריין און גרויםיג. די געדאנקען וואס ער האט איצט געטראַכט, האבן געהאט א סך אָרט פֿאַר זיך, זיינען געוואקסן, געוואקסן, און אויסגעוואַקסן צו אזא גרויס.

ניין, דאס איז נאַטירלעך ניט צו גלויבן, אז אלע זיינען אויס־געשטארבן. דורך וואס פֿאַר א סבה — אזוי פלוצלונג? ס'האט מסתמא פאסירט אָט וואס: עפּעס האט געטראָפֿן מיט דער שיף. זי האט זיך צוזאמענגעשטויסן מיט אן אנדער שיף אָדער גאָר מיט אן אייזבאַרג. ס'טרעפֿט זיך דאָך אזוינס. אלע פּאַסאַזשירן האבן געקראָגן באפֿעלן אריינגיין אין די רודער־שיפֿלעך, און זיך ראַטעווען. נאָר אן אים האט מען פֿארגעסן. פֿון אים, האט מען, פשוט, גאר ניט געוואוסט, ער איז דאָך די גאַנצע צייט געשלאָפֿן, און די טיר פֿון זיין קאַיוטע איז געווען צוגעשלאָסן. איצט געפֿינט ער זיך איינער אליין אויף דער אונטערגייענדיגער שיף.

אַז קיין פֿריינט אָדער מענשן, וואס זאלן אים קענען האט ער ניט אויף דער שיף, און די גאַנצע צייט איז ער געשלאָפֿן.

נאָך א גרויסע, קודלאַטע וואַסער־חיה האט אפּאַטש געטאָן אין דעם פֿענסטערל. די שיף האט זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט. בארנארד קאווען האט א שטילן געשריי געטון אַזוי, פֿאר זיך בלויז, דעריבער האט ער נישט געשריגן הויך. פֿון דעם שטילן געשריי — א סימן פֿון לעבן אויף א טויטער שיף — איז אים א ביסל לייכטער געוואָרן, ער האט ווידער געמאַכט אן אנשטריינגונג און זיך אויפֿגעזעצט.

און דאָ זיינען צו אים ווידער אָנגעשוואומען די מאָדנע באַ־קאנטע, היימישע קלאַנגען און טענער. ס'איז געווען דרום'דיגע

נעגערשע מוזיק, נעגערשע פֿאָלקס־לידער וואָס זיינען אים געווען גוט באַקאַנט.

אָפֿט אין אַ טונקעלער הייסער נאַכט ווען ס׳פֿלעגט אים אָנכאַפּן אַן אומרויִקייט און אַ בייַנקעניש פֿלעגט אויפֿשלאָגן זיין בלוט, פֿלעגט ער זיך אָנטון אין זיינע אַלטסטע, וואָכעדיגע קליידער אָנטון אַ פּאָר טונקעלע ברילן, מען זאָל אים ניט דערקענען און זיך לאָזן גיין צום עק שטאָט, אין׳ם נעגערשן קוואַרטאַל, צו זען זיינע אַ געליבטע. ער פֿלעגט זי בייַטן זייער אָפֿט, זיינע געליבטע. אַזוי אָפֿט, ווי ער פֿלעגט נאָר וועלן. דאָס נעגערשע פֿרויען לייב אין׳ם דרום איז וואָלוול, הפקר, און לאָזט זיך אַלעמאָל גערן נעמען פֿון אַ ווייסנס האַנט. און בארנאַרד קאָוענס האַנט איז געווען באַקאַנט אין דער שטאָט, ווי אַ שטאַרקע מאַכטיגע האַנט, וואָס האָט גענומען דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפֿט. זי איז אויך ניט געווען קיין לייַדיגע, די האַנט זיינע. ס׳איז אַפֿילו ניט געווען נייטיג, נאָר בארנארד קאָוען איז געווען גרויס־מוטיג. ער פֿלעגט ברענגען אונטער זיין פּאָלע אָדער אין אַ פּאַק, קאָלירטע שטאָפֿן פֿאַר אַ קלייד, אַ פּאָר סאַטינענע פֿרויען־"פּאַמס", אויריינגלעך מיט ביליגע שטאַרק בלישטשענדיגע שטיינער, אַ פּאָר זיידענע זאָקן, אַ קאַפּטישקע, אַ שאַכטל שמעקעדיגע זייפֿן און ענלעכע זאַכן.

בארנארד קאָוען האָט צו יעדער צייט געהאַט אַ קעפּס־ווייב, אָדער עטלעכע. דאָס זיינען געווענלעך געווען פֿאַרהייראַטע פֿרויען. פֿאַר מיידלעך, פֿאַר אומפֿאַרהייראַטע האָט ער זיך איצט געהיט — זינט יענעם מאָל. ער פֿלעגט נישט דאַרפֿן מאַכן מיט זיינע געליבטע קיין באַשטעלונגען אויף צופֿריער. ער פֿלעגט קומען צו זיי צו יעדער צייט, ווען עס פֿלעגט אים נאָר איינפֿאַלן. אַז ער פֿלעגט קומען צו זיינער אַ נעגערשער געליבטער, און דער מאַן איז גראָד געווען אין דער היים פֿלעגט זי נעמען און אַוועקשיקן דעם מאַן אין סאַלון — געלט אויף ביר האָט שוין קאָוען געגעבן — אָדער פּשוט אַרויסשיקן אים אויפֿ׳ן צווייטן עטאַזש, אָנזאָגנדיג אים מיט׳ן האַרבן וואָרט, ער זאָל זיך אויף די אויגן ניט ווייזן, ביז וואַנען מען וועט אים נישט דאַרפֿן. ער קאָן דאָרט דערווייל לייענען אַ צייטונג. דאָ געפֿינט זיך אַן אַגענט פֿון דער "זינגער־ניי־מאַשין" קאָמפּאַניע, און זי וועט מיט אים שוין אַליין דורכקומען. "האָסטו געהערט, נ־נ־ניגער?"

שפּעטער, אויפֿ׳ן וועג צוריק אַן אָפּגעקילטער, פֿלעגט קאָוען ליב האָבן זיך אַנידערזעצן אויף אַ טרעפּ פֿון אַ סאַלון, און זיך צוהערן. דאָס זיינען געווען זיינע אָפּרו־מינוטן. פֿון די טונקעלע, היל־

צערנע, ווי חרובֿ׳ע הייזער וואו קיין ליכט, קיין לאָמפּ האָט ניט געברענט, נאָר אומרייניג צעפּוילטע טונקלקייט פֿלעגט אַרויסשמעקן שמאַטע־דיגע קעפּ און אבֿרים דורך פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע טירן און אויסגע־קראָכענע, פֿאַרלאַטעטע פֿענסטער, — פֿלעגט זיך טראָגן אַ זומזען, אַ געזאַנג, אַ ברומען, אויף די גאַניקעס, אין די אָפֿענע טירן, אויף די טראָטואַרן אין מיטן גאַס צווישן די איינגעפֿאַלנע הייזלעך, ווי אַפֿ־ריקאַנישע ערד כּאַלופּעס, זיינען צעלייגט געווען קופּקעס, קרייזלעך, פּאָרלעך נעגערס. מענער אין בלויזע הויזן און אונטער העמדער, פֿרויען מיט אַנטבלויזטע, נאַקעטע אָרעמס און בריסט, פּאָרלעך זיך ליבֿ־האָבנדיגע און שוין האַלב איינגעשלאָפֿנע, קינדערלעך נאַקעטע, מיט הוילע פּופּיקעס. פֿון אומעטום, פֿון אַלע ווינקלעך האָט זיך געטראָגן א ווילד, אויפֿגערעגט־צולאָזן, בייִנקנדיג־טרויעריג פֿריילעך געזאַנג. די גאַנצע גאַס האט געזונגען. פֿון קינד ביז אלטן האבן געזונגען שטיל און הויך, מיט א קול און שווייגנדיג. און איצט האָט זיך ערגעץ פֿון די געדערים פֿונ׳ם שיף אויך געטראָגן אהער אַזאַ געזאַנג, באַגלייט פֿון א געקלימפּערײַ אויף א באַנדזשאָ. — יאָ, איצט האט ער זיך שוין מער פֿאַנאַנדערגעקליבן: ס׳איז זיכער געווען באַנדזשאָ, — גיכע, אָפּגעריסענע און אבאָרטיווע טענער פֿון אונטער אימעצנס זיכער אַ שוואַרצנ׳ס — זיך וואַרפֿנדיגע פֿינגער זייִנען געשפּרונגען פֿון די פּיאַנאָ־קלאַווישן.

I ain't no doctor
Nor a doctor's son
But I can cure your pain
Till the doctor is come.

די ים־כוואַליעס האבן זיך מיטאַמאָל ארויפֿגעוואָרפֿן אויפֿ׳ן שיף און דערשטיקט די קלאַנגען, וואָס האבן זיך געטראָגן צו באַר־נאַרד קאָוענען. נצחונ׳דיג, ווילד האָט זיך דער ים ווידער געלאָזט הערן. אַ הײַלן, אַ קראַכן, א ריטשען, א וואַיען, ווי נאָענט פֿאַר׳ן וועלט־אונטערגאַנג. דער אָקעאַן איז איצט איינער אליין איבער דער וועלט, און זינגט אַן איינזאַם געזאַנג פֿון גבֿורה און פֿאַרניכטונג, אַ ליד פֿון נצחון איבער א ווידערשפּענסטיגער וועלט, וואס האט זיך ביז אַהער אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָקעאַן. א געפֿיל פֿון גרויסער וויכ־טיקייט, פֿון זעלטענע מינוטן, וואס חזר׳ן זיך ניט איבער, האָט איבגאַנצן אַדורכגעדרונגען הער באַרנאַרד קאָוענען. דאָס זייִנען זייִנע לעצטע

מינוטן אויף דער וועלט. הפנים אז די שיף איז שוין אינגאנצן אין וואַסער.

אין מח האָט אים דורכגעבליצט דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, אַז פֿאַר אַ מענטשנ׳ס טויט, אין די גאָר לעצטע מינוטן, אויב דער שכיב־מרע איז נור ביים פולן באוואוסטזיין, שווימען אין אין זיין פֿאָרשטעלונג אַלערליי, אַמאָל געזעענע, בילדער און געזיכ־טער, דערהויפט בילדער פֿון זיין פֿריעסטן לעבן און אָט דאָס איז זיין שטאַט, זיין היים צו אים געקומען אהער אין מיטן ים, ווייל ס׳איז פֿאַר זיין טויט. אָבער וואו איז זיין פֿרוי? וואו זיינען זיינע קינדער? ער האט זיך געמאַטערט, זיך אָנגעשטריינגט, אָבער זייערע געשטאַלטן פֿאָרט נישט געקאָנט אַרויסברייננגען, אויף אים האבן אַלץ געפּלייצט פֿון אַלע זייטן שווארצע טונקעלע און ליכטיגערע נעגערשע געזיכטער. אַן ערב־רב פֿון נעגערס. בארנארד,קאוען האט זיך אָנגעהויבן איינקארטשן. ער האָט געוואַרט וואָס ס׳וועט זיין.

און אָט פֿון זיי טיילט זיך אויס איין געזיכט, אַ מאט־טונקע־לעס, אַן איידלס, אַ שיינס, אַ געזיכט פֿון אַ פֿרוי. די נאָז איז אַ געטאַקטע, די ליפּן — אַ סך דינער, ווי געוויינלעך בײַ די נעגערס. אָבער נאָך אַלץ אַ ביסעלע דיקער ווי בײַ ווייסע מענטשן. ליידענ־שאַפֿטלעכע ליפּן נישט קיין היה׳דיג־גראָבע. ארום די אויגן־ווייסלען איז ניטאָ די קויטיגע רויטקייט, און די גאַנצע הויט איז אַזוי איידל, פֿון אַ קאַקאַ־קאָליר.

אָט די יונגע איידעלע מולאטין פֿירט עס אָן מיט דער קופּע נעגער־זינגער. אַלע שטייען זיי ארום איר. אָט לאָזן זיי זיך ארונטער אויף זייערע קני, ווי פֿאַר אַ כהנ׳טע. ער איז אויך צווישן דער קופּע נעגערס, און ער לאָזט זיך אויך אַראָפּ אויף די קני. דאָס ליד וואָס זיי זינגען איצט איז אַזאַ פֿארצויגן־פֿארוואונדערטס, ווי אַ קינדערש פּנים אין אַ וואַלד־מעשה׳לע. און דאָס ליד איז אים באַקאַנט, פּונקט ווי דאָס איידעלע געזיכט פֿון דער יונגער מולאַטין.

— — — ס׳ווערט ליכטיגער ארום אים. ים און טונקלקייט זיינען שוין ניטאָ. ס׳איז אַ פֿרימאָרגן. אַ גאלדענער הערבסט־מאָרגן אין אַ סאָסנע־וואַלד, נישט ווייט פֿון פּיינהוירסט, אין צפון קאראָליינאַ. דער טאָג איז אַ זומערדיגער, אַ שמעקעדיגער, ווי אַ טאָג אין יוני. ס׳איז שוין לאַנג צוריק, דוכט זיך אים אויס, נאָך אין די טעג פֿון זיין יונגער מאנסבילשאַפֿט. וואַרט, דאַכט זיך, ער איז דאַ־מאָלס געווען אין פּיינהוירסט אויף זיין חתונה־רייזע. ער וואַוינט אין דאָרף, וואָס געפֿינט זיך אויף אַ הויכן געבירגיגן אָרט, נישט ווייט

פֿון ים. דורך די שלאַנקע, הויך־שטריינגע און שטאָלצע סאָסנעס, וואָס פֿילן אָן די לופֿט מיט׳ן ריח פֿון זייער שמעקעדיג בלוט, זעט זיך ארויס דאס ליכטיגע, שימערירנדיגע פֿעלד פֿונ׳ם אָקעאַן. ס׳איז דער אָנהויב פֿון א זוניג־שפּראָצנדיגן טאָג.

אויפֿ׳ן גראָז, נעבן אים, ליגט א יונגע, שלאַנקע נעגערשע מיידל, אַ מולאַטין. זי זעט אויס ווי אַן אומגעוואָרפֿענע יונגע פֿרישע סאָסנע, און פֿון איר אינ׳ם וואַרעמען פֿרימאָרגן, טראָגט זיך אזא פֿאַר׳שכור׳נדיגער, שמעקעדיגער ריח, ווי פֿון די סאָסנעס אַרום. און זי זינגט אַ ליד מיט אַ קלאָרער, פֿרישער וואַלד־שטים, — דאס זעלבע ליד, וואָס ער הערט איצט ערג׳ץ פֿון די טיפֿעניש פֿונ׳ם שיף:

And then there came a bumble-bee, —aha-aha...
And then there came a bumble-bee
With his fiddle on his knee, — aha-aha-aha...

בארנארד קאוען האט העפֿטיג אויסגעשטרעקט זיין אָרעם, ארומצונעמען די יונגע, פֿרישע מולאטין, וואס האט געקוקט אויף אים מיט אזוי פֿיל ליבע און איבערגעגעבנהייט. זיין האַנט האט זיך אָנגעקלאַפּט אין טישל. ער האט אַזש אויפֿגעשריגן פֿון ווייטאָג. אַז ער האט אויפֿגעפּנט די אויגן האט ער ווידער דערזען די פֿינסטער־ניש פֿון דער קאַיוטע. די ליכטיקייט פֿונ׳ם פֿרימאָרגנדיגן דרום־וואלד איז פֿאַרשוואונדן, אבער דאס געזאַנג האט זיך נאָך געהערט. ס׳האט זיך געצויגן אהער פֿונ׳ם צענטער שיף, פֿון דער מאַשין־אָפּטיילונג, פֿונ׳ם צישן פֿון די מעשענע שטאַנגען, פֿון דעם רייבן זיך אַרויף און אַראָפּ פֿון די צילינדערס, אין די שיידן פֿון דער שיפֿ׳ס מאַטאָרן.

הייסט עס, די שיף גייט דאָך יאָ? פֿאַרוואס זשע איז אזוי שטיל? ווייל אלע שלאָפֿן. און ער טוז, הפנים, זיין ניט געזונט, ס׳שווימט אים אין קאָפּ, דעריבער דוכט זיך אים צו פֿאַרנעמען א געזאַנג. ער׳ט גיין זען, וואס עס טוט זיך אויף דער שיף.

אז ער האט זיך אנידערגעשטעלט מיטביידע פֿיס אויפֿ׳ן דיל, האט אים אין קאפּ נאך שטאַרקער אנגעהויבן צו טומלען, צו וואַרפֿן זיך, ווי דאס אינווייניגסטע פֿון קאָפּ וואלט געהאלטן אין פֿאַנאַנ־דערפֿאלן זיך. ס׳האט אים נאך שטאַרקער אָנגעהויבן צו נודיען. אין די געדערים האט געריסן, דער גרויסער מאָלצייט פֿון פֿאַרשידענע ים־שפּייזן, וואס ער האט געהאט נעכטן פֿאַרטאג אין אן ערשט־

קלאַפּיגן קאַבאַרעט ערגיץ אויף דעם אריסטאקראטישן לאַנגביעטש, וואוהין די פראַנצויזקע האָט אים שפּעט אין דער נאַכט אוועקגעפירט אין אלימוזין. באַם בלויזן געדאַנק פון די רויע אויסטערס, די געפרעגלטע סקעללאַפּס, און געזאָדענע קראַבן, וואָס ער האָט געגעסן נעכטן, איז אים באַפאַלן א ניט־גוטקייט. ער האָט געפילט אַז ער מוז ברעכן. ער האָט ווי עס איז, אין דער פינסטער, ארויפגעצויגן אויף זיך די הויזן, האָט אָנגעטאַפּט די טיר־קלאַמקע און איז ארויס.

זיך־שאַרנדיג, האָט ער זיך פאַרביי־געשלעפּט ארום די ווענט, האָט זיך דערשלעפּט ביז א לאַוואַטאַריע, וואו ער האָט אויסגעבראָכן אַלץ, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע צוויי טעג געגעסן, און אפשר נאָך מער — אַלץ, וואָס ער האָט זיין לעבנסלאַנג געגעסן. אַז ער איז פון דאָרטן ארויס, איז ער געווען אזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. האָט ער זיך אנגעשפּאַרט אָנ'ם באָרט. ס'האָט אים מיטאמאל ווידער א שפּאר געטאָן אונטערן האַרץ, האָט ער זיך געטוזט אָנבויגן איבערן פּאָרענטש. די ספּאַזמעס פון מייקעגען האָבן אים אומבאַוואוסטערהייט נאָך טיפער איבערגעבויגן איבערן באָרט. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער זיך אזוי אנגעהויבן דאמאלס אריבערבויגן אויף יענער זייט שיף. גליטשנדיג זיך אַלץ אריבער איבערן פּאָרענטש, טיפער אין ים אַריין. זיינע פיס האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם דעק פון דער שיף און הילפלאָז געהאַנגען אין דער לופט. נאָר דאָ האָט אים א האַנט פון הינטן אָנגעכאַפּט פאַר א הייגנעדיגן פוס, אים מיט כח צוריקגעשלעפּט און אים באַלד אינגאַנצן ארומגעכאַפּט אין די אָרעמס. און בארנאַרד קאַוען איז אזוי געבליבן ליגן אנגעשפּארט אויף עפּעס ווייכס.

אַז ער האָט נאָך אַן אומבאַשטימטער ווײַלע פון טויטער שטילקייט אויפגעעפנט די אויגן, האָט אויף אים א פּלייץ געטאָן אסך ליכט. ער איז געזעסן אין א ווייכן פאָטער־שטול אינ'ם באַל צימער פונ'ם שיף. לעבן אים איז געשטאַנען א נעגער מיט א נאָז־טיכל אין האַנט, האָט אים ארומגעווישט דעם מיסט פון ארום מויל און האַלז, און אים פאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער.

אים איז געווען קאַלט און ס'האָט אים געטריסלט. דער נעגער האָט אים אַרומגעוויקלט מיט א וואַרעמער קאָלדרע, האָט אים געבראַכט און אים אַריינגעגאָסן אין מויל אריין א גלעזל בראָנפן.

קאָוען האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט געשאָקלט מיט די ליפּן, נאָר ס'איז בײַ אים גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער האָט געוואָלט אױפֿשטײן פֿון שטול און ניט געקאָנט. מיט האַלב אָפֿענע אויגן האָט ער זיך שוואַך אומגעקוקט אַרום זיך.

אַרום דער פּיאַנאָ איז געשטאַנען אַ געזעמעל שוואַרצע, ברוין־הויטיגע און שאָקאָלאַד־הויטיגע און קאַקאָ הויטיגע. דאָרט זײַנען געווען פּנים'ער מיט אַלערלײ שאַטירונגען צווישן שוואַרץ און ווײַס. דיזעלבע גראָבע, מנוּשם'דיגע שטריכן אויף די פּנים'ער, האָט עס געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי די אַלע באַשעפֿענישן זײַנען געקנאָטן געוואָרן פֿון אײן טייג. נאָר דאָס שטיק טייג פֿון וועלכן יעדער אײנער פֿון זיי איז באַזונדער אויסגעפֿורעמט געוואָרן, איז פֿאַרמישט געוואָרן מיט אַ באַזונדער פֿליסיקייט. ס'זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ רײ גלעזלעך מיט פֿליסיקייטן, און יעדע ביסל פֿליסיקייט האָט זיך אָפּגעטײלט פֿון דער אַנדער ביסעל פֿליסיקייט, ווי ווען דאָס ערשטע וואָלט באַשטאַנען פֿון דורכאויס שוואַרצע קאַפֿע, און אין די איבעריגע גלעזלעך איז שוין אַרײַנגעגאָסן געוואָרן מילך. וואָס ווײַטער אַ גלעזל איז געשטאַנען פֿון דער ערשטער מיט די גאָר שוואַרצע קאַפֿע, — אַלץ מער מילך איז אַהין אַרײַנגעגאָסן געוואָרן, אַלץ ליכטיגער איז די פֿליסיקייט געווען.

נאָר נאָענט צו דער פּיאַנאָ, זיצנדיק אויף אַ פּאָר צוגערוקטע בענקלעך, זײַנען געווען די שפּילערס. עטלעכע פֿאַרפּוצטע נעגערס, מיט גלאַנציקע, רײַנע קאָלנערס, ספּאָרטיש־רײַנע אַנצוגן און אויף'ן גרויס שטאָטישן אופֿן אַרומגעשאָרענע שעוועליורעס. זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט זייער סטאַטעטשנע, האָבן קינסטלעריש־פֿאַרטיפֿט און וויכטיק געשפּילט אויף זייערע סטרונע־אינסטרומענטן די לעצטע פּאָפּולערע „רענס". אַרום זיי, אַרויסשטראַלנדיק פֿונ'ם דענטער און קלאַפּנדיק צום געדיכטן, שטײפֿן קערן אינ'ם צענטער קרייז, האָבן זיך געשטויסן, געשטופּט די שוואַרצע באַדינער פֿונ'ם שיף. שווערע, אומגעלומפּערטע פֿיגורן זײַנען געקראָכן קאָפּ אויף קאָפּ, אַרויפֿגעלייגט אָרעם אויף אָרעם, קאָפּ אויף אַקסל, ברוסט אויף רוקן. זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַ סטאַטוע צונויפֿגעטריבענע, גלאַנציקע פֿערד, וואָס קריכן אײנע אויף די אַנדערע אין אַ צונויפֿגעפּלאָנטערטער קופּע.

זיי זײַנען, הפּנים, אַקאָרשט פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין דער שיף־„קיזאַיזין", אינ'ם בופֿעט, און די אָפּטריט־צימערן, אונטן אין די שיף־לעכער, בײַ דעם גרויס פֿײַערדיקן אויוון, און אין

די אַלע שפּאַלטן, לעכער און געדערים פֿון דער שיף, וואו זיי האבן די גאַנצע צייט פֿון דער נסיעה אויפֿ׳ן ים אַרומגעפּויזעט און אַרומגעקראָכן, א גאַנצן טאָג און א גאַנצן אָוונט האט מען אין דעם פּרעכטיגן דיינינג רום, מיט די צוויי רייען פֿענסטער איינע איבער דער אַנדערער, וואו ס׳האט פֿינדעסטוועגן א גאנצן טאָג געברענט די עלעקטריע, און מען האט זיך דאָרט געפֿילט ווי אין א טעאַטער בשעת א באַטאָגיגער פֿאָרשטעלונג, — האט מען דארט א גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין עסן, איין טרינקען און איין טאַנצן. און דערנאָך איז מען זיך צעגאנגאַנגען איבער די קאַיוטעס שלאָפֿן. און דורך דער גאַנצער צייט, וואס מען האט אויבן געגעסן, לוסטיג פֿאַרבראַכט בא די רייכע טישן און געטאַנצט, האבן די שוואַרצע באַדינער פֿונ׳ם שיף, ארומקריכנדיג אין זיינע געדערים, ווי ווערים אונטער דער ערד־אויבערפֿלאַך, איבער וועלכער עס גייען ארום מענשן, — אָפּגעטון די גאַנצע ארבעט. נאר קיינער האט זיי דורך ·דער גאנצער צייט ניט באמערקט, אָט די טונקעלע, שוואַרצע, פֿאַרשטויסענע, אונטערערדישע גנאָמען מיט די פֿייער־אויגן.

און איצט זיינען זיי פֿון אומעטום איילינג ארויסגעקראכן, ניט אַלע פֿון זיי האבן נאך באוויזן זיך איבערצוטאָן, — זיי זיינען אַרויסגעלאָפֿן פּלוצלונג, ווי שדים פֿון זייערע לעכער, און שפּאלטן, צוגעצויגן דורך דער כשוף־מוזיק, וועלכע דער באַליבטער פּיאַנאָשפּילער פֿון דער שיף האט אָנגעצונדן, און וועלכע האט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן, די קיך־ארבעטער האבן נאך געהאַט אויף זיך די ווייסע קיכערשע היטעלעך און פֿאַרטוכער; די אַלטע, בכבוד׳יגע סטיואַרדס — די בלויע זשאַקעטלעך מיט די קלינגענדיגע בינטלעך שליסלען באַ דער זייט. די קוילן־שאַרער און די הייצערס פֿון דער אינדזשינ־רום אינ׳ם בויך פֿון דער שיף, האבן נאָך געהאט אויף זיך זייערע קויטיגע שוואַרצע אוועראלס און "דענימס", אדער גאָר צעריסענע קאַרטאָפּל־זעק, וועלכע זיי האָבן געברויכט, ווי פֿאַרטוכער, ווי גרויסע קאפּיושאָנען איבער די געקרייזלטע, קודלעוואַטע קעפּ. און אַלע, אלע האבן זיך געשטויסן און געטאָפּעט שווער איינע אַרום די אנדערע, האבן געבליסטשעט מיט די ווייסע ציין, געקייקלט די קויטיגע, רויטלעכע אויגן־ווייסלעך און אומגעלומפּערט זיך איבערגעווארפֿן פֿון איין פֿוס אויפֿ׳ן אנדערן ווי א סטאַדע עלעפֿאַנטן. זיי האבן געשריגן, געטומלט און ווילד געלאַכט. ס׳איז געווארן אומהיימלעך פֿון דעם דאזיגן באַנאַכטיגן שוואַרצן געלעכטער. אפֿילו די שווערע, טונקעלע מאהאגאָני־מעבל

האט אויך געלאַכט און געבליסטשעט — ווילד, פֿאַרשכור׳ט. אפילו די גרויסע שוואַרץ־גלאַנציגע אפֿענע ״אפּרייט״ — פּיאַנאָ האט אויסגעזען ווי א ברייט־פּלאַטשיגער און הארבעוואטער נעגער, וועל־כער האט געלאַכט מיט א לאַנגער ריי ציינער — די קלאַווישן, אַלץ, אלע האבן געלאַכט.

ס׳האט שוין געמוזט זיין שפּעט נאך האַלבע נאכט, מסתמא אַרום 3—4 א זייגער. די פּאַסאַזשירן זיינען נאך מיט א שעה — צוויי צוריק געגאַנגען שלאָפֿן, און באַלד פֿאַרזונקען אין א טויט־שלאָף, מידע און אויסגעמאַטערטע פֿונ׳ם באַל, וואס האט זיך פֿאַר־צויגן ביז נאך האַלבער נאכט. אז די געסט האבן זיך אָפּגעטראָגן פֿונ׳ם באַל־צימער, איז דארט געלעגן א שטילע ליכטיקייט פֿון די פּולע, שימערירנדיגע שענדעליערס, און וואַנט־לאָמפּן, ווי פֿייער־דיגע וויינטרויבן. ביז א זייגער איינס איז דער אָקעאַן געווען שטיל, און די טאַנצנדיגע איג׳ם באַל־רום האבן גאָר פֿאַרגעסן אז זיי זיינען אויפ׳ן ים, ניט אין א גרויס־שטאָטישן טאַנץ־גארטן. ערשט איצט האט זיך אנגעהויבן הערן דאס געמורמל און רוישן פֿון ים אויף יענער זייט שיף־וואַנט. דער אָקעאַן האט אנגעהויבן ריידן צו דער שיף.

פֿאַרנעמען האט איצט געקאנט דאס רוישן פֿונ׳ם ים בלויז דער יונגער נענערשער בחור, דער שיף־שפּילער, וועלכער איז נאך ניט געגאַנגען שלאָפֿן, אבער ער איז געווען צו דעם גלייכגילטיג. ער איז שוין געוויינט געוואָרן צו דעם, פֿאָרנדיג מיט דער שיף הין און צוריק, אויף איר יעדער רייזע. ער איז געבליבן זיצן אויף זיין שטול, אָנגעשפּאַרט אויף די קלאַווישן, ער האט געטראַכט.

א גאַנצן אָוונט איז דאָך זיין בלוט געווען אזוי אויפֿגערעגט, אז ער האט זיך געשראָקן, ער זאל די נעקסטע מינוט ניט אויפֿשטיין, אַ זעץ טון אויף דער פּיאַנאָ, און לאָזן די איבערגעשראָקענע פּאָרלעך אין מיטן טאַנצן. ער האט עס אבער ניט געטו׳ן, — אזוי פֿיל מוט האט ער ניט געהאַט. איצט איז ער געזעסן שטיל — א מידער, אַן אויסגעוועפּטער. מיט א שטילן פֿאַרדרוס, מיט א באַהאַלטענעם פּיין קענען אימעצן, — קענן זיך אליין. ער האט ניט געהאַט קיין מוט.

בשעת׳ן שפּילן האט ער אייניגע מאל באַמערקט, ווי אין אַ ווינקל שיף, פֿאַררוקט, זייגען געזעסן זיינע חברים, — סטודענטן פֿון א באקאנטן אמעריקאנישן נענערשן קאָללעדזש. דאס זיינען געווען

מיטגלידער פֿון דעם „גלי־קלוב", (געזאַנג קלוב) פֿון יענעם אוניווערסי־טעט, באַרימט איבער'ן גאַנצן לאַנד, און דערהויפּט צווישן דער נעגער־שער יוגנט. איצט האבן זיי זיך אומגעקערט פֿון א קאָנצערט טור איבער די אוניווערסיטעטן פֿון די מזרח־שטאַטן. אין ניו־יאָרק זיינען זיי געווען דער שטאָלץ פֿון דער „קליינער אַפֿריקע", פֿונ'ם נעגערשן קוואַרטאַל אין הארלעם. און דער צענטער פֿון אלע געשפּרעכן, דער יונגער נעגער, דער פּיאַנא־שפּילער פֿון דער שיף, איז אמאל אויך געווען א סטודענט, און מיטגליד פֿונ'ם „גלי־קלוב", האט אבער געוואָרפֿן זין קורס אין מיטן, אין יאָגעניש נאך זעלבסטשטענדיקייט און געלט. איצט, אז ער האט זיך צופֿעליג געטראָפֿן אויפֿ'ן שיף, מיט זיינע אמאָליגע חברים, האט ער זיך געפֿילט געפֿאַלן, נידעריגער פֿאַר זיי, און אויף זיך געקוקט ווי אויף א דורכפֿאל. אין דער זעלבער צייט האט ער געפֿילט א שטילן כבוד צו זיי, און א פֿאַרלאַנג זיי צו באַדינען, ערן זיי מיט עפּעס.

ער האט געזען ווי א גאנצן אָוונט זיינען זיינע חברים געזעסן פֿאַרווקט אין א ווינקל, פֿאַרשטויסענע, אָפּגעזונדערטע און האבן געשוויגן. זיי האבן מיט קנאה צוגעקוקט, ווי די יונגע, ווייסע פֿאָר־לעך האָבן געטאַנצט אויפֿ'ן געווּעקסטן דיל, מיט זייערע שלאַנקע, פֿרישע, שטייף־אָנגעצויגענע גלידער, ווי פֿון א שוואַרצן שטאָל, האבן די יונגע נעגערס זיך געריסן צופֿאַראייניגן זיך מיט די טענצער. זיי וואלטן עם ערשט געקאָנט באַווייזן, וואס עס הייסט שיין טאַנצן. ס'האט זיי געהויבן פֿון די ערטער. יאָ, וואס־וואס, אין שפּילן, זינגען און טאַנצן זיינען זיי זיכער ניט נידעריגער פֿון די ווייסע — אויב נישט נאָך העבער.

די טאַנצנדיגע, רייכע פֿאָרלעך האבן עס באַמערקט. די העזה פֿון די שוואַרצע האט זיי שטאַרק פֿאַרדראָסן. זיי האבן געוואָרפֿן אינ'ם ווינקל וואו די נעגערס זיינען געזעסן, שטאָלצע, מלכות'דיגע פֿאַרעכטלעכע, צוימענדיגע בליקען. די בליקען האבן יענע העזה'־דיגע געשטויסן און געהאַלטן פֿאַרשטופּט אינ'ם ווינקל, ווי יונגע, אַפֿריקאַנישע קריגער אין געפֿענגעניש. די פֿאַסאַזשירן — מערס־טנטיילס סוחרים, ביזנעס־לייט אָדער סתם ליידיג־גייער פֿון דער „סאוטה" — האט שטאַרק פֿאַרדראָסן דער בלויזער פֿ א ר ל א נ ג פֿון די שוואַרצע. יאָ, בלויז אין דער נארטה, אין ניו־יארק, קאנען זיך שטינקענדיגע נעגערס דערלויבן אזוינס אין דער אָנוועזנהייט פֿון „דזשענטלמען". זיי האבן זיך אבער סוף־כל־סוף באַלד באַרואיגט, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אז די שיף־קאמפּאניע וועט סיי־ווי

אַזאַ סקאַנדאַל ניט דערלאָזן. און זיי האבן ווייטער רואיג געטאַנצט.
און די יונגע שוואַרצע סטודענטן האבן קוים כח געהאט איינצוהאַלטן
זייערע ספּרונזשינע־גופים אין דעם ווינקל פֿון זאַל.

און אַז אַלע פּאָרלעך זיינען שוין געווען אין זייערע קעבינס,
און האבן צוגעשלאָסן די טירען הינטער זיך, האט א ווײַלע געהערשט
א שטילקייט. א שטילקייט פֿון באַפרייאונג, פֿון אפּגערייניגטקייט.
די לאסט פֿונ׳ם שטילן בכבוד׳יגן, שטאָלץ איינגעהאַלטענעם טומל,
איז אוועקגענומען געוואָרן. די קופּע נעגערס אין ווינקל האט אָפּגע־
אָטעמט פֿרייער — דער שווערער דרוק, די קאַלטקייטן פֿון־אויבנ־
ארונטער׳דיגע בליקן זיינען דערווייטערט געווארן. די ברוסטן האבן
זיך העכער געהויבן, און די אויגן האבן געקוקט פֿרייער, פֿרייער,
פֿרייער — און ברענענדיגער. א ווײַלע איז דער חלל פֿונ׳ם באַל־
צימער געווען שטיל, ליכטיג און אָפּגעראמט. די איבערגעבליבענע
אינ׳ם זאל האבן זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם אינווייניגסטן און
פֿאַרשכור׳נדיגן תענוג פֿון באַפרייאונג. אימעצנס א האנט האט פֿון
ערגיץ אויסגעדרייט א פּאָר פֿון די גרעסערע שענדעליערס און ליוס־
טרעס. ס׳איז געווארן טונקעלער. ס׳איז שוין געווען שפּעט.

ניט דער פּיאַנאָ־שפּילער איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צו
דער קופּקעלע נעגערשע סטודענטן אין ווייטן ווינקל, און ניט זיי
זיינען געווען די ערשטע צו אנהויבן עפּעס ריידן, פֿרעגן, פֿאָרשלאָגן.
נאָר שטילע פֿעדים אין דער שווייגנדיגער האַלב־ליכטיקייט פֿונ׳ם
זאַל האָבן זיי געצויגן, צוגעצויגן איינס צו׳דאס אנדערע. און א קליין
ווײַלע שפּעטער האט די גרופּע שוואַרצע סטודענטן ארומגערינגלט
די פּיאַנאָ. זיי האבן ארויסגענומען זייערע פֿאַרשידענע סטרונע־אינ־
סטרומענטן פֿון די שיידן, זיי אנגעסטראָיעט. ציטערדיג, שטיל האבן
באלד אנגעהויבן די סטרונעס פֿון די מאַנדאָליניעס און באנדזשאָס
אויסקלינגען אַלטע, וויינענדיגע, נעגערשע פּלאַנטאַציע־מעלאדיעס.
שטיל, אומזיכער, איינגעהאַלטן־ברומענדיג, ווי דאס זומזן פֿון בינען
אין א זומער־באַגינען. זיי האבן מורא געהאט אויפֿוועקן די פּאַ־
סאזשירן.

דער אַלטער הויפּט־סטיואַרד איז דורכגעגאַנגען די שיף,
באַקוקן זי דאס לעצטע מאָל פֿאר׳ן שלאָפֿן־גיין. אַז ער האט דער־
הערט דאס שפּילן, האט ער אנגעהויבן גאַפֿן. דער פּיאנא־שפּילער
איז שנעל אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שטול און אים דערקלערט, ווער
די דאזיגע שפּילער זיינען. דער הויפּט סטיוארד איז געווען א מולאַטאַ,
האט זיך פֿאַרטראַגן מיט די שווארצע באַדינער פֿונ׳ם שיף ערגער

ווי א ווייסער. האט בכלל זיך באטראכט, ווי איינעם פון דער ווייסער ראַסע, און האט זיי, די באדינערס, תמיד באַ יעדער קליי־ניקייט, גערופן „ניגערס". די ווייסע העכערע באַאַמטע פונ'ם שיף — דער קאַפּיטאַן, די אינזשיניערן, די „מייטס" — האבן אבער אים גע־האַלטן פאַר א נעגער, און אים געהאַלטן ווייט פון זיך. איז ווען ער האט דערהערט, ווער אט די יונגע לייט זיינען, האט אים ארומגעכאפט א שטאלץ, וואס ער קאן פאטראניזירן די מיטגלידער פונ'ם באַרימטן גלי־קלוב. זיי זיינען געווען ארימע, ווייטע, גאָר ווייטע קרובים, וועמען עס איז געלונגען צו פאַרנעמען אן אנגעזעענעם אָרט אין לעבן, און דער הויפט־סטיוארד האט זיך געפילט, ווי א רייכער אראפגעקומענער קרוב, וועלכער איז זיכער אז מען וועט וויסן ווי אָפּצושעצן זיין לאַסקע. ער האט ארויסגעברומט א האלבע הסכמה, ארויפלייגנדיג א וואָרנענדיגן פינגער צום נאז:

— איט'ס אָלל־רייט, גא עהעד באט קוויעט, פעללערס.

ער איז דאָ געבליבן שטיין „אויף א מינוט". און מער האט ער זיך שוין ניט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין אָרט. ער האט אינגיכן גע־פילט ווי ער האט דוכט זיך, זיין גאנץ לעבן אָפּגעלעבט אין א טעות, דערווייטערט פון זיינע אייגענע. עפעס אין אים האט אנגעהויבן וואַרעם ווערן, זיך שמעלצן, ארויסשטייגן פון די טיפענישן, ענג מאכנדיג אין האַלז, אבער פרייער, לויזער אין דער ברוסט. אָט וועט ער זיך ארויפוואַרפן אויסקושן די יונגע, אויסגעפוצטע, שוואַרצע בחורים'לעך, מ'ט די קאָלירטע זיידענע נאז־טיכלעך אין די אויבערשטע קעשענעס פון זייערע פידזשאקעס און זייערע ווייסע זיידענע זאָקן. טרערן פון ליבשאַפט און חרטה האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

דאס שפילן האט זיך ביסלעכווייז געשטאַרקט, איז געוואָרן העכער. פון דער „פענטרי" האט זיך ארויסגערוקט איין קיך־ארבעטער, א צווייטער. אז די שיף באַדינער האבן דערזען ווי דער הויפט־סטיוארד שטייט אויך דאָ, האבן זיי זיך זיכערער צוגערוקט צום קרייזל. און באלד האבן זיך אלע שוואַרצע באַדינער אנגעהויבן ציען אהער, און ארומגערינגלט, אויפגעשוואלן די קופּקע. דער קרייז איז וואס אמאָל אלץ געוואָרן גרעסער. די בענדזשאס, די גיטאַרעס און די מאַנדאָלינס האבן איצט אויסגעקלימפּערט פּאָפּולערע לידער, רעג־טיימס צוליב די זיך־צונויפזאַמלענדיגע געסט. הפקר'דיג, ווילד, דזשעזיש האבן זיך ארונטערגעריסן פון די קלאַווישן די אומ־צייטיגע, זענגדיגע, רעגנדיגע, צעטרייסלענדיגע טענער. אויף די זויטען,

דרויסן פֿונ׳ם קרייז, געבוירן פֿון דער געדיכט־געוואָרענער מוזיק, האָט זיך אָנגעהויבן דער טאַנץ.

איבער די רייכע טעפּיכער האָבן זיך געוואָרפֿן, געהוידעט אויף שווערע קלאָציגע פֿיס, די אויוון־הייצערס מיט די קויטיגע און קויל־אויסגעשמירטע אָוועראָלס און די זעק אויף די קעפּ. אין די געוועב־לעכלעך פֿון די זעק האָבן נאָך געשטעקט שטיקלעך, ברעקלעך אַנטראַציט. געלויכטן און געשימערט האָבן די גרייפּלעך קויל קעגן דער עלעקטריע, ווי אָניקס און אַגאַט. ווי גרויסע, טראָפּישע אָראַנג־אוטאַנגען האָבן זיי געטאַנצט פֿאָקס־טראָט מאַנסביל מיט מאַנסביל, מאַנסביל מיט מאַנסביל. דער קליינער אָרקעסטער האָט געשפּילט די דאַרדאַנעללאַ. מיט יעדן אבר, מיט די בליצנדיגע אויגן־ווייסלעך, מיט די שטאַרקע, עלעפֿאַנט ציין, האָבן די פֿאַרזאַמעלטע זיך געריסן איינע צו די אַנדערע, איינע אויף די אַנדערע, געלאַכט, געטאָפּעט זיך, איבערגעקוליעט זיך אויפֿ׳ן דיל, אומגעפֿאַלן און ווידער געטאַנצט. אַ שוואַרצער טייפֿל איז אַרונטערגעלאָפֿן אין דעם אינדזשין־רום, האָט ארויסגעבראַכט אַ לאַנגע קאָטשערע. באַלאַנסירנדיג דערמיט איןביידע הענט, ווי אַ דראָטנגייער זיין באַלאַנס־שטעקן, אַרויסשטעקענדיג דעם בויך פֿאָראויס, נאָכמאַכנדיג אַלע געשלעכטלעכע באַוועגונגען, האָט ער אָנגעהויבן טאַנצן קעגן אַ בריטן נעגער מיט אַזאַ גרויסן אַרויססטאַרטשענדיגן בויך, ווי באַ אַ קליינשטעטלדיגער עלטערער אידענע, דעם קייק־וואָק טאַנץ. ניט וויסנדיג, ניט פֿאַרשטייענדיג, ניט טראַכטנדיג וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָבן זיך אַלע געטאַפּשעט און געשטויסן, זיך צעלייגט איבער די דיוואַנען, איבער די ווייכע שטולן. העכער, הפֿקר׳דיגער האָבן געשפּילט די שפּילער. אַ הייזעריגלעכע שטים האָט אָנגעהויבן זינגען.

Ashes to ashes
Dust to dust
Jf l don‘t glt yon now
J’ll smely bust.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט. זי האָט זיך געוואָרפֿן פֿון זייט אויף זייט, קאַטשענדיג זיך פֿון געלעכטער.

אין די זייטן, אויף די באַלקאָנען פֿונ׳ם שיף האָט זיך געעפֿנט איין טיר פֿון אַ קעבין, אַ צווייטע. דערשראָקענע, פֿאַרשלאָפֿענע פּאַסאַזשירן, מיט צעשויבערטע האָר, די מענער אין פּאַדזשאַמאַס, די פֿרויען אין די נאַכט־הייבלעך און אין די לאַנגע שלאָף־העמדער,

האָבן זיך אנגעהויבן ארויסרוקן פֿון די טירן. זיי זיינען געבליבן שטיין און אָנגעקוקט אויף דאס פֿאָרקומענדיגע. דער אויסזען פֿון דער הוליענדיגער חברה אונטן, אין מיטן נאכט, האט זיי דערשראָקן און כהרף עין אויסגעטשוכעט. די ווייסע קוכערשע קעפּקעס אויף די שוואַרצע, געקרייזלטע קעפּ, די זעק, אין קויל אויסגעשמירטע, די רויטלעכע ווייסלן, וואס האבן זיך געקאָלערט אינ'ם עלעקטריע ליכט, די צעוואָרפֿענע און צעלייגטע שוואַרצע אויף די טעפּיכער, אין די לענשטולן, אופֿ'ן דיל — דאס אלץ האט אויסגעזען, ווי א שפּעט־נאַכטיגע סעודה פֿון שדים, פֿון ים־פֿאַרזעענישן, וואס האבן זיך אריינגעגנב'עט אהער פֿון די ים־אָפּגרונטן און באהערשט די שיף, ווען די פּאַסאַזשירן זיינען געשלאָפֿן. די לעצטע האבן זיך געוואלט גלייך צוריקציען אין די קעבינס אריין, נאָר די מוזיק האט זיי געמאַניעט, געצויגן, געשלעפּט ארויס און ארויס. זיי זיינען דעריבער אדער געבליבן שטיין צוגעקוועטשע אויף זייערע ערטער, אדער זיך אריינגעוואָרפֿן אין די נאענסטע ווייכע פֿאָטעלן אויף דער שיף גאַלעריי. דאָרט זיינען זיי געבליבן זיצן מיט א פֿארטאַיעטן אָטעם, דערשראָקענע, זיך פֿאַרשטופּנדיג אין די ווינקעלעך, כדי דאס ליכט פֿון די ליוסטרעס זאל זיי ניט דערגרייכן און מען זאל זיי פֿון אונטן ניט באַמערקן.

ווייל אין דער שיף איז איצט געווען שטאַרק ליכטיג, ליכטיגער ווי אין א גרויסער יום־טוב־נאַכט. דער הויפּט־סטיואַרד איז איצט גאר צעפֿלאכטן געווארן. ער האט זיך פֿאַרגעסן אָן דער שיף, אָן די פּאַסאַזשירן. — נאך ליכט! נאך ליכט! האט ער געשריען און געלאזן אויפֿדרייען אלע איבעריגע ליוסטרעס. אין שיף, איז איצט פֿאָרגעקומען א שטורם, א ליידענשאַפֿט־וויכער, אזוי אז מען האט דעם דרויסנדיגן שטורם ניט געהערט. די פּאַסאַזשירן האבן זיך נאך טיפֿער גערוקט אין זייערע ווינקעלעך, זיך געטוליעט אין די שטילטיפֿענישן, און הענט און לייב האבן זיי געציטערט. די שוואַרצע האבן זיי שוין איצט אויסגעזען ווי אוראַנג־אוטאנגען, וועלכע האבן זיך ארויסגעריסן פֿון די שטייגן און וועלן אָט באַלד זיך אוואַרף טון אויף זיי; אריינכאַפּנדיג די יונגע מיידלעך, פֿרויען אין די מיילער אריין, אין די האריגע לאַפּעס, וועלן זיי זיך אוועקלאָזן דערנאך אין ווילדע, מיאוס'ע אָרגיעס אויף דער באַנאַכטיג־באַלויכטענער שיף, וועלן זיי פֿאַרמוטשן ביז טויט, און דערנאך, שוין האלטנדיג די פֿאַרחלש'טע, האַלב־טויטע ווייכע קערפּערס אונטער די האריגע חיה'דיגע פּאַכוועס, ארויפֿשלעפּן זיי אויף די דעקן, טאַנצן מיט זיי א לעצטן

טאַנץ, זיך אײַזדיעקעווען איבער זיי, און צום סוף אַרײַנוואַרפֿן זיי אין די פֿינסטערע וואַסערן.

אפֿילו די רויִקערע צווישן די פּאַסאַזשירן, האָבן זיך איצט אויך דערמאָנט פֿון מעשׂיות און פּאַסירונגען, געלייענטע און געהערטע, ווי מאַטראָסן צעבונטעווען זיך אויפֿ'ן ים, דער'הרג'ענען די העכערע באַאַמטע, באַראַבעווען די פּאַסאַזשירן און דערטרינקען זיי... זייער איינציקער פֿאַרלאַנג, זייער איינציק געבעט איז איצט געווען, אַז די נעגערס זאָלן זיי איצט נישט באַמערקן, זאָלן זיך נאָר פֿאַרגעסן, אַז עס זײַנען דאָ אויף דער שיף, אויף דער וועלט ו ו י י ס ע.

זייער אומרו איז וואָס אַמאָל אַלץ מער געוואַקסן. דער סטיוּ־אַרד האָט געהייסן אַלץ אויפֿדרייען איין ליוסטרע נאָך דער אַנדע־רער. ער איז געווען גאָר שיכּור פֿון דער נאַכט. דער סטיוּאַרד די פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיט שרעק געקאָרטשעט, זיך צונעפּלעטשעט צו די ווענטלעך און געהאַט, הפּנים, אַזאַ מין ווילד האָפֿנונג: זיי וועלן זיך דורכקוועטשן דורך די ווענטלעך און דורך א נס נישט ווערן. אַ סך פֿון זיי האָבן אינמיטן דערפֿילט, אַז זיי מוזן גיך ערגיץ אַוועק־אײַלן, ווײַל פֿון גרויס אויפֿרעגונג האָט בײַ זיי ערגיץ אָנגעהויבן רינען... נאָר פֿון גרויס שרעק האָבן זיי זיך נישט געקענט רירן פֿון אָרט. זיי זײַנען געזעסן אַזעלכע שוואַכע, אומבאַהאָלפֿענע אָן קליי־דער, — נ אַ ק ע ט ע, א ו י ס ג ע ט א נ ע נ ע.

דאָ, אַז ס'איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, האָט אַ נעגער, וועלכער איז אַמידער געלעגן אויפֿ'ן דיל, אַרויפֿגעקוקט אין דער הויך, און זיי באַמערקט. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש. באַלד האָבן די איבע־ריקע אויך באַמערקט די ווײַסע. די נעגערס האָבן זיך גלײַך אויס־געטשוכעט, און אויף גיך זיך אויפֿגעשטעלט. פֿון שרעק וואָס זיי האָבן אויפֿגעוועקט די פּאַסאַזשירן, האָבן זיי זיך אַלע אײנאײנעם אַ לאָז געטאָן צוריק, און באַלד, מיט אונטערגעקאָשעטע פּיס, ווי זאַנגען וואָס שאָקלען זיך אין ווינט, זיך ווידער אַ לאָז געטון אַלע אײנאײנעם אין פֿאָראויס. די פּאַסאַזשירן האָבן געדײַנקט, אַז דאָ קומט שוין זייער סוף, אַז די נעגערס גייען אויף זיי. עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטשערײַ אין דער הויך, היסטערישע אויסגעשרייען פֿון פֿרויען, און אַ לויפֿעניש, אַ שפּרינגעניש איינע איבער די אַנ־דערע, ווי צעשראָקענע גראָז־שפּרינגערס אַנטלויפֿן פֿון אַ מענ־שנ'ס טראָט. זיי האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט צוריק אין די קאַיוטעס אַרײַן. ס'האָט זיך דערהערט אַ זעצן און צושטעלן פֿון שטולן קעגן די טירן, אַ פֿאַרקלאַפּן און אַ פֿאַרריגלען.

פֿון דעם געלאַף פֿון די ווייסע האבן זיך די נעגערס אינגאנצן אויסגעניכטערט. ערשט איצט האבן זיי זיך רעכט דערשראָקן. דער הויפּט-סטיוואַרד האט זיך אויפֿגעכאפּט פֿון זיינע צעווילדע־וועטע, לויפֿנדיגע רעיונות און האט אויף גיך צוריק געהייסן אויס־דרייען די עלעקטרישע ליכט. ס'איז ווידער געוואָרן האלב טונקל. די מערסטע שיף-באדינער זיינען זיך צולאָפֿן. דער הויפּט-סטיוואַרד האט זיך גיך אפּגעטראגן און אָנגעזאגט מיט'ן הארבן וואָרט, מען זאָל זיין שטיל. און טאמער וואָס-ווען זאָל מען לייקענען: מען איז די גאנצע נאכט גאָר געשלאָפֿן. נאָר די סטודענטן, די גרויס-שטע־טיג אָנגעטאָנענע נעגערס, זיינען ניט אוועק. זיי האבן זיך נאך ענ־גער צונויפֿגעקוקעט ארום דער פּיאנא, ווי א סטאדע שעפּסלעך, וועלכע שרעקן זיך פֿאַר אַן אָנקומענדיגן וואָלף. ס'האָט זיי ווי גע־טון דער פּלוצימדיגער אַוועקלאַף פֿון דעם עולם. נאָר ערגיץ אין זיך זיינען זיי פֿאָרט געווען צופֿרידן. זיי וועלן איצטער שפּילן פֿאַר זיך, צוליב זיך. אָבער שטיל, שטילער, — מ'דארף קיינעם ניט אויפֿ־וועקן. קיינעם ניט אויפֿוועקן.

די אומגעזעענע האַנט האט פֿון ערגיץ אויסגעלאָשן נאָך עטלעכע ליוסטערס. ס'איז געוואָרן נאָך טונקעלער. בלויז עטלעכע קליינע רויטלעכע און גרינע עלעקטרישע נאכט-לעמפּלעך האבן איצט באלויכטן דעם זאַל און דעם אומרואיגן וואַך-זיין און שלאָפֿן פֿון די פֿאַרשלאָסענע פּאסאזשירן. און דאמאלס האט שטיל, זיך־באקלאָגנדיג, פֿאַראייננזאַמט אין דער טונקל פֿון דער שלאָפֿעדיגער שיף און גרויסן, פֿרעמדן ים, זיך ווידער געלאָזט הערן דאס דינע, איידעלע, פֿרימאָרגנדיגע געזאַנג, — דאס פֿאַר'חלום'טע, פֿאַר'כשופֿ'־ענדיגע געזאַנג, וואָס זיי האבן אונטערגעברומט אין דער שטיל באַם סאמע אָנהויב אָן, און וואָס האט אַרויסגעצויגן בארנארד קאָוענען פֿון בעט.

Pretty maiden, marry me,
Aha — aha
Pretty maiden, marry me,
I love you, you love me,
Aha — aha — aha

קאָוען איז אָט די גאנצע צייט האַלב געלעגן אין זיין ווייכן שטול, און אים האָט געציטערט, געקלאפּט א צאָן אָן צאָן. דער שרעק פֿון די ווייסע פּאסאזשירן אין דער הויך, אויפֿ'ן שיף-באַלקאָן, איז

אין אים דאָפּלטער און שטארקער געווען. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וועט עס זיין דער ערשטער קרבן. מ׳האט אים אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט, מ׳פּראַוועט דא א געזאנג און א הוליאַנקע ארום אים, איידער מען וועט מיט אים טון עפּעס שרעקלעכעס. וואָס — האָט ער ניט געוואוסט. ער האט אָנגעהויבן ריידן, זיך בעטן באַם נעגער, וועלכער האָט אליין אוכאַזשעוועט ארום אים, אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האבן, און אים לאָזן גיין צוריק אין זיין קאַיוטע אריין. נאָך יענער האָט אויף אים געקוקט פֿריינטלעך אַזוי, האט אים אליין צוגעזען ווי גאָר א שווערן חולה. ער האט גארנישט געהערט זיינע בעטנדיגע רייד: בארנארד קאָוען האט קוים באוועגט מיט די ליפּן — אזוי אָפּגעשוואַכט איז ער געווען.

איז זיין שרעק געוואָרן נאך שטארקער. אים האט געטרייסלט יעדער אבר. דער שמייכלדיגער, פֿריינטלעכער נעגער, וועלכער האט געהאלטן אין איין ארומוויקלען אים שטייפֿער און וואַרעמער מיט דער קאָלדרע, האָט אים וואָס אַמאָל אליין מער געשראָקן. וואס וויל ער פֿון אים? וואָס האלט ער אים דא? פֿאַרוואָס איז ער אַזוי צוגעלאָזן צו אים — ווער איז ער? כאָטש בארנארד קאוען האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן, דאך איז אין אים איצט אָנגעגאנגען אַ גאנצע קאָכעניש, אַן אומרואיג לויפֿן פֿון געדאנקען.

...אָט דער נעגער איז אים אזוי באקאנט... ער האָט אים זיכער ערגיץ געזען, א סך מאָל געזען. אַזאַ באַקאַנט געעפֿנט פּנים... און דאס געזאנג... איצט, אז דער טומל פֿון די שוואַרצע איז אַנטלאָפֿן, האָט זיך דאס נאָגנדיגע, בייַנקענדיגע געזאנג ווידער געלאָזט הערן. ס׳האט געריסן ביים הארצן. ס׳איז איז געווען אַזוי באַקאַנט, נאָענט — פּונקט, ווי דאס פֿריינטלעכע, באזארגטע געזיכט פֿונ׳ם נעגער לעבן אים. קאָקעטיש־אומשולדיג, קינדיש־רייצנדיג, יונגפֿרוילעך־באַחנ׳ט, האט זיך פֿונ׳ם קליינעם קופּקעלע אַרום דער פּיאנא געצויגן צו אים דאס שטילע זומזן, פֿונ׳ם באקאנטן, שוין לאַנג צוריק געהערטן ליד. און מיטן ליד איז געקומען אַ באַקאַנט בילד: אַ פֿרימארגן, אַ יונג־הערבסט, א סאָסנע־וואַלד אויף א הויכן ברעג ים, און א פֿרימאָרגנדיג זומזן פֿון בינען.

And where will our wedding be.
Aha — aha.
And where will our wedding be,
Way yonder, under a hollow tree.
Aha — aha — aha...

און באַלד האט עס פֿון קאוענען א שטילן געשריי געטון — אים האט זיך געדוכט, אַז דאס האט זיין גאנץ אינגעווייד, זיין גאנץ בלוט און מארך ארויסגעשריען פֿון אים, און אז די גאנצע שיף האט זיך פֿון דעם א טרייסל געגעבן. נאָר ס'איז בלויז געווען א שטיל געשריי. דער נעגער האָט עס אבער דערהערט, און זיך צו אים צו־געבויגן. ער האט באמערקט, ווי דעם ווייסן פאסאזשירס פנים איז נאך בלייכער געוואָרן, פשוט ווייס ווי קאַלך. זיינע אויגן האָבן קדחת'דיג געברענט. דער נעגער האט געוואָלט גיין רופֿן א דאקטאר, נאָר יענער האָט אים אָפּגעהאלטן. דער נעגער האט קוים געקאנט פֿאַרנעמען זיינע שטילע, זיך־בעטנדיגע ווערטער. ער האט געוואָלט, מ'זאָל אים צוריק אַריינברייגנען אין זיין קאיוטע. אין א ווײַלע אַרום האָט ער געפילט ווי ער ווערט געטראָגן אין דער לופֿט, ווי א קליין עופ'על'ע.

ערשט א לייגגערע צייט שפעטער האט בארנארד קאָוען אויפגעעפֿנט די אויגן און זיך אַביסעלע בארויגט. אים האָט די גאנצע צייט זיך געדוכט, אַז דאס האט יענער — דער פֿריינטלעכער נעגער מיט'ן פֿאלשן שמייכל — געטראגן אים אין דער לופֿט, כדי אַריינוואַרפֿן אים אין ים אַריין, אָדער אין א פֿייערדיגער קעסל־גרוב. אַז ער איז שוין געלעגן אין זיין קעבין, האט ער צוערשט נאך אלץ מורא געהאט צו עפֿענען די אויגן. ער האט מורא געהאט צו דערזען י ע נ ע ם לעבן זיך — מיט א חלף אין האנט, מיט א מעסער, מיט א שווערט. אין קאיוטע איז געווען מאָדנע שטיל. ווי זיי וואָלטן ביידע, אי י ע נ ע ר אי ער איינגעהאלטן דעם אָטעם. אויפ'ן שיף איז אויך געווען שטיל — דאס געזאנג איז שוין ביסלעכווייז אויס־געגאנגען, ס'האָבן זיך דערנענטערט די שעה'ן פֿון פֿאַרטאָג. אַביסל שטילער, איינגעהאלטענער, נאר נאָכאַנאַנד און אומהיימלעך האָבן די כוואַליעס געקלאַפט אָן שיף.

נאָר אין אים איז דאס געזאנג ניט אָפּגעשטארבן. ס'האָט אין אים אָפּגעהילכט, ווי דער אָפּקלאַנג פֿון א שוין־פֿאַרשוואונדן ליד אין אַ ברייט פֿעלד: ס'איז זיך פֿאַרגאנגען, שטיל, חנ'עוודיג געצויגן, און ניט געוואָלט אויפהערן.

א שוואַכקייט איז געקומען איבער קאוענ'ען, א מחיה'דיגע שוואַכקייט, וואָס האט פֿאנאנדערגענומען אלע זיינע אברים, זיי צעשרויפֿט, און אָנגעפֿילט מיט אזא זיסער מידקייט. דאס ליד האָט

אים איצט אינגאנצן אויסגעפּילט, אַריין אין אַלע שפּעלטעלעך פֿון זיין מח. אָט ליגט ער אויפֿן גראָז, צווישן די סאָסנע בוימער, אַן אָנגענעם־ערשעפּטער, אַ פֿאַר׳שכור׳טער פֿונ׳ם ריח פֿון דעם צע־וואַרעמטן סאָסנע־בלוט און דעם בלוט פֿון דער יונגער מולאַטין, וואָס זיצט לעבן אים און זינגט, זינגט, זינגט — — —

ער מיט זיין פֿאמיליע האבן דאמאלס פֿאַרבראַכט אין פיינ־הוירסט, צפון־קראָליינא, א היפּשע צייט. זיי האבן מיטגעבראכט מיט זיך זייער דינסט, קאָראַ׳ן. זיין פֿרוי איז עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה געוואָרן קראַנק, — זי האָט געהאַט זייער א שלעכטן טראָגן מיט איר ערשטן קינד. די דאקטוירים זיינען ניט געווען זיכער, אויב זי וועט בלייבן לעבן נאכדעם, ווי זי וועט געלעגן ווערן. זי איז אָבער יאָ געבליבן לעבן און געקריינקט נאך דעם א סך חדשים. קאָוען איז פֿון איר קריינקען זייער מיד געוואָרן. זיין בלוט האט אין יענער צייט טאג און נאכט געזונגען אין אים און האט ניט געוואָלט איינ־געשטילט ווערן. אין שטוב האבן אלץ געבלישטשעט פֿאר די אויגן די ווייסע, שנייאיג־פֿאַרפֿרוירענע ציין פֿון דער טונקל־הויטיגער מולאַטין. אין איינעם, א ליכטיגן פֿרימאָרגן איז ער נאך איר נאכ־געגאנגען אינ׳ם סאָסנע־וועלדל, וואָס האָט זיך געפֿונען היפּש וויט־לעך פֿון זייער היים, אויף א בערגל נישט וויט פֿון ים. זי פֿלעגט זיך דארט באדן אמאל אין א פֿרימארגן — גאָר פֿרי, ווען די ווייסע שלאָפֿן נאך געשמאק. אַזוי ווי אין אָט דער פֿריער שעה איז קיינער ניט געווען באַם ים, דערהויפּט אין יענעם אביסל פֿארלעגענעם אָרט, פֿלעגט זיך קארא באָדן א נאקעטע. דער יונגער בארנארד האט זיך אַנידערגעשטעלט הינטער א בוים און האט געפּילט אַז אָט פֿאַלט ער צו, צו דער ערד.

אַז זי איז ארוים צוריק פֿון וואסער און איז צו צום בייגל קליידער וואָס זי האָט ארונטערגעוואָרפֿן פֿון זיך פֿאַרן באָדן זיך, און אָנגעהויבן זיך אָנטאָן, האָט נאך דאס וואַסער ארונטערגערונען פֿון איר לייב. און ווען בארנארד קאוען האט זי ארייננענומען אין זיינע אָרעמס, איז איר לייב געווען קיל און שמעקעדיג ווי טיאטע־פֿלאַנצן. קאָוען האט אויסגעשפּרייט זיין אויבער־קלייד איבער די אָנגעוואָרפּע־נע טיאטע־נאָדלען, און זיי האָבן זיך באהעפֿט.

יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט זי שוין איצט זיך גיין באָדן — גאָר פֿרי. עס איז געווען דאס ערשטע געזאנג אין איר לעבן. זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידל פֿון א יאָר זיבעצן, און זי האט אים ליב געקראָגן — מיט אַן ערשטער מיידלש־פֿרוילעכער ליבע. אַז קאָו־

ענס משפחה האט זיך מיט עטלעכע חדשים שפּעטער צוריקגעקערט אַהיים, האט קאָוען פֿאַרטגעזעצט זיינע פֿאַרהעלטענישן מיט איר. זי איז אין גיכן פֿאַרגאַנגען אין טראָגן.

קאָוען האט זיך זייער געערגערט דערפֿון, און ער האט איר גענומען קלאָר מאַכן פֿאַרשידענע גרויסשטאָטישע מיטלען, ווי אַזוי צו פּטור ווערן פֿונ׳ם קינד אין אירע געדערים. זי האט פֿון דעם נישט געוואָלט הערן ווייל זי האט אים ליב געהאט און האָט ליב געהאט דאָס אַרויסקומעניש פֿון זיין דיך.

בארנארד קאָוען האט אין יענער נאַכט, אויף זיין געלעגער, ארומגענומען זיין פֿרוי גאָר שטאַרק, זי געהאלובעט און געקושט. ער האט איר שטילערהייט, מיט א דערוואָרגענער שטים, גערערט אַלערליי שיינע רייד. ער האט איר אויך געזאָגט, אַז זי מוז אַוועקשיקן פֿון הויז די דינסט, אַז זיי טאָרן נישט האלטן אין הויז אַזאַ מיידל וואָס שלעפּט זיך אַרום שוין יונגערהייט. און זיין פֿרוי האט אויסגעהערט זיינע רייד, און אויף מארגן אין דער פֿרי געטאָן אַזוי. און אין יענעם פֿרימאָרגן איז בארנארד קאָוען אַוועק אין זיין אָפּיס צו דעם טאָג׳ס אַרבעט, אַ בארואיגטער און אַ שטילער. ער האט נישט ליב געהאַט קיינע אומזיסטע ערגעדנישן, א בים פֿון אַ פֿליג איז טאקע גאָרנישט, נאָר צו וואָס דאַרף מען עס.

אַז קאָרא איז שוין געווען אין די גאָר לעצטע טעג פֿון איר שוואַנגערן, איז זי אריינגעטראָטן אין אַן עפֿענטלעכן שפּיטאַל אויף צום געלעגן ווערן. אימעצער פֿון אירע פֿריינט האָט זי אָנגעהויבן צורייידן אַז זי זאָל מאַכן אַ טומל וועגן דעם גאַנצן ענין. עס איז דאַמאָלס גראָד געווען די צייט פֿון מיוניציפּאַלער וואַל־קאָמפּאַניע. און בארנארד קאָוען איז געווען קאַנדידאַט פֿאַר אָלדערמאַן.

קאָרא האט זיך עס אָפּגעזאָגט צו טאָן. אָבער דער זעלביגער פֿריינט אירער האָט עס שוין איבערגעגעבן אין די קרייזן פֿון דער געגנערשער פּאַרטיי. מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם אין פֿאַרשידענע קרייזן. בארנארד קאָוען האט דאמאלס באַפֿוילן מען זאָל זי אויסשרייבן פֿונ׳ם געבורט־שפּיטאַל. וואו ער איז געווען איינער פֿון די דירעקטאָרן. אַ־האַ, אים וועט מען ניט אָנשרעקן! אַלע באַאַמטע פֿון שפּיטאַל האָבן איינגעשטימט מיט באַרנאַרד קאָוענ׳ען אַז קאָרא איז ניט ווערט מען זאָל זי האַלטן אין אַ שטאַטישער אינסטיטוציע, אויב זי קען אַרויסלאָזן אַזאַ שם־רע אויף אַן אָנגעזעענעם בירגער פֿון דער שטאָט. ער האט זיך אפילו פֿאַר דעם קיין ברעקל ניט געשראַקן. אַז קאָרא׳ס פֿריינט האבן עס געוואָלט איבער־

געבן אין דער צייטונג וואָס האט געשטיצט דעם נעגערישן קאנ־דידאַט, האט מען זיך דערפֿון אויסגעלאַכט. אין דער סאוטה איז דאס א געוויינלעכע זאך. אָבער בשעת די וואַלן קאָן אפילו א קאַץ קאַליע מאַכן, האט קאָוען געטראַכט. איבריגענס, האָט ער געקענט דורך דעם פֿאַרלירן דעם נעגערשן באלאָט און דאָס האָט פֿאַר אים גע־מיינט א סך. די נעגער אין דער שטאט וואָלטן זיכער געשטימט פֿאַר אים ווייל דער צווייטער קאַנדידאַט איז געווען אַ יונגער "סאוטהערן דזשענטלמען" אַ בייזער און א שטריינגער, אויף וועמעס געוויסן עס איז שוין געווען מער ווי איין לינטש געריכט; אַ פֿאַר־ריסענער דרום'דיגער יחסן, וועלכן די נעגערס האבן פֿיינט געהאט אויף טויט, פונקט ווי ער זיי.

אַז קארא איז געגאנגען פון שפּיטאַל אַהיים, און נאך איידער זי האט דערגרייכט די הויז פֿון איר אַלטן פֿעטער, מיט וועלכן זי האט געוווינט, האבן זי אָנגעכאפט געבורטסווייען. זי האט שטארק געשריען, ווייל דאס איז בײַ איר געווען אַן ערשטלינג און זי האָט זיך געשראָקן. אירע געשרייען האָט מען אָבער ווייט נישט געהערט, ווייל די שטאט איז דעמאלט פֿול געווען מיט די טרומייטערייען, פֿייפֿן, בלאָזן און געקלאפעריי אין צימבלען, טאצן און בלעכן פֿון אַ וואַל־טאָג. אַרום איר האָט זיך ארומגעקליבן אַ רעדל פֿון עלטערע נעגערשע פֿרויען. ליגענדיג אזוי אויף דער ערד, אין מיטן רעדל, האט זי געהאט דאָס קינד. קארא האט דאמאלס זיך פֿאַרקילט, צוליב וואָס, און אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געשטאָרבן.

דאָס אינגל האט זיך געהאָדעוועט בײַ דעם אַלטן אייבערהעם לאָודזשאָי, קאָראס פֿעטער. ער איז געווען פֿון די אמאָליגע אַלטע שקלאַפֿן, וואָס זיינען באַפֿרייט געוואָרן בשעת'ן בירגער־קריג. ער איז איצט געגאנגען געבויגן אין דרייען און איז געווען געל ווי אַ פאַרמעט. די אויסגעטריקנטע הויט איז ארונטערגעהאנגען פֿון אים אין זעקעלעך. אַז דער אינגל איז אויסגעוואַקסן און עס איז געקומען פֿאַר אים די צייט צו "גיין אין דער וועלט", האט אים דער אַלטער אייבערהעם דערציילט ווער זיין פֿאָטער איז.

דער יונגער מולאטא איז דאמאלס גלייך אוועק צו בארנארד קאָוען'ען אין געשעפט. ס'האָט אים אייגנצייטיג מאָדנע געפֿרייט און געשראָקן די נייע אַנטדעקונג. ס'איז געווען דאמאלס א ליכטיגער, זוניגער טאג אין אפריל, דער פֿריער דרום'דיגער פֿרילינג. און ליכ־טיג איז געווען אויפ'ן הארצן. בארנארד קאָוען איז געזעסן אויף אַ ביינקל פֿאַר דער טיר פֿון זיין געשעפֿט, און זיך געוואַרעמט אין דער

הייסער פרילינג זון. ער האט געטראכט מיט א צופריענדיגן תענוג וועגן דער רייזע קיין ניו־יאָרק, וואָס ער האט אינגיכן געדאַרפט מאכן. דער יונגער נעגער איז צוגעגאנגען צו דעם אלטן קאָוען און אים דערציילט אז ער וויים וואָס ער וויים. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיינע רייד, נאָר סוף כל סוף האט ער פאַרענדיגט: "דו ביסט מיין טאַטע" מיסטער בארנארד קאוען! בארנארד קאוען איז אויפגע־שטאנען פון זיין שטול און דערלאַנגט דעם יונגן נעגער אַזעלכע קלעפּ, אַז יענער האט זיך אוועקגעקייקלט פון טראָטואַר אין מיט'ן גאַס אַ פאַרבלוטיגטער.

נאָר אין דער נאכט פון יענעם טאג איז בארנארד קאוען ניט איינגעשלאָפן אין דער געוויינלעכער שעה. און אפילו ניט אפּאָר שעה שפּעטער. ער איז געלעגן און געטראַכט. ס'איז געווען מאָדנע אזוי און ניי. אָט ליגט ער בּאַ דער זייט פון זיין פרוי און אין פאַר־שידענע חדרים פונ'ם הויז שלאָפן זיינע קינדער — דערוואַקסענע זין און טעכטער. און דארטן איבער גאַסן און קוואַרטאַלן, אין איינעם פון יענע חרוב'ע הילצערנע באַטקעס מיט די פענסטער אָן שויבן, ליגט איצט אויך זיינער א זון, — נאך א זון, פון וועלכן ער האט די גאַנצע צייט ניט געוואוסט. ס'האט אים א קוועטש געטון באַם האַרצן, ווען ער האט זיך דערמאנט אן די מכות־רצח, וואס ער האט זיין איינעם זון היינט באַטאג געשלאגן. נאָר וואס האט ער גע־קאנט טון? אז יענער איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַזעלכע העזה'־דיגע רייד.

— דו ביסט מיין טאַטע!

און בארנארד קאוען האט שוין געוואַכט דעם רעשט פון דער נאכט. צו אים זיינען אנגעשוואומען א סך פאַרגאנגענע, ליכטיגע פרימארגנס — ליכטיגע און זוניגע פרימארגנס, ווען א פריש, אויפ־שפּראָצנדיג לעבן, האט זיך אים מיט אזוי פיל ליבע און דאַנקבאַר־קייט איבערגעגעבן. ער האט געטראכט, אז זיין פרוי, דוכט זיך, האט אים אזוי קיינמאל ניט ליב געהאַט — ניט אפילו אין די גאָר ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה. אים האט זיך שוין איצט געדוכט, אַז די האָניג מאָנאטן, וועלכע ער האט פאַרבראכט אין פיינהוירסט, האט ער גיכער פאַרבראַכט מיט קארא'ן, איידער מיט זיין געזעצלעכער פרוי.

אויף מאָרגן אין אָוונט איז ער געגאַנגען אינ'ם נעגערשן קוואַרטאַל. ער איז אַריין צום אַלטן אייברעהע'מען אין דער חורבה. ער האט ארויסגענומען א פעקל קרעדיטקעס און אים דערלאַנגט.

— דאס איז פֿאַר דעם יונגן זון דיינעם, וועלכן דו האסט אַזוי פֿיין אויסגעהאדעוועט, אייברעהעם. גאט האט דיר צוגעשיקט אַ שיי־נעם בן־זקונים אויף דיינע עלטערע יאָרן, פּונקט ווי ער האט עס געטאָן מיט אונזער עלטער־עלטער זיידן, דעם פּאטריארך, וועמענס נאמען דו טראָגסט. אייברעהעם, דיין זון, איז מיר געפֿעלן כאטש ער איז אביסל אן עזות־פּנים. דו דאַרפֿסט עס אים דערקלערן. דו ביסט אן אלטער מאַן, און דו ווייסט מער די וועגן פֿון דער וועלט. זע־זשע, דערציִ אים אויף ער זאל זיין אַ לייטישער און ערענטלעכער נעגער, אייברעהעם.

בארנארד קאוען פֿלעגט פֿון דאמאלס אָן א״נגאַנצן אויסהאַלטן זיין זון, און אים געלאזט גיין אין א קאלעדזש, זיך לערנען אגרי־קולטור. דער שוואַרצעד זון זיינער, האט זיך אבער קיינמאל ניט געטאָרט ווייזן אים אויף די אויגן, און זיך קיינמאָל ניט חבר׳ן מיט זיינע ווייסע קינדער. ער האט אפילו נישט געטאָרט דורכגיין דעם טראטואר לעבן דער קלייט.

בארנארד קאוען האט אן אים אינגאַנצן פֿאַרגעסן. עס פֿלעגט זיך אבער טרעפֿן אמאל, גאָר אומדערוואַרטערהייט, זיצנדיג אזוי באַ דעם פֿענסטער פֿון זיין געשעפֿטס־צימער, פֿלעגט קאוען מיט אמאל דערפֿילן אן אינערלעכע געצוואונגענקייט אויפֿצוהויבן זיינע בליקן און א קוק טון אין גאַס ארוים. ער פֿלעגט דאמאלס דערזען אויפ׳ן קעגנאיבערדיגן טראטואר, א פאר גלאַנצנדיגע, פֿייכטע אויגן, וועלכע זיינען געווען אנגעשטעלט אויף אים מיט אזא אנגעשטריינג־קייט. די אויגן זיינען געווען באַקאַנטע — ער האט גוט געדיינקט זייער אויסדרוק ווען ער האט אין איינעם א פֿרילינג־טאָג צעבלוטיגט איונגן נעגער, וועלכער האט געהאַט די העזה אָנצורופֿן אים ״טאַטע״.

גיך, פֿלוצלונג ווי ס׳וואלט אים א ברען געטון, האט זיך קאוען אויפֿגעזעצט אויף זיין בעט. די אויגן פֿאַר וועלכע ער האט זיך אזוי געשראָקן, האבן אויפֿגעלויכטן אויף אים אין דער פֿינצטער— גרויסע, פֿייערדיגע, פֿייכטע און אויפֿוואַרפֿנדיגע. דער נעגער, וואס האט אים אריינגעטראגן אין דער קאַיוטע, האט נאָך אלץ געהאַלטן פֿאַרטאַיעט זיין אָטעם, נאר ער האט דאָ געמוזט שטיין גאָר נאענט איבער אים, מיט א שווערט אין האַנט, מיט א מעסער. קאוען האט זיך א ציטערנדיגער, ארונטערגעגליטשט פֿון בעט, איז אנידערגע־

פֿאַלן אויף די קני און מיט א רחמנות'דיגער שטים אנגעהויבן בעטן, ווי באַ א שוואַרצע אַפֿריקאַנישע געטשקע:

— איך בעט דיך, לאָז מיך ארויס פֿון דאַנען. לאָז מיך ארויס פֿון דאַנען, טייערער. איך וועל דיר געבן א סך געלט, גאר די געלט וואס איך פֿאַרמאָג. לאָז מיך ארויס.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען אזוי א דערדריקטער, א נבֿנע־דיגער, מיט א האַרץ פֿול חרטה; געשטאַנען אזוי אויף די קני, און געווארט אויף זײַן משפּט. אז ער האט זיך סוף־כּל־סוף אנגענומען מיט כּח און אויפֿגעהויבן זײַנע בליקן, זײַנען די גלאַנצנדיגע אויגן פֿאַרשוואונדן. קאוען האט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַנע קני. א כאַנאָ־סענער מיט שווייס און אין אנגסטן, האט ער זיך געוואלט צוריק אנידערלייגן אויפ'ן בעט. — ס'איז בלויז געווען אן אײַנריידעניש, — האט ער זיך באַרואיגט. — איך מוז האבן היץ. איך האב זיכער שטאַרק קאַליע געמאַכט מײַן מאָגן. און די רייד וואס איך האב גע־רעדט, האָב איך גערעדט פֿון היץ.

און דא האט ער ווידער ארויסגעלאָזן א געשריי. די זעלביגע אויגן האבן ווידער געקוקט אויף אים, געקוקט אויף אים פֿון דער פֿינסטערניש, פֿון אַלע אירע ווינקלעך. מיט די לעצטע כּחות האט ער זיך א ריס געטון צו דער טיר און זי אויפֿגעפראַלט. די טיר פֿון זײַן קאַיוטע איז ארויס צו דער דעק צו. א פֿאַרטאָגיקע גרויקייט האט ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן איבערן ים.

ער האט געוואלט אימעצן רופֿן צו הילף. ער האט אנגעהויבן שרייען, נאָר זײַן שטים איז געבליבן אין זײַן קעל. — איצט איז זיכער געקומען מײַן סוף. נו, איז גוט אזוי — האט ער א טראַכט געגעבן. פֿון זײַן צימער איז אים קיינער ניט נאָכגעלאָפֿן. ער האט זיך געפֿילט אזוי שוואַך. ער האט זיך אנגעשפּאַרט אן דעם פּאַרענטש, וואָס איז געווען נאָס פֿון מאָרגן־טוי און ים־נעפּל. אים האט ווידער געריסן צו ברעכן. ס'האט אים אָנגעהויבן מאָרגנע צו איבלען און עקלען. דער עקל האט זיך קלעפּיג און נאָס געשפּרייט, — אן עקל צו זיך אין צום גאַנצן דורכגעלעבטן לעבן. — איך בין שוין א פֿאַרפֿאַלענער מענטש, — האט ער צו זיך גערעדט, אײנער אליין אויף דער פֿרי־מאָרגנדיג־פּוסטער שיף־דעק. — אפילו חרטה האבן אויף מײַן שלעכט לעבן קאָן איך שוין מער אויך ניט. איך ווייס דאָך: אז איך וועל קומען צוריק אהיים א געזונטער, וועט דאָך מײַן גאַנצע חרטה־געפֿיל פֿאַרשווינדן. און אז מײַן זון וועט זיך מיר ווייזן אויף די אויגן, וועל

איך אים ווידער שלאָגן. איך וועל פֿאַרבלייבן דער זעלבער אכזר. ס'איז שוין צו שפּעט פֿאַר מיר ווערן אַן אַנדער מענש.

אין זיין מח, צוזאַמען מיט אַנדערע בילדער פֿון זיין לעבן, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנשווימען אויף אים, איז אויסגעוואַקסן אַט די יונגע פֿראַנצויזישע פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט פֿאַרבראַכט זיין לעצטע נאַכט אין ניו־יאָרק. זיצנדיג אַזוי מיט איר אין אַ באַזונדער חדר, און בשעת זי איז אויף אַ ווײַלע אַרויס, איז ער אויפֿגעשטאַנען און אָפּגעטאָן אַ מיאוסן שפּיצל מיט איר גלאָז ווײַן. און אַז זי איז געקומען צוריק און אויסגעטרונקען דעם ווײַן, האָט ער איר דערציילט וועגן זיין שפּיצל. מיט ווילדער הנאה האָט ער צוגעקוקט, ווי יענע איז געוואָרן רויט און געלאַכט געצוואונגענערהייט.

דער עקל צו זיך האָט זיך אין אים אַליין געשטאַרקט. — ווײַ, ווײַ, — האָט ער שטיל גערעדט צו זיך, — ווי מיאוס איך האָב עס געלעבט. — ער האָט זיך אומגעקערט צו דער קאַיוטע פֿינסטערניש, וואָס האָט זיך געשוואַרצט קעגן אים דורך דער אָפֿענער טיר; אויגן האָבן ווידער געקוקט אויף אים — נאָר איצט שוין מיט גוטסקייט, איבערגעבנקייט און פֿאַרגעבונג. אים האָט מיט אַמאָל אָפּגענומען דער חשק אַנצוקומען ווען עס איז אַהיים. ער האָט שטיל גערעדט צו זיך: — פֿאַר מיר איז נישטאָ קיין פֿאַרגעבונג, און קיין פֿאַרגעבונג וועט מיר סײַ־ווי ניט העלפֿן. טאָ לאָז עס בעסער נעמען אַן עק. —

די גרויסקייט איבערן ים איז אַליין ליכטיגער געוואָרן. אויפֿ'ן שיף האָבן זיך שוין דערהערט די ערשטע טומלען. די שיף איז איצט פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם זאַמדיגן הויכלאַנד פֿון פּאָרט ניוס. ס'האָבן זיך אין'ם מאָרגן־נעפּל אָנגעהויבן אַרויסשיילן די ווייסע טורעמס פֿון דער באַלד נאָענטער פּלאַטן־אַקאַדעמיע. אײַלנדיג און זיך־שרעקנדיג, אַז אַ פֿאַרגעבנדיגע און רחמנות'דיגע האַנט זאָל אים אין דער לעצטער מינוט ניט אַרויסראַטעווען, האָט באַרנאַרד קאָוען שווער זיך אָנגעלענט מיט זיין בויך איבער דעם שיף־באָרט. מיט'ן פּנים אַראָפּ האָט ער זיך נעענטער גערוקט צו דעם וואַסער. ס'איז ניט געווען קיין געשריי, קיין טומל. אַ קליינע כוואַליע האָט בלויז דערנאָך עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד געפּאַטשט קעגן דעם נידעריגסטן טייל שיף, וואו אין דער פּעכיגער גלאַנצקייט האָבן זיך שוין זון־שטראַלן איבערגעבראָכן. און באַלד האָט זי דאָס אויך אויפֿגעהערט צו טון.

ב ר ו ך   ג ל אַ ז מ אַ ן

א ו י ף   אַ   ה אָ ר

II

אַרום דער דריטער אשמורת

דריי מענשן אין אַ שטאָט

א פיפקע פֿון מערשוים

אַ בריוו

דער אייביגער שבת

אַרום דער דריטער אשמורה

הויבט זיך אָן די געשיכטע אזוי:

חיים בערשאַנסקי איז אַ יונגער מאַן, וואס האט א פֿרוי מיט דריי קינדער (דאס עלטסטע איז בלויז פֿינף יאָר אַלט). איז ער געווײנלעך ניט צופֿרידן מיט דעם, ווי אזוי זיין לעבן האט זיך צוזאַמענגעלייגט. וואס זשע איז דער מער מיט חיים בערשאנסקי? אָט וואס:

זייענדיג א בחור, געדיינקט ער, האט ער געשטרעבט צו גרויסע צילן, זיך פֿאָרגעשטעלט א ליכטיג־שטראַלנדיגע צוקונפֿט, ווי א זון ארום פֿיר א זייגער נאכמיטאג אין א תמוז־טאָג. און זיין איצטיג לעבן...

זיין איצטיג לעבן אָבער איז זייער וואָכעדיג. א גאַנצן טאָג ארבעט ער שווער און אין אָוונט איז ער געווײנלעך פֿאַרנומען מיט שטוב־אנגעלעגנהייטן. מען דאַרף די קינדערלעך אויסטאָן און לייגן שלאָפֿן, ווייל די ווייב זיינע איז א קראַנקע, און אָפֿט וואַשט ער אליין אויך די געפֿעס. ער מוז זיי אפילו וואַשן מיט קאַלטע וואַסער; דאס ביסל וואַרעמע, וואס מען קאָן אָפּצאַפּן פֿונ׳ם קראַן, באדארף מען פֿאַר׳ן אינגסטן קינד אויף א בעדעלע. ער וואַשט אליין די געפֿעס, ווייל דאס ווייב זיינס ליידט פֿון רעוומאַטיזם, און באַ איר ווערן די פֿינגער געשוואָלן, ווען זי נעצט זיי איין אין קאַלטע וואַסער. און אזוי טאג־איין, טאג־אויס, איז ער געווײנלעך, הייסט עס, ניט צופֿרידן, שטאַרק אפילו ניט צופֿרידן.

אָבער ווען ניט ווען טרעפֿט עס, אז חיים האט ניט קיין חרטה און בייינקט ניט צוריק נאך זיין אמאליגן "פֿרייען" בחור־לעבן. עס טרעפֿט אַמאָל אז ער כאַפּט זיך אויף באַנאַכט, אזוי, אין דער דריטער אשמורה, ווען דער גוף איז שוין אויסגערוט, און ער קאָן עפּעס מער ניט איינשלאָפֿן. אין שטוב איז שטיל, טונקל. ער קוקט ארויס אין אין דעם האַלב־בלויליכן דרויסן, וואו אַלץ איז רואיג און אזוי איינגעהאַלטן אין זיך. און בלוי, און שטיל, אין ווייט־רונדיג, ווי די פֿעדערן פֿון א גרויסער פּאַווע.

א שוואַך ציטערן, ווי דער פֿאַרגייענדיגער קלאַנג פֿון א סטרונע, הערט זיך אין דער שטילקייט. חיים הויבט זיך האלב אויף פֿון זיין

געלעגנער און פּירט פּאַמעלעך זיינע אויסגעשלאָפענע בליקן אין דעם ארום אויף די אָפּגעווישטע חפצים. ער הערט זיך איין, און דער שטערן־צונויפּקלייב אויף דער בלויער סטעליע פון דער נאכט הערט זיך אויך איין, און ביידע פּאַרנעמען זיי א געזאַנג, א גאָר ווייטן און פאַרגייענדיגן. הויבט ער אָן צו שמייכלען און פילט זיך גוט.

דעמאָלט קוקט ער אריבער צו זיין ווייב און קליינע קינדער, וואס שלאָפן אין דעם זעלביגן צימער. און א רחמנות־געפיל נעמט אים דורך, קוקנדיג אויף דעם שוין אביסל פאַרוועלקטן בלייכן געזיכט פון זיין פרוי, מיט די צוויי גרויסע קנייטשן, ווי האַלבע לבנות, ארום די מוילווינקלען. ער קריכט שטיל ארונטער פון זיין בעט, דערנענטערט זיך צו זיינע שלאָפעדיגע קינדער און קושט זיי שטיל און שמייכלענדיג. דאס רעשטל פון דער נאַכט פאַרברייננגט ער שוין באַם פענסטער, ארויסקוקנדיג אין דרויסן.

און אמאָל פּאַסירט עס, אז אימעצער פון זיינע שטוביגע ווערט געפערלעך קראַנק. און איינמאָל האט זיך געטראָפן, אז זיינס א קינד איז געשטאָרבן. אין אזעלכע פאַלן איז ער געוויינלעך שוויי־גנדיג און פאַרטאָן אין זיך. א זייטיגן דוכט זיך אוים, אז דאס אַרומיגע רירט אים גאָר ניט אָן. אזוי פרעמד קוקט ער אויף אלעמען און ווי ניט קיין הינער.

אבער נאָך א שטיקל צייט פון אזא פאַרטראַגנקייט ווערט זיין פנים באַלויכטן און עפעס אזוי יסורים׳דיג שמייכלענדיג. ער הויבט אָן שטאַרקער צו פילן דאס רעטעניש פון לעבן. עס איז גוט, וואס אויף דער וועלט זיינען פאַראַן ליידן. עס רייניגט א מענשן. עס מאַכט אים ליב האבן — ליב האבן דאס נאַרישע מיאוס׳ע לעבן און זיינע קויטיגע מיטמענשן. עס עפנט אייגעם אויף די אויגן אויף דער שיינקייט פון לעבן און ציט אוועק אביסל דעם פאָרהאַנג, וואס היינגט איבער דעם ציל או דעם וועג פון איינעמס זיי אויף דער וועלט.

— דאס געוויינלעכע און אלטעגלעכע פאַרמאָגט דאָך אזוי פיל שיינקייט... — טראַכט זיך חיים. נאָר ער קאָן עס ניט ארויס־זאָגן. נעמט ער פלוצלונג ארום זיין פרוי און קושט איר שוין א היפּש ביסל אָפּגעבליט פנים. קאָן זי עס ניט פאַרשטיין, — און הויבט אָן צו וויינען. קוקט ער איר אין די אויגן אריין און זאָגט:

— עס איז דאָך אזוי וואויל צו לעבן!...

נאָר ער האט עס ניט געזאָגט; ער האט עס בלויז געטראַכט.

און עס מאַכט זיך אמאל, אז ער געפינט זיך אין אזא קאַל־טער און צו אַלץ גלייכגילטיגער שטימונג, פירט זיינע אויגן איבער די בלעטער פון א צייטונג. מיט אַמאָל הויבט ער אויף זיין קאָפּ, הערט זיך א ווײַלע איין און גייט צו צום פענסטער. אין דרויסן איז רעגנדיג און נאַס.

א קאָמפּאַניע יונגע־לייט שטייט באַם בלייכן שיין פון א טונקל־בליסטשענדיגער לאַמטערן. שטייען אזוי, איינגעצטע און באַגאָסענע, מיט די דאַשיקעס אריבערגערוקט איבער די אויגן, מיט די הענט אריינגעשטעקט אין די קעשענעס, און זינגען אין דער פייכטער געפלדיגער לופט אריין . . .

אַזוי זאָרגלאָז און האָפענונגספול, ווי זיי וואָלטן געזונגען א סער־רענאַדע צו דער לאַמטערן באַ נאכט.

קריצן זיך איין די דאָזיגע ווערטער מיטאַמאָל, מיט א פלוצ־לינגדיגער וויכטיקייט אין זיין געהירן:

— אַ לאַמטערן באַ נאכט.

די לאַנגע נאַכט. אמאָל איז ער דאָך אויך געווען א בחור און האט געזונגען ווי די דאָזיגע יונגעלייט. די דאָזיגע יונגעלייט, ווידער, וועלען דאָך אויך עלטער ווערן און, דיינקענדיג, אז זיי זיינען אָפּגענאַרט, אויך חרטה האבן, ווי ער. אָט אזוי גייט עס שוין און אזוי וועט עס שוין גיין פון דור צו דור. מען האָפּט אין דער יוגנט, מען קוקט זיך גאָרניט ארום, ווי מען קומט אָן אין די מיטעלע יאָרן און אז מען דערזעט, אַז מען איז שוין אין די מיטעלע יאָרן, דוכט זיך: מען האט עפעס דאָס לעבן אריבערגעאיילט. מען האָט אזוי געאיילט, אז מען האט עפעס פאַרפעלט — פאַרפעלט, דוכט זיך, צו לעבן.

און דאָך זינגען זיי איצט, די דאָזיגע יונגעלייט. ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זייערע קינדער זינגען, אָפּזינגען זייער ליד, זיך אוועקבויגן צו דער עלטער און אויף זייער אָרט וועלן זיך באווייזן אנדערע. פון אייביקייט צו אייביקייט. א שיינער חלום. אלץ איז פאַרבייגייענדיג און פאַרגייענגלעך, אָט ווי דאָס פרישע שיינע גע־זיכט פון זיין פרוי, און אַזוי וואויל איז צו די יעניגע, וואס פאַרמאָגן אָן אויג, וואס זאל ארומכאַפּן די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט. אין דער פאַרגאַנגענהייט האבן מיר אליין געזונגען, אין דער צוקונפט וועלן אַנדערע זינגען. אַנדערע — אָבער דאָך זינגען . . .

ווערט חיים׳ען גוט, פאַרשטייענדיג; און אַ לויטערער און א רואיגער לייגט ער זיך צוריק שלאָפן.

דריי מענשן אין אַ שטאָט

ווי אויף צו להכעיס איז קײנער אַ גאַנצן פֿאָרמיטאָג נישט אַרײַנגעקומען, אַזוי דוכט זיך, שלאָגן זיי, געווײנלעך, אָפּ די טיר.

אײנער גיט אײך אומזיסט אַ שטיקל זײף, אַ טרײבעלע ציינטייג, צו רײניקן די ציינער, אַ שאַכטל רײניקונגס־פּודער, צום וואַשן גרעט.

אַ צווײטער לאָזט אײך איבער אַ פּאַקעט מיט צירקוליאַר־בריף, אַנאָנסן, פּראָספּעקטן פֿון נײסטע ערפֿינדונגען, וואָס זאָלן פֿאַרלײכטערן יעדער באַלעבאָסטע די הויז־אַרבעט.

אַ דריטער וויל אײך פֿאַרקויפֿן זײער וואָלוול אַ שאַל, אַ קאַפּטל, אַ פּאָר זײדענע זאָקן, אָדער דימענטענע אוירינגלעך פֿאַר בלויזע צוויי דאָלאַר.

און דער פֿערטער איז אַ יונגער סטודענט, וועלכער „האָט אַלײן, מיט די אײגענע כחות, אָן דער הילף פֿון טאַטע־מאַמע, דורכגעמאַכט הײ־סקול.“ די עלטערן זײנען באַ אים לאַנג צוריק געשטאָרבן, מ׳קאָן זאָגן — ער איז אַ יתום פֿון זײט ער געדײנקט זיך, כמעט אַ געבאָרענער יתום... אין ערגסטן פֿאַל זײנען זײנע עלטערן שוין אַלט, גרויסע אָרימעלײט, און ער, דער זון, דאַרף זײ נאָך אַרויסהעלפֿן... איז ער, הײסט עס, איצט שוין אינ׳ם לעצטן יאָר קאָלעדזש. פּלעט ער, דאַריבער, אַצונד אַן אַרטיקל גאָר אַ וואונדער. אַז איר׳ט נעמען בײם אים א פּלעט, איז אײ איר האָט אַ מצוה, אײ איר דערלײגט גאָרניט: אײ מען קאָן נאָך זײן דער געווינער, אײ מע׳ט אים ניט לאָזן פֿאַלן באַם סוף וועג.“

„ס׳זײנען שוין אַזוי אויך דאָ אַ סך געפֿאַלענע“, פֿאַרענדיגט דער יונגער בחור׳ל מיט אַ טרויעריגן שמײכל, וואָס ס׳איז אײ באַשײדן, אײ פֿול מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ, אײ אָנגעזאַפּט מיט אַ פּאָרוואורף דער אומדאַנקבאַרער מענשהײט. אײ אײדל אַרויסוואַרטנדיג אויף אײער גינסטיגן ענטפֿער.

זיצט די אָרימע פֿרוי, אײניטשקע אַלײן אין הויז אַזוי, אײניטשקע אַלײן און טראַכט:

— די לעצטע זיינען דאָך אפילו די שענסטע, די אינגסטע, די געזינטסטע... אָבער ווי אַזוי קאָן זי גאָר טראכטן פון אַזעלכע. ווער איז זי! שוין לאַנג נישט מער קיין יונגע פרוי.

זי באַטראַכט זיך אין שפּיגל. קיין יונגע איז זי זיכער ניט, נאָר קיין קנייטשן זיינען דאָך אויף איר פּנים ניטאָ. איר פּנים איז גלאַט, געזונט, און איר גוף איז נאָך פריש און ערשט פאַנאַנדערגעבליט. זי איז געווען אַ יאָר פינף־און דרייסיג, ערשט באַם אָנפאַנג פון די מיטעלע יאָרן, אַ זייטיגער, אַ רואיג־קוקנדיגער פרעמדער וואָלט אפילו געזאָגט, אַז זי איז שיין. נאָר זי איז איצט געווען צערודערט, אַביסל דערשראָקן, און אַרונטערגעפאַלן באַ זיך פון׳ם וואָרטן. כמעט בעטנדיג, אין פאַרצווייפלונג, האָט זי אַלץ געהאַלטן אין איין חזר׳ן פאַר זיך די באַרואיגנדיגע ווערטער:

— איינער וועט דאָך זיכער זיין, ער מוז דאָך זיין. ער איז שוין דאָ ערגיץ אַ צוגעגרייטער, אַ באַשערטער.

איר טרייסט האָט אָבער לאַנג געדויערט. זי איז געווען ניט זיכער מיט זיך, האָט זיך אַלע ווילע פאַרלוירן. איצט האָט איר אָנגעהויבן פּיקן אין קאָפּ אַ נייע אומרו. אַ נייע שווערקייט האָט אָנגעהויבן נאָגן:

— ווי אָבער וועט זי וויסן, אויב אַזאַ איינער איז אַ איד? מ׳קאָן דאָך ניט פרעגן.

אַזוי איז זי געזעסן אַ דערשלאָגענע, האָט זיך געפּלאָנטערט אין געדאַנקען. איין צווייפל אַ ניט פאַרענטפערטער, פלעגט אַרויס־געשטופּט ווערן פון אַ צווייטן. זאָל איר גאָט מוחל זיין פאַר איר ניט־געזעטיגטקייט, פאַר איר גרויסהאַלטן זיך, פאַר איר ווילן אַ סך. אָבער איינער פון די דאָזיגע יונגעלייט וואָלט דאָך פאָרט געווען דער ריכטיגער מאַן. אַזעלכע זיינען אָנשטענדיג, לייטיש און ריין: די אָרימקייט זייערע האָט אין זיי אויסגעהאָדעוועט אַן איינגעהאַל־טנקייט, אַן אָנשטענדיקייט, אַ ריינקייט. זי וועט זען אויסקלייבן וואָס אַן אָרימערן, אַ שטילערן. פאַר אַזעלכע איז ביטאָ וואָס צו שרעקן זיך. זיי וועלן פון איר קיין שלעכטס ניט דיינקען.

זי איז בלייך געוואָרן, זיך אויסגעגלייכט, און איינגעשפּאַרט, טראָציג, אַנטקעגנגעשטעלט אַ קריגערישן פּנים, — דעם אומבאַ־קאַנטן, דער גאַנצער וועלט:

— נו, גוט לאָזן זיי דיינקען!...

ווייל זי האָט זיך געפילט שוואַך, דערשלאָגן, ניט־זיכער האָט זי געוואָלט קריגן זיך מיט אימעצן — מיט דער וועלט. איר

האָט זיך געטראַכט, אַז אַזאַ קריג, אַזאַ העזה׳דיג זיך אַנטקעגן שטעלן דער וועלט, וועט פֿאַרדעקן פֿאַרטומלען איר צווייפֿלענדיגע ניט־זיכערקייט. און אפֿשר וועט נאָך פֿון דעם אַליין אויסוואַקסן די זיכערקייט, דער גלויבן, אַז זי טוט ריכטיג. אָבער קיינער איז ניט געקומען. אַלע טענות, אַלע באַרעכטיגונגען האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אויפֿגעגעסן, איידער נאָך זיי האָבן פֿאַרלאָזן די פֿינסטערנישן פֿון מח און האַרץ.

די פֿרוי גייט צו צו דער טיר, פּרואוווט אוים דעם גלעקל. ס׳טרעפֿט זיך דאָך אַמאָל, אַז...

דאָס גלעקל קלינגט יאָ. זי באַרואיגט זיך. איבעריגנס, זיינען דאָך יענע, וועלכע קומען אַלעמאָל אין אזא גרויסער צאָל, גאָרנישט אַזעלכע שעמעוודיגע, און קלאַפּן אָן אין טיר אויך, צוליב זיכערקייט.

קוים וואָס זי שלעפּט זיך צו צו אַ שטול און פֿאַלט אויף אים אַרויף. אַן אָפּגעשוואַכטע, בעט זי זיך באַ אימעצן אַן אומגעזעענעם, באַ וועלכן דאָס אלץ ליגט אין האַנט:

— אַ, עס זאָל נאָר זיין א געזונטער לייטישער יונגערמאַן, אַ ריינער, ניט קיין קראַנקער, ניט קיין אויסוואורף. ס׳טרעפֿן זיך דאָך אַזוינע אויך?

זי האָט געהערט פֿון דעם. זי ווייס. אַלע פֿרויען ווייסן פֿון דעם.

אין איר שוואַכקייט, האָט זי זיך אונטערגעגעבן צו דעם, צו וועמען זי האָט געהאַט די גרעסטע טענות, *וועלכער האט קעגן איר געזינדיגט*. אין איר שוואַכקייט האָט זי מיט אים שלום געמאַכט. זי האָט אים אפילו איצט גערופֿן פֿאַר א שותף, פֿאַר אַן ארויסהעלפֿער. זי האט אויפֿגעהויבן אירע אויגן פֿרום צו דער סטעליע. זי האָט גערעדט צו אים, ווי די מוטער חנה האט אמאָל איינע אַליין גערעדט צו דער שטילער, ליידיגער פּוסטקייט פֿונ׳ם משכן, וואָס איז דאָך געווען אָנגעזאפּט, פֿול ביז די פֿאָרהאנגען מיט׳ן דערביי־זיין פֿון אַן אומגעזעענעם. שטיל האָט זי געזאָגט:

— גאָט האָב רחמנות.

ב

מחמת עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע פֿאַרשידענע יונגעלייט, איז זי עס באשטאַנען, אַז דער מאן אירער זאָל פֿאַרבלייבן אין דער היים. זאָל ער אים אויך באַטראַכטן, פֿאָרט א מאנסביל, און פֿאַרשטייט זיך אויף דעם מער, ווי זי. חוץ דעם, וועט ער, דער מאן איר ער, דאָך אויך דאַרפֿן זיין דער טאטע צום קינד.

דער מאַן אירער האָט זיך איצט געפֿונען אין אַ צווייטן צימער. די טיר פֿון יענעם צימער איז געווען האַלב־אָפֿן, כּדי ער זאָל קאָנען אַרויסקוקן, ווען אימעצער וועט אַריינקומען.

ער האָט זיך דאָרט אינ'ם צימער געהאַלטן אַזוי שטיל, אַז זיין פֿרוי האָט מיט אומרואיקייט אַ טראַכט געטאָן טאָמער איז ער דאָרט גאָר ניטאָ...

ווי, ניטאָ?... דאָס איז דאָך נאַריש. ווי איז ער אַרויס? דורכ'ן פֿענסטער אויפֿן פֿינפֿטן פּלאָר? — אָבער קיין קלענסטן שאָרך האָט מען פֿון דאָרט ניט געהערט. ווי דאָרט אין צימער וואָלט בלויז געווען לופֿט, און לופֿט, און לופֿט, אָדער גאָר קיין לופֿט אויך ניט. אַ ליידיקייט אָן לופֿט.

דער מאַן אירער איז געשטאָרבן. פֿון גרויסן שטילן ווייטאָג פֿון שאַנדע. האָט ער זיך אויסגעצויגן דאָרט אויף דער סאָפֿקע, זיך אומגעקערט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט און איז אויסגעגאַנגען. איז ענדלעך געוואָרן שטיל.

פֿון גאַס האָט זיך פֿון צייט צו צייט געהערט אַ קלינגען פֿון אַ טראַמוויי, אַ געשריי פֿון אַ קינד, אַ דורכרודערן פֿון אַ שווערן טראָק איבער'ן ברוק. ווען די פֿרוי אין הויז האָט זיך באַפֿרייט פֿון די אייגענע מחשבֿות, האָט זי פֿאַרנומען די דאָזיגע קלאַנגען. בלויז אויף אַ ווײַלע.

און ווידער איז געוואָרן שטיל. אַ פֿײַנלעכע דערוואַרטונג האָט אָנגעפֿילט די הויז, ווי פֿאַר'ן אָנקומען פֿון אַ פֿרייַנט־אַ שונא וואָס וועט ברענגען אַ פֿרייד, אַ צער. אַ פֿרייַנט־אַ שונא, וועלכער וועט זיכער קומען, וועלכער קאָן אָנקומען יעדע מינוט, אָט־אָט, און מען ווייסט דאָך ניט — ווען.

ס'איז געווען שטיל. פֿון דער סטעליע איז אַרונטערגעפֿאַלן אַ קליין ברעקל ווייסע פּלאַסטער. אונטער די קאָלירטע אָבּיטשעס, אויף די ווענט, האָט זיך געהערט ווי עפּעס קריכט.

די פֿרוי איז געוואָרן אומרואיגער. דער טאָג, כאָטש אַ פֿרי־לינגדיקער, פֿון די ערשטע טעג אין אַפּריל־חודש, איז פֿון פֿרימאָרגן געווען פֿאַרוואָלקנט ווי ס'פּאַסירט אָפֿט אין ניו־יאָרק. אַ רעגן, צי אַ שניי האָבן געסטראַשעט אַרונטערצולאָזן זיך פֿון די האַלב־נידריקע הימלען. אין דרויסן איז געווען האַלב־פֿינסטער אפֿילו דער טאָג איז אויך קענן איר...

זי האָט זיך מיט אַמאָל אויפֿגעריסן פֿונ'ם שטול, וואו זי איז אַ ציטערדיקע געזעסן. אַ דערשראָקענע, ווי אימעצער איז איר פֿאַר־

בייגעגאַנגען און קאַלט גלייכגילטיק אויף איר ארויפגעטראָטן, יעדער נערוו, יעדעם בלוט-קאַנאַלכל האט אין איר שטיל געשריען.

זי האט איצט געקוקט אויף דער טיר מיט אַזעלכע אָנגע־שטריינגטע, שטייף־אָנגעשטעלטע בליקן, ווי אַ ניט־פילנדיגע, ווי א משוגענע. אין א ווינקל מח האט א קאַלטער, רואיגער געדאַנק געלויכטן שאַרף, ווי א ווינטערדיגער באַטאָג. איצט וואלט איר ניט געווען שווער. ווען אין אָט דער מינוט עפנט זיך אויף די טיר און ס'קומט אריין א פאַסיגער יונגערמאַן, פירט זי אים צו רואיג צום בעט:

— נאַ... קום, פרעמדער, נעם מיך.

ג

די פרוי איז אויפגעשטאנען, אריין אינ'ם צווייטן צימער, אינ'ם גרוי־סן פראָנט־רום, וואס האָט דעם פאָר־פאָלק געדינט, פאַר אַ שלאָפצימער.

דאָרט איז געשטאַנען א ברייטע טאָפל־בעט. זי איז געווען ציכטיג, אַקוראַט פאַרבעט.

שטיל האט די פרוי אויף דעם געקוקט, און דערנאך צו זיך אַזוי געזאָגט.

— אַזאַ נאַר, ווי איז עס איר גאָרניט איינגעפאַלן... אָט די ציכטיגע ניט־גערירטקייט פונ'ם פאַרבעטן בעט קאָן דאָך אן אַנדער יונגנמאַן אָפּהאלטן... ער וועט זי ניט פאַרשטיין, וועט ניט האבן דעם מוט, אַז די בעט איז אזוי ציכטיג, פאַרבעט אָן א קנייטשעלע.

און ערשט איצט איז איר פאָרגעקומען די גאַנצע שווערקייט פון דעם... ווי אַזוי וועט זי עס טאָן? זי האט נאָר ביז אהער וועגן דעם ניט געטראַכט. זי האט געהערט, אז דאס דאַרף אָנקומען א פרוי זייער גרינג. וועלכער מאַן וועט עס איר אָפזאָגן? זי דאַרף אים בלויז אריינפירן אַהער, אינם שלאָפצימער, און זיך "לאָזן". ס'וועט שוין זיין גרינג.

אָבער אַזאַ איינעם, וועלכער וואלט גלייך, קאַלט, ניט פאַר־שטייענדיג, צו איר צוגעגאַנגען און זיך מיט איר באַהעפט, וואלט זי דאָך ניט געוואלט. זי האט זיך שוין אין פאָראויס געפילט צע־טראָטן, באַליידיגט.

פון יענעם צימער, וואו איר מאַן האט זיך געפונען, האט זיך דערהערט א שטילער שאָרך, אן אומרואיגער, אַ זוכנדיגער, א נאָכ־פרענגנדיגער. פון דעם האט זי זיך אויסגעגליכן, געשטאַרקט, עקשנות'דיג האט זי פאַרביסן די ליפן.

— גוט אזוי, ס'מאַכט ניט אוים — ווער. גאָט זעט דאך איר האַרץ.

ד

זי האָט גענומען, פֿאַרריכט די קישנס, ווי צום שלאָפֿן, האַלב ארונטערגענומען די קאָלדרע, האָט די בעט אויסגעקוקט אזוי, האַלב אין אומאָרדנונג און האָט אויך אַזוי צוגעצויגן, ווי נאָענט פֿאַר האַלבער נאַכט.

איבער׳ן ווענטל פֿון בעט, ווי א פֿרומע בעטערין איבער א מזבח, איז די פֿרוי געבליבן שטיין אַזוי א ווײַלע, פֿאַרפֿלאַמט, פֿאַרטראַכט. מיט פֿאַרנעפּלטע, ניט־זעענדיגע אויגן האָט זי געבעטן:

— קום פֿרעמדער. קום ליבער. זײַ מיט מיר.

א גאָס בלוט האָט איר אַ שטויס געטון צום האַרצן, צו די שלייפֿן. דאס בלוט האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, רופֿן אין אַלע ווינקעלעך פֿון איר גוף. אַן אָפּשוואַכנדיגע וואַרימקייט האָט איר דורכגענומען. אין דער רגע האָט זי דערפֿילט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, אַזאַ געטרייִשאַפֿט צו דעם פֿרעמדן וואס איז נאָך ניט געקומען, צום פֿרעמדן, — דעם באַשערטן, שטומען, גוט־באַקאַנטן פֿאטער פֿון איר קינד. זי איז צוגעגאַנגען צו די פֿענסטער, און האַלב ארונטערגעלאָזן די שטאָרן. אזוי איז בעסער...

א פֿאַרפֿלאַמטע און ברענענדיגע איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיגל, צעשאַרט א פּאָר לאָקנס האָר איבער׳ן שטערן. אזוי, האָט זיך איר אויסגעדוכט, קוקט זי אויס אינטערעסאַנטער, אָנציִענדיגער, אפֿילו אַביסעלע פֿאַרשייט...

באַלד גיט זי זיך אַ טרייסל:

— וואס טוט זיך מיט איר? זי פֿירט זיך דאָך אויף ווי א זונה.

זי האָט א קרומען שמייכל געגעבן. פֿאַר דעם האַלבן טאָג פֿון דערוואַרטונג איז אַלץ אין איר געווען וואַך — יעדעם פּעדימל מח, יעדעם אָדעריל בלוט. א שטום, זיך־רייצנדיג נקמה־געפֿיל האָט זיך אויך ארײַנגעפֿלאָכטן.

— גוט אזוי. גוט אזוי. גוט אזוי.

ה

און אַלץ איז נאָך קיינער ניט געקומען.

איר פּנים איז געווארן טונקעלער, פֿינסטער. ס׳האָט זי געשראָקן. וואס זאל עס באַדייטן — וויל נאָט פֿאַרהיטן זי פֿון זינד? אז איר אַרט ניט. זאל מען זי נאר לאָזן צו־רו. זי׳ט שוין געמען די גאַנצע זאַך אין אירע אייגענע הענט.

אָדער איז עס גאָר א שטראָף — אַ פֿאַרלייגנערטע שטראָף? דוכט זיך איר, ס'וואלט שוין געמאָגט זיין גענוג. דוכט זיך איר, ווען מ'וואָלט זיך אויסגעטענה'ט, וואָלט נישט זי געווען די אומגערעכטע, וואָלט נישט זי געווען די זינדיגע.

צען יאָר האבן זיי געלעבט צוזאַמען, און קיין קינד נישט גע־האַט. אַז ס'איז סוף-כל-סוף, נאָך צענדליגע באַזוכן בײַ דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, קלאָר געוואָרן, וועמעס שולד דאָס איז, האט זי איינמאָל דעם מאַן אירן געזאָגט:

— א גט. זי וויל א גט.

געמיינט האט זי עס ניט. זי האט אים בלויז געוואלט מוטשן, זיך אָפּרעכנען מיט אים, ס'זאל איר לייכטער ווערן. זי האט אים נישט ליב געהאַט. זי האט אים נישט פֿיינט געהאַט. זי איז שוין אָבער געווען צוגעוויינט צו אים. שוין צען יאָר, אַז זיי האבן געלאָזן קליינע, אומגעזעענע, שטאַרקע וואָרצעלעך איינער אין דעם אַנדערנ'ס בלוט, איינער אין דעם אַנדערנ'ס נשמה, איינער אין דער אַנדערנ'ס לעבן. זיך אָפּרייסן פֿון אים וואלט זי ניט געקאָנט. זי האט אָפּט־מאָל געטראַכט, אַז ס'וואלט געווען אן אויסוועג, ווען דער מאַן אירער שטאַרבט. דאַמאָלסט איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַליין אָפּ־רייסן זיך פֿון אים וואלט זי ניט געקאָנט.

אָבער אַ קינד מוז זי האבן. א קינד, א קינד! די בלוטן אין איר, אלע אירע אברים האבן דורך טעג און נעכט געוויינט נאך א קינד.

האָט דער מאַן אירער אויך פֿאַרשטאַנען, אַז זי מיינט עס ניט ערנסט מיט'ן גט. ער האט פֿאַרשטאַנען, אז דאס וויל זי אים מוטשען, נאָר ער האט געשוויגן. גערעכט איז זי געווען. ער האט ארונטער־געלאָזן די אויגן. ער דאַרף שווייגן. ער איז א צעפּוילטע, פֿאַר־וויאַנעטע פּרוכט. ער האט זי געלאָזט מוטשען אים — זאל איר אַביסל גרינגער ווערן.

ס'איז איר אָבער פֿון דעם ניט גרינגער געוואָרן.

איינמאָל, אין פֿאַרצווייפֿלונג, האט ער איר געזאגט אין א גע־שטיקטן קול וועגן דעם איינציגן וועג, וואס ס'איז דאָ פֿאַר איר.

ער האט זיך געכאַפּט אין מיטן וואָרט:

— דאס הייסט — פֿאַר זיי ביידן.

אין דער אמת'ן האט עס אים ניט געאַרט אזוי, וואס קיין קינד איז ניט געווען, אָבער קיין גט האט ער איר דאָך ניט געקאָנט געבן, פּונקט, ווי ער וואלט פֿונ'ם איינענעם ווילן נישט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, מען זאל זי אָפּהאַקן.

זי, די פֿרוי, איז געווען א שטילע. אַ לייגערע ווײַלע האט זי געוויינט, דערנאָך האט זי זיך געשטאַרקט, און שטיל געבליבן.

ו

ס'איז געווען פֿרילינג־צײַט, נאָר אין סאַמע אָנהויב. די פֿרילינגדיקע טעג זײַנען נאָך געווען ווייכע, יונגע, אומזיכערע, ווי ערשט־געפּלאַנצטע איין־יאָריגע בוימלעך. די הימלען פֿלעגן אַלע ווײַלע פֿאַרוואָלקנט ווערן, זיך פֿאַרטראַכטן. פֿון די ליידיגע פֿעלדער, פֿון די ימים אַרום ניו־יאָרק פֿלעגן בלאָזן שטאַרקע ווינטן. קאַלט פֿלעגט ווערן, חושך'דיג. נאָר די פֿרילינגדיגע טעג פֿלעגן זיך סוף־כל־סוף שטאַרקן און זיך שטעלן פֿעסט אויף די פֿיס.

אַזוי איז אויך געווען היינט. נאָכמיטאָג האָבן דורך די פֿענסטער אָנגעהויבן אַרײַנפֿליסן טייכלעך ליכט, ריטשקעלעך זון. אין דרויסן איז דער טאָג געוואָרן פֿייערדיגער, זוניגער. ס'איז שוין געווען אין הויכן נאָכמיטאָג.

מיט דער אַרײַנפֿליסנדיגער ליכטיקייט איז די שטילקייט אין שטוב געוואָרן נאָך שטאַרקער, אנגענעמער, — א פֿולע, טראָגעדיגע, אָנגעזאַפּטע שטילקייט.

אַז די פֿרוי איז אַרײַן צוריק אין עס־צימער, וואו זי האָט פֿריער געוואַרט, האָט זי דערזען א קאָפּ, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעקט פֿונ'ם חדר, וואו איר מאַן האָט זיך געפֿונען. זײַן פּנים איז געווען טויט־בלייך, פֿאַרצווייפֿלט. ער האָט אינגאנצן אויסגעזען, ווי דער אייבערשטער שפּיץ פֿון א פֿראַגע־צייכן.

— נאָך קיינער ניט געווען?

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א קלונג און דער קאָפּ איז צוריק אײַנגעשלונגען געוואָרן אין דער חדר־שטילקייט.

דער אַרײַנגעקומענער איז געווען א דאַרער, נידריגער, עטוואָס דערשלאָגענער יונגערמאַן, א אידישער. איידער זי האָט אים נאָך צייט געהאַט צו ענטפֿערן אויף זײַן גוט־העלף, האָבן זיך שוין געשאָטן אויף איר זײַנע ווערטער. ס'האָט זיך געדוכט, ער האָט נאָך אָנגעהויבן ריידן אויף יענער זייט טיר, און דאָ האָט ער בלויז פֿאַרענדיגט זײַנע רייד.

ער האָט גערעדט גיך. אַ סך. מיט א מין פֿאַרצווייפֿלונג, טאָמער וועט ער ניט באַווייזן אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן, איידער די באַלעבאָסטע וועט עפֿענען איר מויל. ער האָט געשאָטן נאָכאַנאַנד, קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי ער וואָלט געזאָגט

אויף אויסנווייניג אַן איינגעחזר'טן שיר. אַ, ער האָט שוין געוואוסט פֿון זיין דערפֿאַרונג ווי צו פֿאַרפֿלייצן אַ „קאָסטימער" מיט ווערטער מיט אַזויפֿיל ווערטער, אַז אין יענעם זאָלן זיך מוזן איינוואָרצלען כאָטש איין טייל פֿון זיי, אַז יענער זאָל זיך שעמען, זאָל פּשוט קיין כח ניט האָבן זיך אינגאנצן צו אָפּזאָגן. דער יונגערמאַן האָט פֿאַרקויפֿט אידישע ביכער.

באַ דעם יונגנמאנ'ס אריינקומען האָט די פֿרוי דערפֿילט אַ קלאפּן אין די שלייפֿן, א קלאָר נאָכאנאנדיג טיק־טאק, ווי מען וואָלט געקלאפּט פֿאלעם אין א וואַסערדיגן גרונט. איר פּנים איז געווען בלייך, טויט. מען דאַרף זיך אנידערזעצן, אז ניט, פֿאל איך — האָט זי מיט זיך אלץ איינגע'טענה'ט. זי האָט אָבער ניט געהאט קיין כח אוועקצונעמען אירע פֿיס. זיי זיינען געווען ווי איינגעפֿלאנצט אינ'ם דיל. שוואַך האָט זי אים געענטפֿערט.

— מיר דאַרפֿן ניט קיין ביכער, מיר לייענען נישט, נישטאָ ווער ס'זאָל לייענען ביי אונז.

אָבער דאָס זיינען זייער קאָמישע ביכער. איר'ט א סך לאכן, גלויבט מיר. דאָס זיינען ביכער פֿון דעם בארימטן אידישן קאָמיקער. אָט זעט, איך וועל אייך באווייזן א מוסטער. איך וועל אייך פֿאָרלייענען, און אָט, ס'ארא איינבונט, דאָס זיינען די בעסטע אידישע ביכער, זיי וועלן זיך באַ אייך האַלטן און האלטן, וועלן זיין גוט פֿאר קינדער און קינדס־קינדער.

וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אלץ מער האָט זי זיך בארויִיגט. זי האָט ניט פֿארשטאנען קיין איינציג וואָרט פֿון די ווערטער, וואָס זיינען געפֿאלן פֿון זיין מויל, עפּעס האָט ער זיך־באַקלאָגנדיג גערעדט פֿון אן אלמנה פֿון אן אָרימען שרייבער, פֿון דעם, אז אחוץ אלץ, איז עס א מצוה צו קויפֿן אידישע ביכער בכלל און בפרט נאָך אָט־אָ די. זי האָט אויף אים געקוקט, אים באטראכט. — גוט אַזוי, — האָט זי געטראַכט פֿאר זיך. — דער יונגערמאַן איז אַ שוואַכער, דערשלאָגענער, אַ באַ'עול'טער פֿון לעבן. ער'ט שפּעטער קיין טענות ניט האָבן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פֿון אַ טיר. דער ביכער־אַגענט האָט זיך פֿלינק אומגעדרייט. ער האָט דערזען אַ שוואַרצן מאַנסבילשן קאָפּ, אן אָפּגעשטאָרבן, געל געזיכט, אויגן צעטרעוואזשעטע, אויסגעלאָשענע. דער יונגערמאַן, דער אַגענט, איז אויפֿגעלעבט געוואָרן.

אָט, וועל איך בעסער ריידן צו אייער מאַן.

די פֿרוי איז שוין איצט געווען אינגאַנצן רויִק. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם יונגנמאַן פֿאַר׳ן האַנט. רויִק, קלאָר האָט זי אויף אים געקוקט. זי האָט גערעדט ווי צו אַן אייגענעם.

— ניט נויטיק, יונגערמאַן. איר, יונגערמאַן, לאָזט בעסער איבער אייער אַדרעס. מיר׳ן זיך איבערלייגן. מ׳עט אייך אָפּרופֿן.

ז

מ׳האָט דעם יונגנמאַן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אָפּגערופֿן אינ׳ם אָפּיס פֿונ׳ם בוך־געשעפֿט. איינער אַ מענש האָט געוואָלט, ער זאָל קומען און פֿאַרקויפֿן אים ביכער.

אַז מען האָט דעם יונגנמאַן־אַגענט איבערגעגעבן דעם נאָמען פֿונ׳ם נאָכפֿרעגער, האָט ער ניט געוואוסט, ווער דאָס איז. ער האָט שוין דעם נאָמען לאַנג פֿאַרגעסן. ער איז פֿון לאַנג אָן שוין געווען געווינט, מען זאָל ביי אים נעמען אַן אַדרעס — פֿון איידלקייט וועגן, ווען מען האָט אויף אַן אַנדער אופֿן ניט געקאָנט פּטור ווערן פֿון אים.

דער יונגערמאַן האָט אַ שטיק צייט געטראַכט, זיך געוואונדערט׳ נאָר ער האָט זיך בשום אופֿן ניט געקענט דערמאָנען.

אין הויז, אויפֿ׳ן אַנגעגעבענעם אַדרעס, האָט ער דערקענט די פֿרוי. איר פּנים איז איצט געווען נאָך בלייכער, חושך׳דיגער ווי דאָס ערשטע מאָל. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אָקאָרשט אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ לאַנגער חולאת, פֿון אַ קינפּעט. זי האָט געשמייכלט אי פֿאַרשעמטערהייט, אי פֿאַרביסן.

זי איז געווען צו אים פֿריינטלעכער ווי ס׳ערשטע מאָל. זי האָט אים געבעטן זיך זעצן. ער האָט זיך געפֿילט דערמוטיקט, איז אָבער אַלץ ניט געווען זיכער, אַז ער וועט מאַכן אַ „סייל“, האָט ער ווידער אָנגעהויבן לויבן די ביכער.

— גוט — האָט זי אים ניט געלאָזט ענדיקן, — אָט האָט איר צען דאָלאַר אַן אַדרויף. אז איר׳ט צושטעלן די ביכער, וועט איר קריגן די גאַנצע סומע.

דער אגענט האט אויפֿגעעפֿנט א מויל, האט אויסגעשטעלט אויף איר א פּאָר אָפֿענע אויגן. זי האָט דאָך אפילו ניט געזען די ביכער! איידער זי האָט נאָך אפילו געקראָגן איין בוך, גיט זי, אים שוין געלט. צען דאָלאר! ער האָט זי אָנגעקוקט מיט חשד. ער האָט זיך עפּעס ווי געשראָקן זיך אָנצונעמען אָן די געלט. ניט אנדערש, מען לאַכט פֿון אים אָפּ.

אַ ווײַלע האָט זי דאָס פּאַפּירל געהאַלטן אין האַנט, און דערנאָך עס געלאָזט פֿאַלן אויפֿ'ן טיש פֿאַרשעמט. זי האָט אויף דעם מער ניט געוואָלט קוקן, ווי אויף עפּעס אומווירדיגעס. זי האָט געשמייכלט צו אים פֿאַרשולדיגט, זיך בעטנדיג. זי האָט אים גערופֿן מיט די אויגן, מיט איר שמייכל. דער יונגערמאַן האָט ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך. ער האָט ניט געקאָנט גלויבן זײַנע אייגענע אויגן. ער האָט זיך לסוף אָנגעהויבן שרעקן, דאָ איז עפּעס באַהאַלטן אַ שפּיצל פֿאַר אים. ער האָט זיך שנעל און אומרואיג אַרומגעקוקט, זיך אײַנגעהערט. קיין שאָרך איז ניט געווען צו הערן.

וואַרעמער האָט זי אים אָנגענומען פֿאַר'ן האַנט. איידעלע, מוטערלעכע און כּלה'שע וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פֿון גוף צו גוף דורך האַנט צו האַנט.

— קומט אַרײַן מיט מיר אין פּאַרלאָר, איר'ט מיר העלפֿן אויסקלײַבן אַ פּלאַץ, וואו אוועקצושטעלן די ביכער, ס'הייסט דעם שראַנק. מ'דאַרף דאָך האָבן אַ שראַנק פֿאַר ביכער, ווי?

זי האָט אים כמעט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך.

— מיר איז עפּעס ניט גוט — האָט זי נאָך בלייכער ווערנדיג, קוים אַרויסגעשעפּטשעט — כ'האָב מורא, אַז כ'וועל באַלד חלש'ען. —

זי האָט זיך שוואַך אַנידערגעלייגט אויפֿ'ן בעט. ער איז געבליבן שטיין פֿאַר איר, ניט פֿאַרשטייענדיג. באַלד אָבער פֿאַרשטייענדיג, אָבער פֿאָרט ניט גלויבנדיג. זי האָט אים אַ שלעפּ געטון צו זיך. אירע אויגן האָבן געברענט, און גיריג, גלייך אויף אים געקוקט. אירע ליפּן זײַנען געווען טרוקן. אַ געפֿיל פֿון גליק — אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געפֿילט — האָט אַ שפּאַר געטון צום יונגנמאַנ'ס האַרץ. ער האָט געקוקט אויף איר פּנים, וואָס האָט זיך געבעטן בײַ אים:

— פֿרעמדער, האָב רחמנות אויף מיר, האָב רחמנות אויף מיר פֿרעמדער.

ח

אינ'ם משך פֿון עטלעכע וואָכן נאָכנאַנד פֿלעגט דער יונגערמאַן קומען צו איר אין הויז. אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך, בײַטאָג. דער מאַן איז אין יענער צייט קיינמאָל ניט געווען אין הויז. ער, דער מאַן, איר מאַן — איז בײַ איר איבערהויפּט געווען אַ מאַן? וועגן דעם האָט דער גליקלעכער יונגערמאַן, דער ביכער־אַגענט ניט געטראַכט, ניט געפֿרעגט בײַ איר, ווי דאָס וואָלט סײַ־ווי ניט געקענט גענומען ווערן אין חשבון. ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּאַסירונג, אַ

פּאַקט, ניט פֿון זיין וועלט, ניט פֿון דער וועלט, אין וועלכער ער האט זיך איצט געפֿונען, נאָר עפּעס פֿון א פֿרעמדער, א זייטיגער וועלט, ווי אין אן אַנדער, ווייטער מדינה, אין יאַפּאַן, צי אין קארייע. — איר מאַן האט בכלל נישט עקזיסטירט, נישט געלעבט — ער איז אין ערגעץ ניט געווען, איז אָפּגעווישט געוואָרן.

דער יונגערמאַן, דער ביכער־אַגענט, איז געווען צעטומלט פֿון שכרות, פֿון פֿרייד. ער האט מיט קיינעם וועגן דעם ניט גערעדט, קיינעם גאָרניט דערציילט. ער האט גערדיינקט, ער איז געווען זיכער, אז מען וועט אים סיי־ווי ניט גלויבן. ער איז דאָך אַלעמאָל געווען אזא שוואַכער, א נעבעכ׳ל, אָבער איצט איז זיין שטערן אויך אויפֿגעגאנגען.

וועגן אַזוינס, וועגן אזעלכע פּאַסירונגען האט ער בלויז געהערט פֿון צעלאָזענע חברים. אַז אזוינס זאל זיך מיט אים אויך טרעפֿן, האָט ער קיינמאל ניט געגלויבט. ער איז געווען א דער־שלאָגענער בחור, און האט זיינע אייגענע כחות ניט געוואוסט. און דאָ... ער איז ארומגעגאנגען די פּאָר וואָכן אין א טשאַד פֿון פלוצ־לונג אָנגעשטיגענער גבורה, פֿון אָנגעפֿלייצטן מוט און יוגנט, פֿון א גלויבן אין אייגענעם ווערט און כוחות, פֿון דער צעהיצטקייט פֿון א זיגער. ער האט זיך אויסגעגליכן, איז דוכט זיך, העכער געוואָרן. האט גלייך געקוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין, אָפֿן און אויפֿפֿאָ־דערנדיג ארייגעקוקט אין די אויגן פֿון פֿאַרבייגייענדיגע מענער. זוכנדיג און הונגעריג געשפּיזט זיינע בליקן אין די געזיכטער און לייבער פֿון די פֿרויען אויף די גאַסן.

ט

אַז דער יונגערמאַן איז איינמאל ווידער געקומען אַהין אין א נאָכמיטאָג — זייער באַקאַנטשאַפֿט האט שוין אָנגעהאַלטן אַ דריי־פֿיר וואָכן — האט ער אויסגעפֿונען, אַז דאס פּאָר־פֿאָלק האט זיך אַרויסגעקליבן. קיין אַדרעס האבן זיי ניט איבערגעלאָזן.

מיט א נאַכט צוריק — דעם זעלבן נאָכמיטאָג איז דער יונ־גערמאַן געווען באַ איר — האט די פֿרוי אויפֿגעוועקט דעם מאַן איר׳ן פֿון שלאָף, אים אריינגערופֿן צו זיך אין צימער, צו זיי אין צימער. דעם גאַנצן חודש האט זי אים געהאַלטן דערווייטערט פֿון זיך.

זי האט אים געהייסן זעצן זיך לעבן איר, אויפֿ׳ן בעט. ער האט זי געפֿאָלגט, ווי א קנעכט, ווי א שוועלהיטער האט ער זיך

געזעצט אויפֿ׳ן שפּיץ בעט. שטילערהייט, האָט זי אים עפּעס דערציילט, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. ער איז אויפֿגעשפּרונגען און אָנגעהויבן טאַנצן. ער האָט אָנגעהויבן לויפֿן ווי אַ דערשראָקענער גנב, פֿון איין פֿענסטער צום אַנדערן, און נידעריקער אַרונטערגעשלעפּט די שטאָרן. ער איז, אַ באָרוועסער, אַ האַלב־נאַקעטער, אין איינע הויזן געלאָפֿן זען, אויב די טיר איז פֿאַרריגלט. די טיר איז געווען פֿאַרריגלט נאָך פֿון אָנהויב נאַכט אָן. ער האָט זי אַליין צוגעשלאָסן, נאָר ער האָט זי איצט געמוזט ווידער אויפֿעפֿענען, פֿעסט צושליסן און אַליין, פֿאַמעלעכקע, זיכער, מיט די אייגענע הענט, נאָך אַמאָל פֿאַרריגלען. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַלע גאַז־פֿלעמלעך. אין מיטן דער נאַכט, אין אַ שלאָפֿנדיקן הויז, אין אַ פֿינסטערער פֿילמיליאָניקער, קאַלטער שטאָט, האָבן זיי געהיט דעם אָרט אין טונקעלער ערד, וואו אַן אוצר איז געווען באַהאַלטן. האָבן זיי געוואַרעמט באַהאַלטענערהייט אַן אייגענע, אייגענע פֿרייד, אַן אַרויסגעריסענעם גליק.

י

דער יונגערמאַן, דער ביכער־אַגענט, האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן די פֿרוי. ער האָט געהאַט איצט דאָס געפֿיל, ווי ער איז געווען אויף אַ גרויסער סעודה, און אין מיטן מאָלצייט, ווען זיין הונגער און דורשט האָבן, פֿון דער ערשטער באַפֿרידיקונג, זיך ערשט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערברענען, איז דער רייך־געדעקטער טיש פּלוצלונג אַוועקגעכאַפּט געוואָרן פֿון אונטער זיינע אויגן דורך אומגעזעענע הענט.

וואָס מיינט עס? ערשט נעכטן האָט ער זי געזען, און זי האָט אים גאָרנישט, גאָרנישט געזאָגט וועגן אַרויסקלייבן זיך. אָ, ער וועט זי אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן, נישט אַזוי גרינג. ער וועט זי אויפֿזוכן.

— אויסער דעם, — האָט ער צו זיך געזאָגט, ווען ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך זעלבסט, פֿאַר זיין: וועלן זי אויפֿזוכן און צווינגען זי צו זען אים — כ׳האָב דאָך נאָך איר ניט צוגעשטעלט די ביכער, און געלט האָב איך שוין יאָ געקראָגן — ניט שיין אַזוי. כ׳דאַרף נישט קיין געלט. כ׳דאַרף נישט קיין אומזיסט געלט.

נאָכאַנאַנד, טעג נאָך טעג איינגעשפּאַרט, האָט ער זי געזוכט. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט נאָך איר באַ שכנות, באַם לאָנדרימאַן, באַם גראָסער מאַן. נאָכגעשפּיאָנעוועט, געוואַרט און געשטאַנען דורך טעג, דורך אָוונטן, אין פֿאַרשידענע ערטער, וואו ער האָט נאָר פֿאַרדעכטיגט, געהאָפֿט, אַז זי וועט דורכגיין. ער האָט געפֿילט, ווי

מ'האָט ביי אים עפּעס ארויסגע'גנב'עט. ער האָט געזוכט צוריקצוקריגן זיין אייגנס. ס'איז שוין ביי אים אַריינגעגאנגען אין אזארט, אין נאָכיאָגעניש, אין א וועלן ארויספּרובירן זיך, אויב ער איז באמת שטארקער געוואָרן, אויב ער קאָן אויך נעמען, ר ו י ב ן, נישט נאָר ווארטן, ביז דער צופאַל וועט אים צוווארפן עפּעס, ביז א פרוי נאָר וועט זיך פאַרוועלן מיט אים א שטיף טאָן.

עס האָט דעם יונגנמאַן פאַרפאָלגט, ווי אַ מאַניע, ווי אַ משוגעת. ער איז גאָר איבערגעביטן געוואָרן. דער דאָזיגער שוואַכינ־קער און דאַרינקער מענש איז געוואָרן ווילד, טיריש־נאָכיאָגנדיג. ער האָט אויפגעהערט ארבעטן, ראַסטן און רוען, און זיין גאנץ לעבן האָט זיך איצט וואָלפיש געקלעפּט צו איין פּונקט.

ס'האָט באַ אים אָפּ גענומען עטלעכע מאָנאַטן ביז וואַנעז ער האָט דורכ'ן פאָסט־אָפּיס אויסגעפונען וואו זי וויינט.

יא

ער איז אַריינגעקומען אין איר הויז אין א שפּעטן נאָכמיטאָג און איז צוגעגאנגען צו איר מיט יענער האַלב־אויסגעלאסענער זיכער־קייט אין זיך, און זיין רעכט איבער איר, וועלכע איז ביי אים דורך דער צייט געבוירן געוואָרן. אַ אַ אַ אַ... זיינע ציינער האָבן געבליצט. ער וועט נעמען זיינס!

אַז די פרוי האָט אים דערזען, איז זי צועדשט געוואָרן בלייך ווי קאַלך, דערנאָך געל ווי די הויט פון אַ טויטן. יאָ. איצט, האָט זי געטראַכט, קומט די שטראָף. אַזוי גרינג קומט, הפנים, קיינעם ניט אָן זיין שטיקל גליק. נו, איז וואָס־זשע — — מען וועט זען, האָט זי געטראַכט. זי האָט א קוק געטון קריגעריש צו דער סטעליע און א בלייך געטון פאַר זיך אין דער שטיל. מען וועט שוין זען!

זי האָט דעם יונגנמאַן געהייסן זעצן זיך. זי איז געוואָרן רואיג, זייער רואיג, ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וויל מיט אים ריידן, ווענן זייער אַ וויכטיגן ענין. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, און איז געבליבן שטיין. זי האָט אים נאָכאמאָל אָנגעוויזן אויף אַ שטול. דערנאָך האָט זי מיט'ן זעלבן פינגער אָנגעוויזן אויף איר בויך. זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים.

ער איז געבליבן זיצן א צוגעקלעפּטער צום אָרט. די עזות, די אויפגעבלאָזענע זיכערקייט אין זיך, איז באַ אים מיט איינמאָל פאַר־שוואונדן. אויף זייער אָרט איז פון די טיפענישן פון האַרץ אנגע־שוואומען א קאַלטער שרעק. אָט דאס איז עס, אָ... נישט אומזיסט

האט ער אין דער ערשטער צייט ניט געגלויבט אין זיין נצחון. אַז וואס פֿון דעם האט זיך אויסגעלאזן... דאס איז, ווייזט אויס, איינע פֿון יענע פֿרויען, וועלכע פֿירן אייך אריין אין א בלאָטע, פֿאַרדרייען אייך אין א פּלאָנטער, סטראשען אייך דערנאך מיט׳ן געזעץ, הויבן אָן פֿון אייך זויגן נאָכאַנאַנד געלט, זויגן, זויגן... שוטה! ווי איז עס אים לכתחילה ניט איינגעפֿאַלן? וועלכע פֿרוי וועט עס דערפֿילן אַזאַ פּלוצלונגדיגע תאוה׳דיגע ליבע צו אַזאַ, ווי ער? ער האט נאך גע־דאַרפֿט קומען אהער!

אים האט געקלאפּט א קני אָן א קני. נאָר ער האט זיך לפֿנים וועגן אויסגעגלייכט, זיך א טרייסל אָפּגעטון, האט זיך אנגע־שטריינגט צו זיין אויף דער וואַך, צו אויסזען ניט אפּגעשראָקן. שטיל, אין זיינע געדאנקען, האָט ער שוין מיט איר אייגנגע׳טענה׳ט.

— וואס וויל זי פֿון אים? פֿון וואַנען ווייסט זי עס, אַז דאס קינד איז זיינס? אַז מען האט א מאן, מען קען ניט וויסן... און בכלל, פֿון וואַנען קומט צו אים געלט... אַז ער איז א בחור אַן אָרימער. וואלט ער שוין לאנג צוריק ניט חתונה געהאט, ווען ער וואלט געהאט געלט?

געזאגט האט ער אבער גארנישט. ס׳האבן אים געציטערט די קני. ס׳האבן אים געטרייסלט די הענט. ער איז געווען אנגעפֿילט מיט שרעק, מיט זאָרג. ער וואלט אפּגעגעבן אלץ אין דער וועלט, ער זאל מיט אמאל זיך דערזען דרויסן פֿון דעם דאָזיגן הויז, וואס ער האט אזוי לאנג געזוכט. ער האט ניט געקענט עפֿענען קיין מויל.

אָן זיינע בליקן האט זי פֿארשטאנען, וואס עס קומט פֿאָר אין אים. זי האט א קרומען שמייכל געגעבן, זי האט אים בארואיגט. אין א שטילן, גלייכן טאָן האט זי אים דערציילט דעם גאנצן אמת. זי האט זיך אַנטשולדיגט, פֿארוואס זי האט זיך ארויסגעקליבן פֿון יענעם הויז, און אים וועגן דעם פֿריער ניט געזאגט. עפּעס האט זי זיך אי געשעמט, אי געשראקן פֿאר אים... נאר איצט, אַז ס׳האט זיך שוין געמאכט אזוי, און ער איז ווידער געקומען צו איר, וויל זי אים זאגן, אַז זי דאנקט אים פֿון די טיפֿעניש פֿון איר הארץ. אַז זי פֿילט א חוב צו אים, א גרויסן חוב... ס׳איז איר אזוי שווער... זי פֿילט זיך, ווי א גנב׳טע און זי בעט אים:

— זאָל ער אויף איר רחמנות האבן און זי קיינמאל מער ניט קומען זען.

דער פּרעמדער יונגערמאַן האָט גענאַפּט, איז געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל, האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. ער האָט אָנגעקוקט די מאָדנע אומבאַקאַנטע פרוי מיט גרויס וואונדער. ס'האָבן זיך אין אים גערעדט, געשטויסן פאַרשידענע געפילן. די דאָזיקע פרוי — זי איז אים אַ פרעמדע. זי האָט אים איינגעשלעפּערט מיט אַ ליבע־געטראַנק, כדי באַ אים ארויסצוגנב'ענען אַ שטיק לייב, אַ לעבן. זי איז אים אַ גאַנטע. דאָס איז דאָך זיין ווייב, וואָס טראָגט אין אירע לענדן זיין קינד.

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיינע פריערדיגע שלעכטע געדאַנקען וועגן איר. גאָט, ס'אַראַ עגאָאיסטישער, קליינינקער, קליינלעכער מענטש ער איז עס. אַלעס שלעכטס, דערנידעריגנדיגס, וואָס ער האָט ווען עס איז געטראַכט וועגן זיך, איז אים איצט אַרויפגעשוואומען, מיט אַ זיכערקייט און געוויסהייט זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן. יאָ, ס'איז ניטאָ וואָס צו צווייפלען — אַזאַ שוואַכער, דערשלאָגענער, לאַ־יצלח'דיגער־מענטש, ווי ער איז, קען בכלל קיין שיינע געפילן ניט האָבן. דאָס זיינען די זינער, די שטאַרקע, די רייכע אין זייערע לעבנס־דערפאַרונגען, וועלכע קענען זיין פאַרשווענדעריש. זיי האָבן שיינע געפילן — — — ער איז בלויז אַ באַ'גנב'עטער, אַ באַ'גזל'טער. ער פאַרלירט זיך פון אַ קליינינקייט. פון אַ גאָרנישט וואַקסט ער באַ זיך אויס צו אַן אומגעהייערער גרויס, וואַקסט אַריין אין די הויכע הימלען. ווי אַ נישטיג וואָרים, וואָס האָט קיינמאָל דעם טעם פון זינד ניט פאַרזוכט, זוכט ער אויס און באַלעקט זיך אויף זינד, וואו זי איז גאָר ניטאָ. ער האָט זיך געפילט קליין און נישטיג קעגן דער דאָזיגער פרוי, וועלכע איז אים וואָס אַ מינוט אַלץ געוואָרן פרעמדער, אומבאַקאַנטער און העכער.

דורך זיינע צעטומלטע געדאַנקען האָט ער געהערט, ווי זי האָט נאָך אמאל איבערגע'חזר'ט איר בקשה, ער זאָל אַוועקגיין. ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיין אָנגעבלאָזענע, אַרויפגעצויגענע, ניט־אויפריכטיגע אויסגעלאַסענע בראַוואַדאָ, מיט וועלכער ער איז אַהערגעקומען, איז שוין איצט איינגעצן פון אים אַראָפגעפאַלן, ווי אַ פרעמד היטל. ער האָט זיך געפילט איינגעקאָרטשעט, אויסגעלייזיגט, ווי אַ אויפגעבלאָזענער באַל וואָס איז דורכגעלעכערט געוואָרן. ער האָט בימער געטראַכט:

— אָט דאָס האָט זיך אויסגעלאָזן פון מיין גאַנצן זיג...

יג

ער איז שוין געווען בא דער טיר, ווען ער האט זיך אומגע־קערט, אַרויסגענומען פֿון קעשענע צען דאָלאַר און זיי אוועקגעלייגט אויפֿ'ן טיש.

— וואָס? איר ווילט מיר נאך באַצאָלן? — האָט ער מיט אַ באַליידיגטן בייזער געברומט.

זי האט גארניט געענטפֿערט. זי איז געבליבן שטיין אומבאַ־וועגלעך און שווייגנדיג. ער האט זיך ווידער געלאָזט גיין צו דער טיר מיט אַן איינגעבויגענעם, דערשלאָגענעם, אָרימאַנישן רוקן.

אַז ער האט שוין אָבער געהאלטן די קליאַמקע, האט ער קיין כח ניט געהאט זי צו עפֿענען. ער האט זיך ניט געקענט ארויסרייסן פֿון דאנען. בלינדערהייט האט ער געהאט דאס געפֿיל, אַז דאָ איז זיין היים. און דא לאָזט ער איבער א שטיק אייגנס. שטייענדיג אַזוי מיט'ן פנים צו דער טיר, איינגעבויגן, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וואָלט געווען דאנקבאר, ווען אימעצער גיט אים א שטופּ פֿון הינטן, וואַרפֿט אים ארויס. ער איז געשטאנען און געוואַרט אויף דעם.

נאָר הינטער אים איז אַלץ געווען שטיל. די שטילקייט הינ־טער אים איז געווען געדיכט, איז וואָס אמאל אַלץ געדיכטער, פֿולער און שטייפֿער געוואָרן, און האט אים שווייגנדיג, שווייגנדיג און עקשנות'דיג, געשטופּט, געשטופּט אין דרויסן. ער האט זיך געבויגן, געקאָרטשעט, זיך געקלעפּט צו דער טיר, ווי געשמיסן דורך אַ שטאַרקן, שטילן ווינט. און איידער ער איז סוף־כל־סוף דורכגעשטופּט געוואָרן דורך דער טיר, האט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח, זיך נאך אמאָל אומגע־קערט, אָנגעשטעלט אַ פֿרעגנדיגע האַנט אין דער לופֿט, ווי אַן איינ־זאַמער אלטער הונט, וועלכער בעט עפּעס.

— אָבער ס'קינד... ס'איז דאָך דאָ אַ קינד?

זיין ביטערקייט קעגן זיך האט זיך אין אים נאך מער גע־שטאַרקט. גאָט, ס'אַרא אומגליקלעכער ער איז, ס'אַראַ שלימזל, ס'אַראַ פֿאַרשטויסענער... ער האָט קיינמאל ניט געהאט דעם מוט צו חתונה האבן, צו האבן א קינד. עפּעס האט ער זיך געשראָקן פֿאַר־דעם אַלעם. און איצט, אַז ער האט שוין יאָ אַ קינד. — — —

די פֿרוי האָט זיך אַ ריר געטאן — ווי א שטיין וואָלט זיך אַ ריר געטון, פֿארשטיינערט, קאַלט, אומבאוועגלעך איז זי די גאַנצע צייט געשטאנען, זי האט אויף אים געקוקט און אלץ מאָדנע גע־טראַכט, אַז זי פֿילט צו אים גארנישט, ווי נישט ער וואָלט געווען דער טאטע פֿונ'ם קינד. ער איז א פֿרעמדער, אַ צופֿעליגער, אַ זיי־

טיגער אין איר לעבן. נאָר צום סוף האט זיין דערשלאָגנקייט, זיין נכנע׳דיקייט איר פאַרקלעמט דאס הארץ. וואָלט ער כאָטש ארויס־געוויזן גראָבקייט, גבורה, כעס — וואָלט זי געוואוסט, וואָס צו זאָגן אים. אָבער אַזוי — — —

— זייט מיר מוחל, — האָט זי שטיל געזאגט. — כ׳האָב גע־זינדיגט קעגן אייך.

אין דער מינוט האָט זיך פון א זייטיגן חדר ארויסגעשטעקט איר מאנ׳ס קאָפּ, און דערנאָך, — ציטערדיג פארשעמט, שולדיג — זיין גאנצער גוף. ער איז געווען בלייך. ער האט זיך פון יענער זייט טיר צוגעהערט די גאנצע צייט צו אלץ, וואס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האט אָנגעשטעלט אויפ׳ן יונגענמאן אַ פּאָר בעטנדיגע בליקן, פונקט ווי א יורש, וועלכער האט זיך שוין איינגעלעבט אין דעם גע־ירש׳נטן האב־און־גוטס און באטראכט עס ווי אייגנס. קוקט אויף דעם קרוב, וועלכן אלע האבן שוין לאנג געהאלטן פאַר געשטארבן, און וועלכער האט זיך פלוצלונג, אומגעריכטערהייט, אומגעקערט.

פון דעם מאנ׳ס קוקן האט דער יונגערמאן נאך שטארקער דערפילט, אַז ער איז דאָ טאקע א זייטיגער, ווי׳ נישט ער וואָלט געהאט כאָטש אַ ברעקל רעכט אויפ׳ן קינד, נאָר יענער, דער מאַן אירער, דער, צו וועמען זי האט פון איר ערשטן כלה־טאָג געהערט, וועלכער איז געווען איר מאַן פאַר גאָט און פאר לייט. יאָ, וואָס ניכער, וואָס גיכער. ער דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן.

אַז ער האָט נאָכאַמאָל, דאָס לעצטע מאָל, אויפגעהויבן זיינע בליקן, זיינען ביידע, אי מאַן, אי ווייב, געשטאַנען פאַר אים מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. צוויי פּאָר זיך־בעטנדיגע, דאנקבארע אויגן, זיינען געווען אָנגעהאַנגען אויף אים:

— פרעמדער, פרעמדער פאַרלאָז אונז. האָב אויף אונז רחמנות.

דער יונגערמאַן האָט טיפער אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין זיין קאָלנער און איז אין איילעניש ארויסגעשטויסן געוואָרן דורך זייערע בעטנדיגע בליקן.

איבער דער שטארק צוגעקלאַפּטער טיר, האָט די הייגנענדיגע לאָמפּ אָנגעהויבן ציטערן. פון דער סטעליע איז ארונטערגעפאַלן אַ שטיקעלע קאַלך. די פרוי האָט אויפגעהויבן אירע פייכטע בליקן צום סטעליע:

— גאט, האב אויף אונז אלעמען רחמנות, אויף אלעמען.

אַרום דער הייגנ־לאָמפּ האט נאך שטיל, פאַרגייענדיג, גע־ציטערט די לופט.

א פּיפּקע פֿון מערשוים

7

1

אַ פֿויגל, ווען דער פֿראָסט לאָזט אָפּ, אַרום אַ ווינטערדיגן מיטאָג־צייט, אַז די זון־שטראַלן ווערן אויסגעגלייכטער און גראַדער איבער׳ן קאָפּ, און דער שניי און די אײַז־פּלעכטלעך הויבן אָן צו קאַפּען, — ווייסט איר, ווי ער פֿילט זיך דאַמאָלס?

אָליע איז אַרומגעשפּרונגען איבער די דורכגאַנגען פֿון דעם דעפּאַרטמענט־סטאָר, אָנגעשטאָפּטע מיט מענשן. עס קאָן זיין, אַז זי איז ניט אַרומגעשפּרונגען, טאַקע גראָד דערפֿאַר, ווייל די דורכגאַנגען זיינען געווען אַזוי געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט מענשן, קויפֿער און אָנקוקער. אָבער אינווייניג בײַ איר, אין האַרצן און אין קאָפּ, האָט עס אַרומגעשפּרונגען, געטאַנצט און געלויכטן פֿון פֿרייד. ליכטיג האָבן געגלאַנצט די אויגן מיט זייער סאַרער פֿאַרב. א גערויטלטקייט האָט זיך געשפּילט אויף די באַקן. א יונגע כלה, וואָס דאַרף זיך זען מיט איר איינציגן, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך א לאַנגע צייט ניט געזען.

איך האָב פֿריער דערמאָנט א פֿראָסט און ווינטער און שניי, און אײַז פּלעכטלעך, וואָס הויבן שוין אָן צו קאַפּען. איך האָב נאָך אויך געקאָנט זאָגן: „און אײַזיגע ליכטלעך, וואָס ברענען אין דער באַטאָגיגער זון מיט א קאַלט־בלויען פֿייער”. נאָר עס איז ניט וויכטיג. איצטער איז דאָך שוין סײַ־ווי מער ניט ווינטער. עס איז שוין פֿרילינג זייט עטלעכע וואָכן.

דער דרויסן איז וואַרעם־ליכטיגלעך. גראָזן שפּראָצן שוין אַרויס פֿון די שטיינער־שפּאַלטן. אויף די שפּיצן פֿון די נאָך הוילע צווייגן עפּענען זיך מײַלעכלעך.

און ס׳איז אויך פּסח־צייט. פֿרילינג און פּסח. דער קול פֿון דער טירטל־טויב האָט זיך געלאָזט הערן אין אונזער לאַנד. דרעמלענדיגע וואַסערן צעווינגן און צעשפּרייטן זיך און פֿלייצן אריבער אויף יענער זייט ברעג.

2

איז אָליע אַזוי ארומגעשפּרונגען א פֿריידיגע, זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די פֿילע קונים און סתם־עולם. זי האט איינגעקויפֿט אזוי פֿיל זאַכן: ים־מויערלעך, גלאַטע, פּאָלירטע שטיינדלעך, בורשטינענע קרעלן.

און אַ פּיפּקע פֿון מער־שוים.

דער טאָג איז ליכטיג, ברידער. זוניג און גאָלדיג פֿלייצט דאס בלוט אין די יונגע אָדערן, און די גלידער ווערן שטייף און בויגיג, ווי יונגע בוימער־ריטלעך.

אָליע איז געקומען א היים, א באַלאָדענע מיט אזויפֿיל זעקלעך און פּעקלעך, און אָנגעפּילטע מיט בלויע געדאַנקען און דעם ליכטיגן אָפּשיין פֿון לאַנג־פֿאַרגאַנגענע גאָלדענע טעג. יא, כ׳האב מיך פֿאַרגעסן צו דערציילן: בלומען האט זי אויך געקויפֿט. בלוט־רויטלעכע און בלוט־ברוינע געראַניומס און „קארניישאָנס". זי האט זיי ארייננעשטעקט אין די שמאָלהעלזיגע קרישטאָלענע בלומען־וואזעס, וואס האבן אויסגעזען ווי אָפּגעדרייטע העלזער פֿון גלעזערנע גענז.

אַז זי האט געהאלטן אין אריינגיסן קאלט, פֿריש וואסער אין דעם שמאָל־לייגלעכן קריגעלע, ווי א פֿילפֿאַרביג־געמאָלענער פֿרויען־אָרעם, אין וועלכן עס האבן געשטעקט די ריטלעך פֿון די „פּוסי־ווילאוס", דערהערט זי, ווי איר מאַן פֿרעגט באַ איר איבער איר אַקסל:

— זע נאָר, ס׳ארא יום־טוב דו מאַכסט עס היינט אין הויז... וואס איז די שמחה אויף דיר?

אַ פֿאַרפֿלאַמטע האט זי זיך אומגעקערט צו אים. אירע בעקלעך האבן געבליט. אירע לאַנגע געפֿאַרבטע וויעס האבן באדעקט די אויגן און אָפּגעשאָטנט האַלב־קיילעכדיגע רעדעלעך אונטער זיי. זי האט אָבער ניט געקאָנט ארויסלאָזן קיין איינציג וואָרט. אירע ליפּן האבן געציטערט.

האט זי אויסגעקוקט אזוי קינדיש־ליבלעך — און אליין האט זי שוין א קינד געהאַט! — און אומבאַהאלפֿן, אז דער מאַן אירער האט זיך צוגעבויגן צו איר און האט איר א קוש געגעבן אין דאָס „לעפּעלע" פֿון איר רויז־דורכזיכטיגן אויער׳ל.

אַ קעלט איז איר דורכ׳ן לייב דורכגעלאָפֿן. דאס רויט־קלאַפּנדיגע האַרץ האט זיך אָפּגעריסן פֿון די קליינע פֿעדימלעך, אויף וועלכע עס איז געהאנגען, און אָנגעהויבן זינקען, זינקען. אַ נאַסלעכער און א פֿרעמדער האט זיך דער קוש איר געקילט אויפ׳ן באַק.

און גלייך אויפ'ן שטעל, וואס עס האט נאך קיינמאל ניט פּאַסירט מיט איר פריער, איז איר איינגעפאַלן אין געדאַנק, אז דער מאַן אירער איז איר א פרעמדער...

נו. נאַרישקייטן? וועלכער מאַן איז דען ניט פריער אַ פרעמ־דער? זי געדיינקט נאָך דעם וויץ: אַ כלה האט א מאל צו באַ־דעקנס שטאַרק געוויינט. אז די מאַמע איז צו איר צוגעגאַנגען און זי געפרעגט: קינד מיינס, פאַרוואָס וויינסטו? חתונה האבן איז דאך ניט אזוי שרעקלעך — אָט זעסט, איך האב דאָך אויך אמאָל חתונה געהאַט! האט די כלה־טאָכטער געענטפערט: "יאָ, דו האסט דאָך אָבער חתונה געהאַט מיט'ן טאַטן, און איך וועל חתונה האבן מיט א פרעמדן מאַן..."

ס'אַראַ נאַרישע מעשה, האט אָליע א צעפלאַמטע געטראַכט. ס'האט איר פאַרדראָסן אויף זיך, וואס אזעלכע נאַרישע מעשיות פלאָנטערן זיך איר אין קאָפּ. און געטריבן האט זי פון זיך דעם עקשנות'דיגן געדאַנק, אז דער, מיט וועמען זי האט באדארפט חתונה האבן, געפינט זיך גאר ניט דאָ אין הויז. איר חתן איז איר געבליבן אן אייביגער חתן... ער איז געווארן אימעצנס אנדערש'ס אַ מאַן, און אן אנדער מיידל'ס חתן איז געוואָרן איר מאַן.

3

— זע נאָר, ס'אראַ שיינע מתנות דו האָסט עס מיר געקויפט! ס'אַראַ אמת־דיינער געקאָכטער מער־שוים. היינט די טרייבל — די טרייבל איז דאך פון ריינעם בורשטין! איז עסווירקלעך פאַר מיר, מיין ווייבעלע?

איר האַרץ האט זיך דאָך איצט געפונען אין בורשטינענעם פּיפּקע־טרייבל, אין וועלכען זון־שפּיזן האבן זיך געבראָכן, און דאס געפינט זיך באַ א פרעמדן אין די הענט!... ווי א קליין עופה'לע אין קעלט, האט איר האַרץ דאָרט זיך געצאַפּלט, אירע אויגן האבן דערשראָקן, בעטנדיג־זיך געקוקט אויף דער פּיפּקע.

— ניין־ניין. דאס איז ניט פאר דיר. לייג עס אוועק, איך בעט דיך.

— ניט פאר מיר? נו, איז נישט.

ער שווייגט א ווײַלע.

— אפשר וואלטן מיר ארונטערגעגאנגען מיט'ן קינד אביסעלע אין גאס ארוים? אין דרויסן איז אזוי ווארעם און זוניג.

אַליע האָט שוואַך־צעבראָכן אַ קרעכץ געטון און אַ רחמנות׳־דיק מינעלע דערביי געמאַכט:

— ניין, ליבער. דו גיי בעסער אַליין אַרונטער. פֿאַר מיר איז עס נאָך צו קאַלט. די דאָזיגע פֿרילינגדיגע וואַרעמע טעג און זונען — מען קאָן זיך אויף זיי ניט פֿאַרלאָזן... איך האָב איצט אַביסעלע וואַרעמקייט. כ׳ווייס, מסתמא גאָרנישט... נאָר מען קאָן ניט וויסן. כ׳קאָן נאָך כאַפּן אַ פֿיבער, אַ פֿרילינג־פֿיבער.

ער האָט צוגעלייגט די האַנט צו איר שטערן. זי האָט אַ ציטער געטאָן אונטער זיין ריר. זיכער, זי האָט אַביסל וואַרעמקייט — האָט דער מאַן פֿאַרזאָרגט אַ טראַכט נעגעבן — גוט, דו בלייב בעסער אין שטוב. איך וועל אַליין אַרונטערגיין. בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע. וועל באַלד קומען צוריק.

און איז אַרויס.

— ס׳אַרא גוטער מאַן ביי מיר... אַ גוטער, אַ גוטער, אַ גוטער...

ער טוט דאָך אַלץ פֿאַר מיר... ער האָט אַפילו ניט געפֿרעגט, פֿאַר וועמען, די פּיפּקע איז געקויפֿט געוואָרן!

אין דער מינוט האָט זי געפֿילט צום מאַן אַזאַ דאַנקבאַרקייט... אָבער אין דער צווייטער מינוט איז זי צו דער פּיפּקע צוגעפֿאַלן, אַריינגענומען עס אין די הענט, צוגעדריקט צום האַרצן, געוואַרעמט עס ווי אַן עופּה׳לע, צוגעלייגט צום מויל, געקושט עס, געבלאָזן אויף דעם מיט איר וואַרעמען אָטעם, און געוויינט און געלאַכט.

אפשר האָט זי שוין געהאַט פֿרילינג־פֿיבער?

4

דאַ דערהערט זיך אַ קלונג פֿונ׳ם טיר־גלעקל.

אַליע איז צוגעפֿאַלן צו דער וואַנט, שיר ניט אין חלשות. איר האַרץ האָט אַזוי העפֿטיג געקלאַפּט. נאָר זי האָט זיך באַלד געשטאַרקט, אַנגעהויבן צו פֿאַרריכטן אירע האָר, איר קלייד. און די פּיפּקע פֿאַרזיכטיג אַוועקגעלייגט אויפ׳ן ווייסן טישטוך, אין דער שיסל פֿון געשליפֿענעם גלאָז.

אַ ווײַלע האָט זי אַזוי שטייענדיג, געוואַרט, עטוואָס איבער־געבויגן פֿאָראויס. ווי אַ דינער וואַסער־ראָד, ווי אַ זיך־צוהערנדיגער אינד. נאָר אַז דאָס האַרץ האָט נאָך שטאַרקער געקלאַפּט, האָט זי עס אָנגעהויבן דריקן מיטביידע הענט. ווי וועלנדיג פֿאַרשטאָפּן עס וואָס ווייטער אינעווייניג אַריין, אַז אין דער חדרים־שטילקייט זאָל זיך

ניט הערן דאָס אומרואיג ״קל־קל־קל״ פֿון דער רויט־בלוטיגער, צאפּלדיגער באַרגע, וואָס אין דער ברוסט.

עס האָט זיך ווידער דערהערט א קלונג. אָליע האט זיך דער־מאנט, אז זי האט גאר ניט אפּגעענטפֿערט דעם ערשטן.

איז זי געגאַנגען עפֿענען די טיר.

און אין א פּאָר מינוטן ארום איז זי געשטאַנען אין אויפֿנאַמס־צימער, און אלע קאָלירן האָבן זיך געמיניעט אויף איר פּנים. צום סוף איז דאָס פּנים געבליבן בלייך, וויים־בלייך, ווי בּאַ איינעם, וואָס איז אָקאָרשט אויפֿגעשטאנען פֿונ׳ם קראַנקן־בעט.

איר אַנטקעגן איז געשטאַנען קלעמענטין, א קליינינקע, א לעבעדיגע, א ריִרעוודיגע, א קוועזילבערדיגע, און האט שעלמיש־שקאָציש געשמייכלט, ווי זי וואָלט אָקאָרשט א געהיימען שפּיצל אָפּגעטון.

אַליין. זי איז געווען אַליין.

5

בשעת די בלייכע פֿארב האט זיך געהאלטן אין איינשטעלן אויף אָליע׳ס פּנים, האָט זי זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זי זאָל פֿרעגן, צי ניט. בּאַ איר איז געבליבן, אַז עס איז גלייכער, זי זאָל נישט פֿרעגן. און איר פּנים איז שוין געוואָרן אינגאנצן בלויך, ווען זי האָט געפֿרעגט:

— גאָר אליין, ק ל ע ם ? און וואו איז ע ל ? כ׳האב געמיינט, ער וועט אויך קומען ?

בּא קעלעמענטינ׳ען באווייזט זיך ארום די ליפּן־ווינקלען אַ קוים באמערקבאר שטיפֿערישער, ו ו י י ס נ ד י ג ע ר שמייכל. באַלד פֿאַרשווינדט ער פֿון די ליפּן־ווינקלען און שפּרינגט אַריבער אין די אויגן אַריין, די אויגן הויבן דאמאלס אָן גלאנצן, נאָר מען קאן נישט ווייסן, פֿאַרוואָס זיי גלאַנצן — ס׳איז דאך פֿרילינג, ס׳איז דאך פֿרילינג.

בּא אָליע׳ן באווייזט זיך א פֿאַרב אין פּנים. זי לאַכט זיך דראָ־בנע פֿאנאנדער.

— זע נאָר, כ׳בעט דיך אפילו ניט, זאָלסט זיך צוזעצן, זיץ, וואָס שטייסטו ?

אינ׳ם ליכטיגן נעפּל אין וועלכן איר קאָפּ איז איצט ארומ־געשוואומען, לייכט און שווינדלענדיג, האָט אָליע געהערט ווי ״קלעם״ קלאפּט מיט איר באוועגלעך צינגל, ווי א בושל, ווען ער פֿאר־

ווארפֿט דעם האלז, פלאַפּלט, פּאַטשמאַקעט זיך אלע ווײַלע און שמײכלט אונטער, ווי זי וואָלט עפּעס אַזוינס פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס מען דאַרף ניט ריידן:

— א דאַנק — מצ — איך זײַ א גאַנצן טאָג, פֿאַרשטייסט — מצ — ער האָט טאַקע געוואָלט קומען, אַלעקס — מצ — נאָר ער איז מיד פֿון דער אַרבעט, פֿאַרשטייסט, קאָן פֿון שטוב ניט אַרויס — מצ — און וואָס מאַכסטו עפּעס אָליעלע?

און זי איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אָליע'ן, און זי אָנגעהויבן צו קושן און צו האַלזן. איר האַנט האָט זיך פּאַמעלעך גענליטשט איבער אָליע'ס רוקן, זיך הינטערווײַלעכטס אַרונטערגעלאָזט אויפֿ'ן טיש, און זיך באַלד אויפֿגעהויבן, ווי פֿון טיפֿן וואַסער אַרויס.

— אָ, זע נאָר, ס'אַרא שיינע זאַך — איז זי אָפּגעשפּרונגען. — פֿאַר וועמען האָסטו עס געקויפֿט?

קלעמענטין האָט הויך אויפֿגעהויבן די פּיפּקע פֿון מערשוים, ווי אַ וואַסער־טויכער א פּערל, און זיך געשפּיגלט אין דעם, און זיך גאָרניט געקאָנט אָנזעטיגן. — ווען איך וואָלט אַזוינס געקאָנט קריגן פֿאַר מײַן על'ן. אָ! וואו האָסטו עס געקויפֿט, אָליעלע? פֿאַר וועמען, האַ?

אָליע האָט איר קאַלט־שמײכלענדיג, בײַז אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן:

— אָ, דאָס... געפֿעלט עס דיר, ווירקלעך? דאָס האָב איך געקויפֿט אַ מתנה פֿאַר מײַן מאַן. הײַנט איז, פֿאַרשטייסטו מיך, זײַן... געבורטסטאָג. כ'וויים נישט געני, אויב ס'איז זײַן געבורטס־טאָג... אָבער עפּעס איז בײַ אים הײַנט.

און מיט שטילן באַדויערן:

— וואָלט איך געוווּסט וויסן, אַז אַלעקס'ן וואָלט אויך געפֿעלן געוואָרן אַזאַ פּיפּקע! — אַנטשולדיג מיר אויף א מינוט.

זי איז אויף גיך אַרויסגעלאָפֿן אין צווייטן צימער, ווײַל זי האָט געדאַרפֿט דאָרט עפּעס. און אַז זי איז שוין געווען דאָרט איז זי צוגעפֿאַלן צום קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע, זיך געביסן די גראָבינקע פֿינגערלעך און געזונגען אַ לידל, וואָס עס האָט געהערט אמאָל, פֿאַר'ן געבוירן ווערן.

אָליע האָט דאָס קינד געקושט, געהאַלזט, האָט געטראַכט, אַז זי, אָליע, איז א שלעכטע, א מיאוס'ע, אַז אַזוינס, ווי זי, פּאַסט זיך גאָרניט פֿאַר א מוטער.

6

באַלד איז זי צוריק אריינגעקומען.

— קלעמענטין, טייערע, אפשר וואלטן מיר ארונטערגעגאַנגען אין גאַס אַריין? עס איז זייער ניט שיין אפילו פֿון מיין זייט, איך זאל דיר מאַכן אַ פֿאָרשלאַג, ביזט דאָך ערשט אריינגעקומען. נאָר אין דרויסן איז אזוי שיין, אזוי זוניג, אזוי וואַרעם — ס'איז אַ רחמנות אויפ'ן קינד, עס איז נאך היינט אין גאַס ניט געווען, און טאַקע איך אויך — ווייסט דאָך: איך האב אַ שוואַך האַרץ. מיר וואלט אויך ניט געשאַדט זיך דורכצוגיין אַ ביסל אין אַזאַ מחיה'דיגער לופֿט...

זיינען זיי ביידע ארונטערגעגאַנגען.

אויפ'ן וועג, אין דער ליכטיגער זון, אונטערטאַנצנדיג לעבן דעם קינדער־וועגעלע, רופֿט זיך אָן קלעמענטין:

— קום, אָליעלע, לאָמיר גיין מיט דער גאַס — גיב, איך וועל דיר שטופּן דאס וועגעלע — דיר איז דאָך שווער. ניין? — פֿאַרשטייסט, מיט דער גאַס וועלן מיר דאָך באַלד פֿאַרבייגיין אונזער הויז — שאַ, אפשר וואלסטו טאַקע ארויפֿגעקומען צו אונז?

„אפשר" האט זי געזאגט... אָליע האט געטראַכט:

— אָ, די דאָזיגע ספּריטניניקע מכשפה'לה... זי איז דאָך אַזאַ אייפֿערזיכטיגע און ווייס דאָך אַלץ וועגן דעם, וואס איז אמאָל פֿאָר־געקומען צווישן מיר און אלעקס'ן — דאס לאַדט זי מיך דאָך איין צוליב איידלקייט בלויז — זי דערוואַרט פֿון מיר, איך זאל זיך אָפּ־זאָגן — גוט — איך וועל איר אָפּטאָן אַ שפּיצל — איך וועל טאַקע דאָ ארויפֿגיין צו איר אין הויז — און זאל זי פּלאַצן פֿון כעס און אייפֿערזוכט — כאַ, איכ'ל איר ציינגן „איידלקייט"...

— ניין, צוליב וואס? כ'וועל דאָך דאַרפֿן באַלד זיין צוריק אין דער היים, קלעמענטלע... האט אָליע געענטפֿערט, — און איז גע־גאַנגען צוזאַמען מיט קלעמענטינ'ען אויף דער גאַס, וועלכע האט געפֿירט פֿאַרביי דער לעצטער'ס הויז.

7

אז זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צום הויז, האט אָליע אָנגע־הויבן פֿילן אַ דערדריקטקייט און אראָפּגעפֿאַלנקייט פֿון אייגעם, וועלכער האט צופֿעליגערהייט פֿאַרבלאָנדזעט צו אַ זייער גוטן פֿריינט אויף אַ שמחה'לע, צו וועלכער מען האט אים ניט איינגעלאַדן. זי האט זיך אָפּגעשטעלט:

— נו, דאָ זעגענען מיר זיך.

— וואָס, גייסט טאַקע ניט אַרויף? — אויף קלעמענטינ׳ס פּנים האָט זיך דאָך אויסגעשפּרייט אַזאַ פּאַרדרוס און איידל באַדויערן, נאָר אָליע האָט אַזוי קלאָר געזען, ווי אַ ביטערע נצחון־שמייכעלע ציט זיך דורך אויף אירע ווינקל־ליפּן.

אויף אירע, אָליעס, ליפּן, איז אויך געווען אַ שמייכל, נאָר באַ איר האָט ער זיך זיכערער און אָפֿענער אָנגעזען: איז ער דאָך געווען באַ איר אַ שמייכל פֿון פֿרײלעכקייט און דאַנק!

זי האָט געענטפֿערט:

— ניין, אַ דאַנק, איך קאָן ניט גראָד איצט. איך מוז אַרויף צום דענטיסט.

— צום דענטיסט?

— יאָ, דאָ ניט ווייט, אויף דער דריטער גאַס פֿון דאַנען.

8

און די פֿרילינגדיקע זון האָט נאָך אַלץ געלויכטן. קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט אינ׳ם ליכט, זיך געקושט, זיך געשלאָגן, זיך אַרומגעוואָרפֿן אויפֿ׳ן ברוק, געוויינט און ווידער געלאַכט. ריטשקעלעך מוטנע וואַסער האָבן זיך געגאָסן פֿון די צעלאָזענע שנייען. ווראָבליעס און רויט־בריסטלעך האָבן געטרונקען דאָס וואַסער. געשטילט דעם דורשט, האָבן זיי זיך צעצוויטשערט און אַרומגעפּאָרכעט אין דער לופֿט, פֿאַר׳שכור׳טע.

אויף גיך איז אָליע געגאַנגען, שטופּנדיק דאָס וועגעלע פֿאַר זיך. ווי אין היץ איז זי געלאָפֿן, אַנטלאָפֿן. מורא געהאַט אומצוקערן זיך, טאָמער קוקט איר קלעמענטין נאָך.

זי האָט זיך אַליין געוואונדערט: ווי איז עס איר איינגעפֿאַלן אַזאַ תירוץ! איצט איז זי געווען מיד. אין איר גאַנצן גוף האָט דאָס בלוט געציטערט און געקלונגען און אויפֿגעפֿלאַקערט דאָ און דאָרט אין קליינע פֿייערלעך. די פֿיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן. אַ שווייס איז איר אַרויס אויפֿ׳ן שטערן. אָ, ס׳איז קיין שפּאַס ניט — זי וועט נאָך באמת קריגן היץ אין דעם דאָזיגן אומבאַשטענדיקן פֿרילינגוועטער.

אַז זי האָט שוין געהאַט פֿאַרקערעוועט דאָס וועגענדל אויפֿ׳ן וועג צוריק אַ היים, האָט זי זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן און שיר אומגעפֿאַלן.

פֿון דער ווייט, פֿון יענער זייט ראָג, קוקן אויף איר אַרויס אַפּאָר ביטערע־שמייכלענדיקע אויגן!

אפשר האט זיך עס איר בלויז אויסגעדוכט? נאָר וואס איז דער חילוק, אז ס'דוכט זיך אויס, איז דאָך שוין גענוג.

אָליע'ן איז איינגעפֿאַלן דאס האַרץ:

— קלעמענטינ'ס אויגן... אָ, זי האט גלייך געמוזט פֿאַר־שטיין דעם ליגן. אלענפֿאַלס, פֿאַרדעכטיגט זי. און גייט איר איצט נאָך, זען אויב זי וועט טאַקע אריין צו א דענטיסט.

אָליע האט זיך דערפֿילט אומבאַהאָלפֿן, פֿאַרלוירן. איר פנים האט זיך געצונטערט, ווי מען וואלט זי אָקאָרשט געכאַפּט ביי א מיאוס'ער זינד און די גאנצע וועלט וואלט אויף איר געקוקט. זי האט זיך געמוזט אָנשפּארן אן א טויער־וואַנט, אויף וועלכער דאס זון־ליכט האט געוואַרעמט די געלע ציגל. אן אפגעשוואַכטע האט זי פֿארמאכט די אויגן.

9

אַז זי האט זיי ווידער געעפֿנט, האט זי זיך א כאפּ געטאָן ווי פֿון חלום ארויס. זי האט פֿאררעכט אירע האר, ווי א מיידל, וועמען איינער האט א שטיקל צייט געהאלטן אין זיינע ארעמס קענן איר ווילן און אירע האר אין אומאָרדנונג געבראכט. זי האט זיך אזש א טרייסל געטאָן און עטוואס פֿון זיך אראפּגעווארפֿן.

איר פנים איז געווען בלייך, קאלט.

זי האט זיך ארומגעקוקט. נאר איצט — שוין אָן שרעק, מיט א פֿארפֿאלענעם און גרייטן בליק.

מיט'ן וועגעלע איז זי צוגעפֿארן צו א קארידאָר, געלאזן עס שטיין אונטן מיט'ן שלאפֿנדיגן קינד.

זי האט אָנגעקלונגען, און מער זיך ניט אומגעקערט צוריק. איר הארץ האט ניט געקלאפּט, ווען זי איז ארויף אויף ווייכע, מיט טעפּיכער באדעקטע טרעפּ.

אין עטליכע מינוטן ארום איז זי געזעסן אין א שטילן אויפֿ־נאַמס־צימער, האט געבלעטערט א דיקן אילוסטרירטן זשורנאל מיט גלאנציגע בלעטער, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָלט מענטשן, אלע רייך אנגעטאָן, אלע צופֿרידן־אויסזעענדיגע און אלע גליקלעך־שמייכלדיגע.

די שטילקייט פֿון די חדרים, דער ריח פֿון כלאָראָפֿאָרם, דער זיסלעך־נודנער געשמאק פֿון עטער, דאס קלאפּן פֿון צוויינגעלעך אויף א גלעזערנעם געשטעל, וואס האט זיך געטראָגן פֿון דעם פֿאַר־שלאסענעם זייטיגן חדר'ל ארויס, די שווייגנדיגע און יעדער אין זיך

פֿארטיפֿטע פאציענטן — האבן זי דענערווירט און ארייַנגעוואָרפֿן אין א ציטערדיגער דערוואַרטונג.

זי האט שוין געוואלט ארויסגיין, ווען אויפֿ'ן שוועל פֿון זיין קאבינעט האט זיך באוויזן א דיקער דאקטאר אויסגעצויגן גלייך ווי א סטרונע, מיט אן אויסגעסטארטשעטער ברוסט, מיט א פֿאַררייסענעם נאז און באַפֿעלנדיגע אייגן. מיט א שווייגנדיגן בליק האט ער איר געהייסן ארייַנגיין.

קיין ווארט האט ער בײַ איר ניט געפֿרעגט. מיט קאלטע צווייַנגעלעך האט ער זיך געפּאָרעט ביי איר אין מויל. אָליע א פֿאַר־חלש'טע, האט פֿארוואָרפֿן דעם קאפּ אהינטער און זיך איבערגעגעבן. ער האט איר גענאָסן וואסערלעך און טראָפּנס אין מויל אריין, האט מיט א שטאלענעם גאפּעלע אנגעקלאפּט אט אין דעם, אט אין יענעם צאָן.

אָליע האט געפֿילט, אז באלד פֿארלירט זי איר באוואוסטזיין. אין קאָפּ האט זיך אנגעהויבן זינגען עפּעס א מעלאָדיע, צום טאַקט פֿונ'ם קלאפּן פֿונ'ם שטאָלענעם גאָפּל. זי האט ארויסגעלאָזן א שוואַכן קרעכץ.

— אָ־אָ־ר־ר...

— אט דאס איז ער — האט דער דאָקטאָר טריאומפֿירנדיג און בייז ארויסגעזאגט. — מיר האבן אים! אט דער צאָן טוט דאָך אייך וויי?

יאָ, — האט זי שוואַך און דאַנקבאר ארויסגעזאגט, — דער צאָן.

10

דער טאג האט זיך שוין גענייגט צום פֿארגיין. א פֿרילינג־פֿרעסטל האט זיך אנגערוקט פֿונ'ם ליידענשאפֿטלעך־ברענענדיגן הימל־פּאַס אינ'ם מערב, פֿון וואנען א קאלטע און קלאָר־פֿלאמענדיגע רויטלעכקייט האט ארויסגעלויכטן אין דער אָוונטיגער לופֿט אריין.

די שנייען, וואס זענען צעשמאלצן געווארן דורך דער באַ־טאָגיגער זון, און די אייז־פֿלעכטלעך, וואס האבן פֿריילעך אָנזאָגנדיג א גאנצן טאג געקאפּעט, האבן צוריק אנגעהויבן פֿרירן, און געווארן גלעזערדיג־בלוי. די בוימער־צווייַגן האבן זיך איינגעטונקט אין א צעשמאלצענעם קרישטאל־גלאז. ווען די אָוונט־לאָמפּן האבן זיך אנגעצונדן, האבן די בוימער אנגעהויבן פֿינקלען מיט פֿיל־קאָלירנדיגע פֿלעמעלעך, זיי האבן ארויסגעזען, ווי וואַקסנדיגע ליוסטערס און שענדעלירס.

אָליע, האָט זיך אומגעקערט אהיים...

גוט איז, וואָס דער מאַן איז ניטאָ אין דער היים, — האָט אליע געטראַכט. זי האָט איצט געוואָלט זיין אליין מיט זיך. זי האָט דערי־בער ניט אויפגעדרייט דאָס ליכט. האָט זיך אריינגעוואָרפן אין אַ לענשטול און אזוי פאַרגליווערט געוואָרן אין דער פאַרנאַכטיגער דרייפערטל־טונקלקייט פון׳ם פאַרלאָר־צימער.

זי האָט געציטערט. ס׳איז געווען קאַלט אין דרויסן. זי האָט געפילט אַז זי פרירט, האָט ניט געהאַט קיין כח צו ווערן זיך, און ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו וואַרעמען.

פרילינג! פרילינג! — איצט, אין קליינע שטעטלעך אין דער היים, הערן שוין חדר־אינגלעך אויף צו גיין באַנאַכט אין חדר אריין. דער אייז אויפ׳ן טייך ווערט בלוי, גרין, ברוין, קויטיג. עס פאַרשמעקט מיט פסח, און ליכטיגע טעג, פון אַ נאָך־ווייטערן לאַנגן, לאַנגן זומער. קלאַנג־קלאַנג־קלאַנג. אָט אזוי גייט עס אפ אין קאָפּ און אין די אויערן פון ווייטע געזאַנגען אויף זומערדיגע פעלדער.

11

אָליע האָט איצט מיט׳ן גאַנצן גוף דערפילט, אַז דער אָוונט איז שוין דאָ.

אַן אָפגעשוואַכטע און אויסגעמוטשעטע דורכ׳ן טאָג, האָט זי אנגעהויבן האַלב־דרעמלען.

זי האָט שוואַך געפילט, ווי זי טוט זיך ארויס פון זיך. ווי אַ געשטאַלט שיילט זיך אויס פון איר, אַ ליכטיגע, אַ דורכזיכטיגע, אַ זוניג־ליכטיגע, און גייט ארויס פון צימער.

פאַר אירע פיס ציט זיך אַ ליכטיגער וועג אינ׳ם אָוונט.

זי גייט ארונטער די טרעפ, דורך דער אויסגאַנג־טיר, און גייט אריין אין די גאַסן.

יעדער נערוו, יעדער אָדער, קלינגט אין איר מיט באַנייט־אויפגעכוואַליעטן לעבן. מיט אַ פאָר טעג צוריק איז אנגעקומען אַ בריוועלע, אַז „מיר, אלעקס און איך, וועלן זיין ביי דיר היינטיגן שבת נאָכמיטאָג״... אלעקס... אלעקס... זי האָט דאָס וואָרט געגעסן דורך טאָג און דורך נאַכט. עס האָט זי אנגעפילט מיט פאַר׳שכור׳־נדיגן געטראַנק. און אַ געזאַנג איז אין איר אויפגעגאַנגען, אַ לאַנג־פאַרשאָלן געזאַנג. דאָס, וואָס איז געווען אמאָל — אזוי בלייך און ניט־גענוג און לאַנג־פאַרשוואונדן — האָט זיך פאַנאַנדערגע־נומען און פאַנאַנדערגעוואַקסן אין דעם פרילינגדיגן טאָג. און

א ליכטיק קול איז אין איר אויפֿגעגאנגען, ווי אויף פֿרילינגדיקע פֿעלדער, אָקאָרשט אָפּגעריינִיקטע פּוּנ'ם ווינטערדיקן שניי.

זי איז דורכגעשוואוּמען דורך די גאַסן, א דערלייכטערטע און א לופֿטיקע. אט איז דאס הויז, שוין אזוי לאנג ניט געזען. דורך דער גאנצער צייט איז עס אין איר אויסגעוואַקסן אין געדעכעניש, ווי א וואונדערלעכער פּאלאץ. דאס צוויי־שטאקיקע הויז קומט אוים אזוי אומגעווייַנלעך, אלט־ניי, און עס איז ווי ארומגערינגלט מיט דער לופֿט פֿון אן אנדער לאַנד.

זי גייט אריין מיט א טומלדיק הארץ. קלעמענטין באגעגנט זי און פֿאלט איר ארויף אויפֿ'ן האַלז.

— קום אריין, אָליעלע.

און זאגט עפּעס פֿארשידענע און וייט־פֿרעמד קלינגענדיקע ווערטער, פֿון וועלכע אָליע דערהערט בלויז די פֿאָלגענדע:

— אַל איז אין דער הויף, אין באד־צימער, נעמט א „שייוו". ער קלייבט זיך אויסצוגיין.

— הייסט דאָך ער איז ניט אזוי מיד, אז ער קאָן אויסגיין... פֿאַרוואס־זשע האט ער ניט געקאנט קומען צו מיר? —

גוט, וואס זי האט די דאזיקע ווערטער ניט געזאגט — זיי בלויז געטראכט. זי זאל זיך נאר ניט מאַכן צום נאַרן. אין דעם פֿאַרפלאָנטערטן נעץ פֿון האלב־געדאנקען און צונויפֿגעמישטע געפֿילן, איז פֿאַר איר איינס געווען קלאָר:

— מען דאַרף ש מ י י כ ל ע ן, שמייכלען, שמייכלען, איידל און פֿריינטלעך, און זיין זייער גוט אויפֿגעלייגט.

און אינערלעך האט זי איינגאנצן געציטערט, ווי די לופֿט איבער א הייסן ראדיאטאר, פֿון אומגעדולד און דערוואַרטונג — און נאָך מער פֿון א געוואלטיגער אָנגעשטרייַנגטקייט ניט ארויסצווייזן עס. זי האט מורא געהאט, אז זי וועט באלד אויפֿגעריסן ווערן פֿון אינערלעכער אומרו, ווי א צופֿיל־אָנגעהייצטער קעסל.

— וואַרט א מינוט, איך גיי גלייך ארויס זען, וואס ער זאַמט זיך דאָרט — שמייכלט קלעמענטין און שפּרינגט ארויף די טרעפּ אין דער הויף.

ס'אַראַ אָפּשפּעטערישער גלענצל האט עס דורגעשניטן אירע אויגן! אָ, דאס גיט זי אָנצוהערן, אז זי זעט גוט אָליע'ס אומגעדולד. אָליע לאָזט ארונטער דעם קאָפּ, דערדריקט און דערשלאָגן.

— זיי האבן זיך ביידע צוזאַמענגערעדט צו מאַכן זי צום נאַר...

שטייף־קריגעריש, ווי א פערד, וואס דערשמעקט דעם שונא, האט זי אויסגעגליכן איר קאָפּ. זי האט אים נאָך אפילו עטוואס פארוואָרפן אויף הינטן, ווייל עס האבן זיך דערהערט טריט איבער די טרעפ פון דער הויך ארונטער. שווערע און לייכטע טריט, זייט בא זייט.

איר הארץ האט אויפגעצאפלט און זיך גלייך אָפּגעשטעלט, ווי ס׳וואלט דעם לעצטן צאפל געטאָן.

דאָרט, אויף די טרעפ, האבן זיך די טריט אויך אָפּגעשטעלט צו דערזעלבער צייט. און עס איז געווארן שטיל. עס האט זיך דערהערט באלד א געלעכטערל, א פארשטיקטער, וועלכער האט זיך גיך ארויסגעריסן, און זיך ארונטערגעקייקלט ארונטער אין אויפנאמס־צימער אריין צוזאמען מיט קלעמענטינ׳ען.

קלעמענטין איז געווען פארוויטלט מיט א שעמעוודיג־ארויסרופנדיג שמייכעלע. ס׳האט זיך געדוכט, אז זי זאגט:

— נו, וויל איך אזוי; און טו מיר עפעס...

זי האט אָבער גאָרנישט געזאגט, זי האט בלויז געשמייכלט שטיל און אויסזויגנדיג פון אָליע׳ן דאס לעבן.

— העלאָ, אָליע, וואס מאכסטו — האט דערהערט אָליע א דיק־לעכן, זעלבסטצופרידענעם מאנסבילישן קול.

— זי קאן זיך דאָך שוין ניט דערווארטן אויף דיין קומען — שפארט זיך אָן קלעמענטין אָן זיין גרויסן ברייטן אַקסל, פאלט מכלומר׳שט אויף צוריק און צווינגט אלעקס׳ן זי אויפצוכאפן אין זיינע ברייטע געזונט־קצב׳ישע אָרעמס:

— אלעקס, אלעקס׳ל, האלט מיך אויף, איך פאל... איך פאל־ל־ל.

און בשעת מעשה האט זי געקוקט אויף אָליע׳ן מיט אזעלכע אומשולדיג־נצחון׳דיגע, טיף־שטילע און תאווה׳דיג־קאלטע אויגן.

אָליע איז אָבער נישט געפאלן, כאָטש זי האט שטארק געפילט, אז די פיס ברעכן זיך איר אונטער. זי האט בלויז העפלעך געשמייכלט.

און אלעקס בייזערט זיך מכלומר׳שט אויף קלעמענטינ׳ען:

— זע נאָר, ווי עס פיעשטשעט זיך דאס... זינט זי האט זיך עס צוגעוויינט איינצושלאָפן בא מיר אויפ׳ן אָרעם...

12

די געשטאַלט, וואס האט זיך פריער אויסגעשיילט פון איר, האט זיך צוריקגעקערט — אַ טונקעלע, אַ שווערע, אַ שפעט־אָווּנטיגע, און האט זיך אריינגעטוליעט אין אָליע׳ן.

אָליע האט א ציטער געטון פון קעלט, און פון היץ, און האט אויפגעהויבן די אויגן. איבער איר בעט איז געשטאַנען אָנגעבויגן איר מאַן.

ער האט זי אָנגערירט איידל און געטריי פאַר׳ן שטערן.

— אָליעלע, האסט דאָך היץ...

— מיר איז קאַלט, פאפא.

— דיך פיבערט! — ביזט אודאי געווען אין גאַס?

זי האט אין דער פינסטער אָנגעטאַפט זיין האַנט.

— זעץ דיך אנידער לעבן מיר. מיר איז קאַלט, פאפא.

אינ׳ם אָוונט האט זי זיך געטוליעט אין איר מאַן מיט׳ן רעשטל איבערגעבליבענעם כח. דעם קאַלטן נקמה׳דיגן שמייכל אויף אירע ליפן האט דער מאַן ניט געקאנט זען, ווייל ס׳איז געווען טונקל. ער האט אָבער געהערט איר קול, מיט וועלכן זי האט זיך געווענדט צו אים:

— די פיפקע פון מערשוים — דאס האב איך דאך זי געקויפט פאַר דיר... כ׳האב מיך בלויז געוואלט רייצן מיט דיר אַביסל... ביזט דאָך ניט אין כעס, פאפעלע?

דער מאַן איז געווען אזוי דאנקבאר און האט געגלעט איר האַנט. אַז ער האט זיך אין דער טונקל נאָך מער צוגעלאָזן צו איר, האט עס איר פאַרדראָסן און דערוועקט אין איר אַווידערווילן. איר שמייכל איז געווארן קאַלטער און אייזיגער.

—אָן ליגט די פיפקע אויפ׳ן ביבליאָטעק־טישל—האט דער מאַן אין דער טונקל ווייטער געהערט איר שטים. נעם זי — ס׳איז פאַר דיר.

אַ גליקלעכער און שטראַלנדיגער האט ער זיך געלאָזט גיין דורך דער אָוונטיגער לופט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. ער האט זיך א ווייל דאָרט געפאָרעט, געשארט מיט די הענט איבער׳ן טישל. און באַלד האט זיך דערהערט א קלאַפ פון אן ארונטערגעפאַלענער זאַך, וועלכע האט זיך צעברעקלט אין אַ סך שטיקלעך.

— אָ, — האט אָליע אויפגעציטערט. — דו האסט עס צעבראָכן...

— ס׳איז אַזוי פינסטער — האט זיך דער מאַן פאַרטיידיגט פונ׳ם פינסטערן ווינקל. — כ׳האב, שאַרנדיג, עפעס ארונטערגעוואָרפן. ס׳האט זיך צעבראָכן, ווייזט אויס. וואס איז עס, אָליעלע? וואַרט, כ׳וועל אָנצינדן א שוועבעלע.

אַ בריוו

רבקה איז געזעסן באַם עס־צימער טיש און געשוויגן.

אויף איר פאמעלעכן און שטיל־געלאַסענעם אופן, האט זי גע־טראכט וועגן דעם שטיקל נייס, וואס אירע חבר׳טעס האבן איר ערשט מיטגעטיילט:

— ער איז דא געווען, נאר ער איז שוין נישטא: אוועקגעפארן.

בלויז איין וואך איז ער דא געווען. און ווארום האט זי עפעס גראד די וואָך געזאלט באזוכן אירע קרובים?

און איצטער איז ער שוין אוועקגעפארן. איז רבקה געזעסן באַם עס־צימער טיש, און געשוויגן

און אין דעם ליכט פון׳ם עלעקטרישן לאמפ, וואוהין זי האט אירע אויגן געווענדט,—זי, די שטענדיג בייענקענדיגע נאך ליכט—האבן זיך אירע פייכטע אויגן געטוקט שוין פאר גאָר אַ היפשע צייט נאכדעם. געטוקט זיך און שטיל געשוויגן.

דארטן, אינ׳ם קיל און שטיל־לויכטנדיגן ראָזן־ליכט איז איר אמגריינגסטן געווען ארויסברייינגען דאס געזיכט פונ׳ם ערשט דא־געוועזענעם און שוין אוועקגעפארענעם.

דאס געזיכט פון אים, דעם כמעט־פרעמדן און — עפעס פארוואס אזוי שטארק־נאָענטן?

ווייל אזוי האט רבקה געטראכט בשעת אירע פריינט, האבן אויף איר בקשה, איר א בויגעלע שרייב־פאפיר דערלאנגט, און נאָכדעם ווי זי האָט שוין א היפש שטיקל צייט אים דעם בריוו גע־שריבן, נישט ווייסנדיג, וואס זי שרייבט.

אַזוי האט זי געטראַכט:

— קענען קען זי אים דאך גאנץ ווייניג. הגם ווייסן — נו, ווייסן ווייס זי אים פיליכט א סך מערער... געזען האט זי אים בלויז דריי מאל, און דאס אויך — מיט אזעלכע לאנגע, און נאך לייגנער דויערנדיגע צווישן־צייטן! בלויז דריי מאל...

אבער אלע מאל ביי אלין אזעלכע באזונדערע אומשטענדן: — צוויי מאל אויף עקסקוירשאן־שיפן און איינמאל אין א געדיכט־בוימיגן פארק...

און קוקנדיג אינ׳ם שטיל־ראָזעווען ליכט פונ׳ם עלעקטרישן לעמפל, איז איר באַזונדערס גרינג געווען צו וועבן ווייטער אירע שטילע מחשבות. און אַנגענעם איז עס איר זיכער געווען — אײַן גאָט ווייסט עס.

— ... און שוין פון ערשטן מאל — אין אַזעלכע אינטים־פריינטלעכע באַציִאונגען, ווי עס קאָן זיך נאָר פאַרלויפן אין אַ גרויסער שטאָט, און מיט אַ געוויסן טיפ מענטשלעכע נשמות — „אָ דאַמאָלס איז ער דאָך אויך פונ׳ם זעלבן געוויסן טיפ״ — לויפט איר דורך אַ טרייסטנדיגער געדאַנק.

און ווייטער טראַכט זי:

— און דערהויפט נאָך בײַנאַכט.

ווייל די אַלע דריי מאָל האָט זי אים בײַנאַכט באַגעגנט. און שפּעט בײַנאַכט. און אַזוי אינטים־אויפגעטראָגן זענען זיי געוואָרן איינער מיט׳ן אַנדערן, און שטום און אָן ווערטער זיך אַנטפּלעקט איינער פאַר׳ן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן פון לאַנג, שוין פון יאָרן און יאָרן לאַנג איינס אויף׳ן אַנדערן געוואַרט און געוואַרט.

געוואַרט אַ לאַנגע, שוין גאָר אַ לאַנגע, אַפילו פון זיי עלטערע צײַט. און די זומערדיגע נעכט האָבן זיי צוזאַמענגעבראַכט.

נאָר ווען די בלייך־בלויע און טונקל־בלויע נעכט זענען שוין געווען צערונען און אויסגעגאַנגען אינ׳ם טאָג, איז איר צײַטנווײַז — אין דער לאַנגער, פול־קאָלירענער צווישן־צײַט, וואָס פלעגט גלייך דעם פּלאַץ פון די אָפּטרעטנדיגע נעכט פאַרנעמען — שווער געווען אים פאַר די אויגן זיך פאָרצושטעלן, ווי ער וואָלט גאָרניט עפּעס ראַיעלעס געווען, עפּעס ממשות׳דיגס.

האָט זי געשמייכלט:

— די גאַנצע געשיכטע קלינגט עפּעס ווי אַ חלום, ווי אַ מעשה׳לע...

אָבער דאָך, אין דער צווישן־צײַט, דער לאַנגער און נאָך לייכטער דויערנדיגער, פלעגט זי וועגן אים, דעם נאַכטיגן און שאָטנ־דיגן, דיינקען און טראַכטן.

— און ער וועגן איר?

אָט וועגן דעם טאַקע פלעגט זי אָפט ספּעקולירן. און ליב האָבן טראַכטן וועגן דעם אין אַ געוויסער, איר אַנגענעמער, ריכטונג און אופן.

— און ווען אַפילו זי שפּילט אין זיין לעבן גאָר קיין ראָליע ניט, און די לאַנגע, און נאָך לייכטער־דויערנדיגע צווישן־צײַטן ציען זיך שוין גאָר ניט אַזוי לאַנג פאַר אים — איז וואָס?

דאַך —

— געבענטשט זאָלן זיין די טונקעלע נעכט, ווען זיי זענען אַזוי אינטים־פּריינטלעך געוואָרן! און נאָך מער געבענטשט זאָל זיין יענער, וועלכער האָט איר לעבן אַזוי פאַררייכערט, און די לאַנגע, און נאָך לייגנער דויערנדיגע צווישן־צייטן מיט אַזויפיל גאָלדענע מחשבות און וואַרעמע שטונדן אָנגעפּילט! — — —

דאָס האָט זי געטראַכט בשעת אירע פּריינט, אויף איר בקשה, האָבן איר אַ בויגעלע שרייב־פּאַפּיר דערלאַנגט, און אויך נאָכדעם ווי זי האָט שוין אַ היפּש שטיקל צייט אים דעם בריוו געשריבן, דער־ווייל נאָך נישט וויסנדיג, וואָס זי שרייבט.

אָבער אַז זי האָט דעם פאַרדיגטן בריוו איבערגעלעזן האָט זי באַמערקט, אַז דאָס איז עס טאַקע, הגם אין עטוואָס אַנדערע ווערטער, וואָס זי האָט אין איר בריוו צו אים אויסגעדריקט.

אַ גרוס און אַ דאַנקזאָגונג פון אַ ביינקענדיגער האַרץ.
איז רבקה געווען זייער צופרידן מיט׳ן גוטן אויסגאַנג.
און פאַמעלעך־שמייכלענדיג, מיט אירע שטיל־געלאָסענע באַוועגונגען האָט זי אָנגעהויבן צונויפפּלאָדעווען דעם בריוו, דעם בריוו צו אים.
— וואָלט זי געוועזן קומען אין צייט...

2

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, און באַלד נאָכדעם אַ פּריי־דיג, איבערראַשט אויסגעשריי פון אירער אַ חבר׳טע,
אימעצער איז אַריינגעקומען.
וואָס איז אייגענטלעך געשען?
גאָרנישט איז געשען:

— איבער עפּעס אַן אורזאַך, איינע פון יענע טויזנט און איינס אורזאַכן, וואָס פּאַסירן אַזוי אָפט, שוין צו אָפט, אין לעבן, האָט ער געמוזט פאַרבלייבן אין שטאָט אויף נאָך אַ פּאָר טעג. נו, איז ער געקומען געוואָר ווערן נאָך אַמאָל, וואָס זיינע פּריינט מאַכן. האָט אימעצער עפּעס דאַגעגן?

נו, זיכער, קיינער נישט... מען האָט אָנגעהויבן אַרומטאַנצן און אַרומשפּרינגען אַרום אים, ווי אַרום איינעם, וועלכער איז אָקאָרשט תחית־המתים אויפגעשטאַנען. דאָס אומדערוואַרטע איז געשען!

אָבער גאָרנישט אומדערוואַרטעס האָט פּאַסירט, ווען ער האָט איר, רבקה׳ן, דערזען, גלייך ווי ער וואָלט איר ערשט נעכטן צום לעצטן מאָל באַגעגנט.

און אז ער האט זיך מיט איר, מעשה אַלטער גוטער פֿריינט, באַגריסט, האבן אירע חבר׳טעס אים, מיט אַ כיטרן שמייכל און א שעלמישן אויגן־וואונק אין איר ריכטונג, געלאָזט וויסן:

— וואָרום ביזטו געקומען צוריק אזוי שנעל? זי שרייבט דאָך דיר א בריוו...

ער האט זיך געלאָזט צו איר. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט: זי האט מיט שרעק דעם בריוו צוגעכאַפּט און אים באַ זיך באַהאַלטן. זי האט זיך גערויטלט, געפּלאַטערט ווי אַ מוטער־פֿויגעלע איבער אירע עופ׳עלעך.

האט ער זי, זייער גלייכגילטיג, געלאָזט צורו.

צוויי שטונדן איז ער דאָרט געזעסן. און צוויי שטונדן האט זי אים, פֿון שטילן ווינקעלע באטראכט.

ער האט גערעדט, געשפּאַט, געווען קלוג־בייסיג, סאראקאס־טיש, און פֿון צייט צו צייט זיך אין א ספּאזם פֿון געלעכטער פֿאַ־נאַנדערגעהילכט.

— אים איז גוט. באַזונדערס גוט. גארנישט פֿעלט אים. וואָ־רום זאל ער נישט לאַכן.

ער האט שוין צופֿיל געלאַכט.

און איר — און עס איז געווען זייער קענטיג, אַז בלויז פֿון איידלקייט וועגן — פֿלעגט ער מאַנכעסמאָל אַ פֿראַגע צוואַרפֿן, איין און דיזעלביגע פֿראַגע:

— נו, וואס־זשע מאַכט זי פֿאָרט?

און דאָס אַלעס.

איר, וועמען ער האט אזוי נאָענט געוואוסט. איר... איר.

האט ער טאַקע קיין ענטפֿער נישט געקראָגן. עפּעס איז איר געשטאַנען אין האַלז.

אין דער שטיל האָט זי געגלעט דעם באהאלטענעם בריוו, געוואַרעמט עס מיט איר גוף ערגעץ אין דער פֿינסטערניש.

נאָר מיטאַמאָל פֿלעגט ער אַנטשווינגן און בלייך ווערן; פֿלעגט זיך ערשעפּן.

מיט וואס פֿאַר א פֿרייד זי פֿלעגט עס באַמערקן! און האט אים אין איין מינוט אלץ מוחל געווען.

און אז זיין שווייגן האט לייגנער אָנגעהאַלטן, האבן זיך אירע חבר׳טעס אָנגעהויבן פֿילן אומבאַקוועם. האבן זיך געפֿילט צעטו־מלט, זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פֿון דיזער פֿלוצלונגדיגער ענ־דערונג זייגער.

און בשעת זיי, די חבר׳טעס, האבן זיך אויף די שטולן גע־דרייט, האט זי, רבקה קונקנדיג אויפ׳ן עלעקטרישן ליכט, וועלכער האט זיי ביידן אין אַ פּאַרלעגנהייט געזעצט, ווענן זיך און אים אַזוי געטראַכט:

— מיר זיינען באַנאַכטיגע פֿויגלען... און אונזער ביינקשאַפֿט נאָך ליכט — איז עס נישט גראָד מחמת אונזער פֿילן זיך באקוועם און אין דער היים, אין דער פֿינסטערניש? איז עס נישט דאס בייגקען פֿון נאַכטיגע פֿויגלען נאכ׳ן ווייטן, אומדערגרייכבאַרן און אומהיימלעכן?

דאס שוויינן האט אָנגעהאַלטן, און געטראַכט האט זי ווייטער, אַז:

— אונזער פֿריינטשאַפֿט און אינטימלעכקייט בליט זיך ערשט פֿאַנאַנדער אין דער פֿינסטער, ווי טיפֿנאַכטיגע בלומען...

און נאָך האט זי געטראַכט, אַז...

נאָר דאָ האט ער זיך ווידער פֿאַנאַנדערגעלאַכט און פֿאַר־ביטערט־אום׳ברחמנות׳דיג איבערגעריסן דאס שוויינן.

— אנטשוויגן געוואָרן... ווארום זיינען מיר עס אלע אַנט־שוויגן געוואָרן? — האבן שוין סיידן אַלע נאַרישקייטן אַרויסגעזאָגט?

אירע חבר׳טעס האבן זיך אַזוי דערפֿרייט און אויפֿגעלעבט, ווי פֿאַרוועלקטע בלומען אויף וועלכע מען האט אביסל ריין וואַסער ארויפֿגעשפּריצט, און אָנגעהויבן הויך לאַכן.

נאָר זי, רבקה, האט שטיל פֿאַר זיך געטראַכט:

— בעסער וואלט ער שוין גיט געווען געקומען...

און שטיל, אין דער פֿינסטער, האט זי געגלעט׳ אַ וואַרעם צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר. און דער געשרומפּענער בריוו האט זיך איר געפֿילט, ווי אַ נאָך־וואַרעם טויט קערפּערל פֿון איונגן פֿויגל.

האט זי נאָך צו זיך שטיל אַ זאָג געטון:

— בעסער וואלט ער שוין גיט געווען געקומען...

דער אייביגער שבת

שטיל איז ר׳ בצלאל געטראָטן איבער דער פּאָדלאָגע פֿון דער האַלב־טונקעלער קאָרידאר, און האט פֿאָרזיכטיג אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿונ׳ם עס־צימער. עס האט זיך אנטקעגן זיין ווילן דערהערט א סקריפּען, און ער איז געבליבן שטיין, שולדיג און גערגערט, פֿאַרבייסנדיג די ליפּ. פֿונ׳ם עס־צימער האבן זיך א שפּאר געטון גאַרבן זוניגע ליכט, וואס האט געשטראָמט פֿון די קלאָרע, צום גאַס ארויסגייענדיגע פֿענסטער. זיי האבן אין דער פֿאָרם פֿון א האלב־דורכזיכטיגן דינ־שטויביגן זייל זיך אויסגעצויגן משופּעדיג, און געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאגע פֿונ׳ם קאָרידאר, אַ שליאַך צו דער זון. פֿונ׳ם עס־צימער האט זיך קיינער נישט באוויזן. עס האט זיך ניט דערהערט קיין שאָרך. די לופֿט דאָרט איז געווען זוניג־ליכטיג און שטיל.

האָט זיך ר׳ בצלאל פּאמעלעך, אויף די שפּיץ פֿינגער, אריינ־געשלייכט. מורא האבנדיג צו מאכן אַן אנדערן שריט, איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער מיט פֿאַרלייגטע הענט, הויך און שווייגנדיג, אַן ארונטערגעשטיגענע שווארצע גאָטהייט. א שארפֿער ריח פֿון כלאָראָפֿארם, קארבאָל־זויערע און פֿארשידענע אנדערע מעדיקאמענטן האט זיך געשפּירט אין דער לופֿט. אויף די פֿענסטער־שוועלן זיינען געווען אָנגעשטעלט פֿילע פֿלעשער און פֿלעשלעך פֿון פֿאַרשידענער גרויס און קאָלירן. די קליינע, ווייסע עטיקעטקעס האבן ערנסט און זאַך־פֿאַרשטענדיג אָנגעקוקט בצלאל׳ן אין דער רואיגער נאכמיטאָג־לופֿט, שלוחים פֿון א ווייסער שווייגעניש ערגיץ אין דער ווייט.

א פּאָר שפּאן פֿון אים, באַ דער הינטערשטער מערב וואַנט פֿון צימער, איז געשטאנען דאס בעט מיט׳ן קראנקן. דאס בעט איז געווען ריין אויפֿגערוימט. ווייסע קישן־ציכלעך, ווייסער ליילעך און ווייסער איבערבעט. מער נישט צוקאָפּנס, אויפֿ׳ן ווייסן קישן, האט זיך געשוואַרצט אַ קליינער הארינגער קאָפּ מיט בלייכע, אויסגעצערטע באַקן און מיט פֿיבעריש ברענענדיגע אויגן. נאָר אזוי איז אלץ אַרום געווען ווייס, ציכטיג און ריין.

צוקאָפּנס פֿון דעם קראַנקן איז געשטאנען אַ שטול מיט אַ שיסל צעברעקלטע אייז און א פּאָר מעדיצין־פֿלעשלעך, אין א ביסל

נידעריגער, באַם ראנד בעט, מיט'ן פּנים צום קראנקן, איז געזעסן אויף א שטול שרה, ר' בצלאל'ס פֿרוי, געזעסן איינגעבויגן, מיט א צער'דיגע מינע, די הענט פֿאַרלייגט איינע אין דער אַנדערער און נאָכאַנאַנד געקוקט פֿאַרטראכט און אָנגעשטריינגט אויף דאָס קליינע קראנקע פּנים'ל. זי האט ניט געהערט ר' בצלאל'ס אַריינקומען. עס האט זיך געדוכט, אַז זי איז אזוי פֿארגליווערט געוואָרן שוין פֿון עטלעכע טעג.

2

שוין צוויי וואָכן, ווי דער קליינינקער יצחק'ל מיט די פּולע בעקלעך און שטענדיגן שטיפֿערישן געלעכטער, איז קראנק געווארן. אָנגעהויבן האט זיך עס פֿון א קליניקייט, פֿון אַן אָפּגעבריטער האַנט, און אַנטוויקלט האט זיך עס אין א פֿיבער, אין אַן ערנסטער פֿאָרם פֿון סקאַרלאַטינע. דעם חולה'ס צושטאנד איז געווען זייער אַן ערנס־טער. די דאָקטוירים האָבן זיך כמעט אָפּגעזאָגט פֿון קאנען העלפֿן אים. דאס קינד איז געווען זייער באליבט באַ זיינע עלטערן און ער האט איצטער אויף דער מוטער'ס אויגן געהאלטן אין פֿאַרצערטווערן, און פּאמעלעך פֿאַרשווינדן.

שרה האָט גלייך אוועקגעשיקט א בריוו איר מאן, וועלכער האט זיך געפֿונען אין אַ ווייטלעכער שטאָט צוליב זיינע געשעפֿטן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט שנעל קומען. אין בריוו איז ניט געשטאַנען די אורזאך פֿון שרה'ס רופֿן אים א היים. נאָר ר' בצלאל האט גע־האַט דאָס פֿאָרגעפֿיל, אַז עפּעס געשעט דאָרט מיט זיין ליבן איצעלען. ער האט אויפֿ'ן צווייטן טאָג, אין א קילן זומערדיגן פֿרימאָרגן, גענו־מען אין דער ווייטלעכער שטאָט דעם ווייסן דאַמפֿער, וואס האט ערנסט און לאנגזאם געשוואומען אויף דעם גרינלעכן וואסער, פֿיי־לנדיג די וויכטיקייט פֿון זיין שליחות און די ערנסטקייט פֿון דער מינוט.

און איצטער איז ר' בצלאל געשטאנען אין מיטן עס־צימער אין דעם האלבזיידענעם ברוינלעכן סורדוק, פֿאַרשטויבט פֿונ'ם וועג, א מידער און נאך נישט קיין אויסגערוטער און האט מיט אַן אבלי־דיגער מינע געקוקט פֿאַר זיך. אַ פּוסטקייט און א שטילקייט פֿון אַ קראנקן־צימער האט געהערשט אינ'ם הויז. זיין עלטערער איינגל, כתריאל'קע, איז אוועקגעשיקט געוואָרן פֿונ'ם הויז צו א קרוב אויף דער צווייטער עק שטאָט נאָך מיט א וואָך צוריק, כדי ער זאָל זיך ניט אָנשטעקן פֿון זיין קלענערן ברודער'ס קראנקייט. איצטער איז

ער אודאי געווען אין חדר און האָט פֿון טאַטנ׳ס אָנקומען נאָך נישט געוואוסט. אין שטוב איז איצטער קיינער נישט געווען, אויסער זיין פֿרוי מיט דעם פֿאַמעלעך שווינדנדיקן קינד.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שׂרה אומבאַוואוסטזיניק דער־פֿילט אויף זיך איממעצנס בליק, און אומגעקערט זיך מיט׳ן פּנים צום צימער. אַז זי האָט דערזען ר׳ בצלאל׳ן, איר מאַן, וועלכן זי האָט שוין עטלעכע חדשים נישט געזען, און וועלכער איז נאָך איצטער איר געווען אַזוי ליב און טייער, ווי באַלד נאָך דער חתונה, האָט זי זיך פֿון איר פּלאַץ ניט אויפֿגעהויבן, אים אַנטקעגן נישט געגאַנגען. אַ שטיקל צייט אים אָנגעקוקט פֿאַרטראַכט און פֿאַרטרויערט, גלייך ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געווען געשטאַנען דאָ און זי האָט אים נישט אָט ערשט איצט דערזען. דערנאָכדעם האָט זי פֿאַמעלעך און אָבגעשוואַכט אים אַ שאָקל געטון מיט׳ן קאָפּ, אים אַ וואונק געטון, ער זאָל צוגיין צו דעם חולה׳ס בעט.

האָט ר׳ בצלאל געפֿאָלגט. איז אויף די שפּיץ פֿינגער און פֿאַרזיכטיק, ווייל דאָס קינד איז געשלאָפֿן, צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אוועקגעזעצט אויפֿ׳ן ראַנד.

3

איצעלע, דאָס קראַנקע קינד, איז געלעגן אויפֿ׳ן בעט מיט׳ן פּנים אַרויף און האָט מיט גאַנץ אָפֿענע אויגן אויף עפּעס געקוקט. עס איז שווער געווען צו וויסן, אויף וואָס ער האָט געקוקט. ווען דער פֿאָטער האָט צו אים אָנגעהויבן שמייכלען און פֿון דעם בוזים־קעשענע אַרויסגענומען אַ מתנה, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און עס דעם קינד דערלאַנגט — האָט דאָס קראַנקע קינד נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו דעם. אין דעם בליק, וואָס ער האָט געווענדט און די גאַנצע צייט געהאַלטן אויפֿ׳ן פֿאָטער, איז געווען צו דערקענען, אַז ער זעט אים נישט, אַז ער דערקענט גאָרנישט דעם טאַטן, און אַז ער קוקט נאָר אויף עפּעס אַנדערש, וואָס קיינער אַרום אים, אפֿילו זיינע אייגענע פֿאָטער־מוטער, זעען עס נישט. ער איז שוין געווען ניט זייערס.

ער האָט אינגאַנצן געברענט. אַ רויטקייט האָט געשפּילט אויף זיינע מילך־ווייסע באַקן, און די שוואַרצקייט פֿון זיינע ברייט־פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגעלעך האָט געפֿלאַמט. עס האָט זיך געטראָגן אַ היץ אַרום אים און ער איז געווען אינגאַנצן איינגעוויקלט

אין איר. עס איז געווען צו זען, ווי דאס קינד גייט אויס לאַנגזאַם און פֿאַמעלעך, ווי עס ווערט שטיל פֿאַרברענט.

דערנאָכדעם האט ער אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צו דער סטעליע, און איז שוין אַזוי געבליבן ליגן די גאַנצע צייט. אין דער נאָכמיטאָגדיגער שטילקייט פֿונ׳ם עס־צימער האט זיך דערהערט א שטילער אויסגעצויגענער געזאַנג. דאָס האָט דאָס קינד מיט א ציטערדיגער שטימע, זיך אַלע ווײַלע אָפּהאַקנדיג פֿון אָנמעכטיקייט געזונגען זײַנס א באַליבט לידעלע. עס איז געווען אוממעגליך צו פֿארשטיין, וואָרום ער האָט זיך גראָד איצטער אָן דעם דערמאָנט. נאָר אַזוי האט ער עס שוין געטאָן, איז געלעגן אויפֿ׳ן ווייסן געלעגער, מיט׳ן פּנים אַרויף, די אויגן ווייט פֿאנאנדערגעעפֿנט, ווי וועלנדיג אַלץ אין זיך אַרײַנשלינגען, און האט נאָכאַנאַנד געצויגן זײַן אייגנטאָניגן און שוואַכן געזאַנג. לא־לא, ללא־ללא. און מאַנכעס מאָל האָט ער אויך געשמייכלט.

ר׳ בצלאל׳ן איז געוואָרן גאַנץ קלאָר, אַז זײַן קינד גייט אַוועק פֿון דער וועלט. ווען ער האט אויפֿגעהויבן זײַן בליק פֿונ׳ם בעט, האט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט זײַן פֿרוי׳ס בליק, און ביידע האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן. דערנאָכדעם האט ער שווײַגענדיג און מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן אָנגעהויבן צו קוקן אויפֿ׳ן פֿענסטער. זײַן בליק האט זיך גלײַכגילטיג אָפּגעשטעלט אויף א קליין מעדיצין־פֿלעשעלע. דאס פֿלעשעלע איז געווען גרינלעך און האט געהאט אויף זיך א ווייס צעטעלע. אויף דעם איז געווען אויסגעמאָלט אַ טויטנס שארבן מיט די שוואַרצע אויגנלעכער און שצירנדיגע רייעס ציין. אויף ביידע זייטן פֿונ׳ם שאַרבן האבן זיך איבערגעקרייצט די ביינער, צוויי הוילע, אויסגעטריקנטע קנאָכן־ביינער.

4

אויף מארגן איז דאס קינד געשטאָרבן. עס איז געווען פֿרייטאג נאך האלבן טאג, און מען האט זיך געדארפֿט צואײַלן, כדי נישט ארײַנצופֿארן אין שבת אריין. א קברות־מאַן, א נידריגער און שווײַגנדיגער, מיט אַרונטערגעלאזטע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען, האט עס אײַנגעוויקלט אין א שווארצן טוך, אָנגענומען דאס פּעקעלע שווארצעס אונטער׳ן אָרעם און אוועקגעפֿירט עס אויף א פּשוט׳ען פֿויערישן וואָגן אויפֿ׳ן זאמדיגן שליאַך, וואס פֿירט צום בית־עלמין־צו.

און ווידער איז געווארן שטיל: עס איז געווען א ווארעמער זומערדיגער טאג און די לופֿט איז געווען העל און בלענדנדיג־בלוי און

האט געציטערט פֿון דער אייגענער ווארעמקייט. קינדער האבן זיך געשפּילט אין גאַס אונטער די לויכטנדיגע פֿענסטער, און דאס באַלדיגע אנקומען פֿון א לאנגן זומערדיגן שבת האט זיך געשפּירט אין דער לופֿט.

אז כתריאל'קע, דער עלטערער איינגל ר' בצלאל'ס, איז ארום פֿיר א זייגער נאכמיטאג געקומען א היים, געוואָר צו ווערן, וואס מאכט זיין ברודער'ל און צו זען זיין מוטער, האט ער שטיל אנגעקלאַפּט אין פֿענסטער, ווייל אין שטוב האט ער ניט געטאָרט ארייַנגיין. ווען זיין פֿאָטער איז ארויסגעקומען, האט ער דעם קינד קיין וואָרט נישט געזאגט, נאר אים ארומגענומען און אים אנגעהויבן קושן, און זיין שטים האט געציטערט. כתריאל האט באלד פֿארשטאנען, וואס עס האט פּאסירט און ארויסגעבראָכן אין א געוויין. נאָר ער האט זיך געשטארקט, ווייל שבת איז שוין געווען נאָענט און ווייל זיין פֿאָטער האט אים שוויינגנדיג געבעטן, ער זאל אים צוליב טאָן, און אים מיט ליבע געלאַסטשעט.

דעם צען־יעריגן כתריאל'ן האט מער ווי אַלץ פֿאַרדראָסן דער פֿאַקט, וואס ער האט דעם ברודער'ל צום לעצטן מאָל פֿאַר זיין טויט נישט געזען, און צום לעצטן מאל אים נישט געקושט. ער האט זיך אויף דעם גאָרנישט געריכט. אין דערזעלבער צייט איז ער גראָד געווען אויפֿ'ן ברעג טייך מיט זיינע חדר־חברים און האט נאָר געכאפּט פֿישלעך! גאָט זאל אים מוחל זיין! ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט...

איצט איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן, און מיט א געפֿיל פֿון איינעם, וואס האט פֿאַרלוירן עפּעס א גרויסע און טייערע זאַך אין זיין לעבן, און ווייס, אז זי וועט זיך שוין צו אים נישט אומקערן, האט ער מיט זיין פֿאָטער זיך אַנידערגעזעצט אין דרויסן אויף דער פּריזבע פֿון זייער הויז און האבן ביידע געשוויגן. ארום און ארום אין גאַס איז געווען ליכטיג און פֿריילעך. פֿון די אָפֿענע פֿענסטער און טויערן האבן זיך געטראָגן קלאַנגען פֿון דעם שטייסל, וואו מען האט געשטויסן דעם צימערינג, און פֿון דעם האַק־מעסער, מיט וועלכן מען האט געהאַקט די פֿיש, און פֿון די זיך שפּילנדיגע און רוישנדיגע אינגלעך. די זון האט געגאָסן מיט שטראָמען ליכט און אַלץ האט זיך אין דעם געבאָדן, און א גרייטן זיך פֿאר עפּעס א גרויסן יום־טוב האט זיך געשפּירט אין דער לופֿט.

שפּעט פֿאַרנאַכט איז א גרויסע און רויטע זון פֿאַרגאַנגען, און דער שבת האט זיך געלייגט אויף דער גאַס אַרום. אלץ איז געוואָרן שטיל און רואיג. דער זאַמד אויף דעם ברוק האט זיך געלייגט און א פּרידן האט זיך געשפּרייט אויף אלץ ארום. אידן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, אָן וועלכע די בלוטיגע זון־שטראַלן האבן זיך געבראָכן, זיינען געגאַנגען אין שול אַריין, פֿון די בלאַנקענדיגע שויבן האָבן אַרויסגעלויכטן די פֿלעמלעך פֿון די שבת׳דיגע ליכט.

אַז כתריאל׳קע האט דורך די שויבן אריינגעקוקט צו זיך אין הויז אַריין, האט ער אין איינעם פֿון די פֿלעמלעך דערזען זיין ברודערל׳ס פּנים׳על. דאס האט געלויכטן און געשמייכלט צו אים פֿון די ליכט אַרויס. האט זיך כתריאל׳קע צוערשט דערשראָקן, דער־נאָך, האט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף דער פּריזבע. ער האָט אין דער געדיכט ווערנדיגער נאַכט געטראַכט וועגן דעם, אַז זיין ברודער׳לס נשמה׳לע שוועבט איצט ארום בײַ זיי אין הויז און פֿאַר־נעמט צוריק איר פֿריערדיגן פּלאַץ, און אַז אייגנטלעך שטאַרבן גאָרניט די מענשן און פֿאַרשווינדן ניט אינגאַנצן, נאָר מער נישט זיי גייען אַוועק אָן אַ זייט און וואַרפֿן זיך נישט אַלעמען אין די אויגן, און מען קאָן זיי נישט זען. אָבער אין דער אמת׳ען געפֿונען זיי זיך אַלע מאָל דאָ, צווישן די לעבעדיגע. עס איז דאָ אַ פֿריינטשאַפֿט צווישן ביידע, און די פֿאַרשוואונדענע גיבן פֿאָרזיכטיג אַכטונג אויף די „לעבעדיגע", אויף די געזעענע... אזוי גייט עס כסדר און די גאַנצע צייט.

איז אַזוי געזעסן כתריאל און געטראַכט און האָט פּאַמעלעך אַרונטערגעלאָזן זיין קאָפּ. די קילענדיגע לופֿטיקייט האט אים איינ־געשלעפֿערט. דער שבת׳דיגער אָוונט האט זיך איבער אלץ געשפּרייט.

ברוך גלאַזמאַן

אויף אַ האָר

III

אונטער די פּים
אַ דערציילונג
גאָט׳ס האַנט
דער סוף

אונטער די פּים

א

געוועזן איז ער אַ קינד, ווי אַלע קינדער. אַ געוויינלעכער אינגעלע, און גערופֿן האָט מען אים אַ געוויינלעכן נאָמען: ראוב׳עלע.

קיינער האָט אים דאָ אויף דער וועלט ניט באַדאַרפֿט, און קיינער האָט אים אַהערצו ניט גערופֿן און ניט איינגעלאַדן. זיכער בּישט זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן שוין אַזוי אויך געהאַט אַ היפּשלעכע פֿאַמיליע. נאָר אַזוי ווי זיי, ראוב׳עלע׳ס טאַטע־מאַמע, האָבן זיך זייער שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיי זיך אין איינעם אַ קאַלטן ווינטערדיקן פֿאַרטאָג שטאַרק געטוליעט איינער צום אַנדערן, און פֿון דעם איז בּאַ זיי געבאָרן געוואָרן ראוב׳עלע, אַ רויטינקער און פֿאַרבלוטיגטער, ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק.

אַז ער איז נאָך געווען אַ ברעקל און אומבאַהאָלפֿן, און האָט נאָך קוים געוואוסט זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרק־קענטיגע נייגונג צום שמייכלען. שמייכלען פֿלעגן זיך בּאַ אים אָפֿט באַווייזן, עפֿטער ווי בּאַ אַנדערע קליינע קינדער. שמייכלען אַרום די ווינקעלעך מיילכל און אַרום די באַקנגריבעלעך. ער פֿלעגט שמייכלען צו עפּעס אומגעזעענע מענשן און זאַכן, וואָס נאָר ער אַליין פֿלעגט זיי זען אין אַזאַ מין בלויקייט איינגעוויקלטן און אָט פֿלעגן זיי ניט ווערן, און אָט זיך ווידער באַווייזן...

פֿלעגט ער צו דעם שמייכלען מיט די אויגן און ליפּעלעך.

און אַ מאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרטראַכטן, און זיין פּנים׳ל פֿלעגט ערנסט ווערן. ער פֿלעגט זיך, עס האָט זיך אויסגעדוכט, אָנשטרייבן עפּעס דערמאָנען, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים שוין לאַנג צוריק — אין מאָדנע טונקל־ליכטיגע וועלטן, וואָס זיינען געווען רויט־וואַרעמלעך. די „זאַכן" האָבן מיט אים פּאַסירט אפשר גאָר ניט לאַנג צוריק, פֿאַר׳ן געבוירן ווערן, בלויז מיט אַ הונדערט און פֿופֿציק טעג צוריק. נאָר דער שנעל אונטער׳ן נעזל, וואָס דער מלאך האָט אים געגעבן, האָט אַלץ פֿון זיין מח אָפּגעמעקט. און די „זאַכן" האָבן שוין געקאָנט פּאַסירן גאָר לאַנג־לאַנג צוריק, אפשר מיט גאַנצע הונדערט און פֿופֿציק יאָר צוריק.

גאָר אַמאָל.

ב

און אזוי האט שוין דער שנעל אונטער׳ן ווייך־כריאשצעוון נעזול, וואס דער מלאך השכחה האט אים פאַר׳ן געבוירן ווערן געגעבן, ראוב׳עלען גאַנץ קנאַפּ גוטס געטון. ווייל שוין פון די אינגסטע חדשים פון זיין לעבן האט זיך באַ אים אָנגעהויבן שטאַרקן א פאַרלאַנג, א זיסלעך־פייניגנדיגער פאַרלאַנג זיך צו דערמאָנען, זיך צו דערמאָנען נישט אָן עפּעס אַ באַזונדערע געשעעניש, נאָר סתם זיך דערמאָנען — זיך דערמאָנען אָן זאַכן, וואס האבן אַמאָל געמוזט מיט אים פּאַסירן, און וואס געפינען זיך גלייך אויף יענער זייט פון די טירלעך פון זכרון. מען פילט אזוי זיכער זייער זיין דאָרטן, ווי דורך א טונקעלער, דינער מחיצה, נאָר זען קאָן מען זיי נישט.

פלעגט ראוב׳עלע אָט פייגלעך־ערנסט פאַרטראַכט ווערן, אָט אָנהויבן שמייכלען.

און ווייל ער איז געווען א קלייניקער, איז זיין מאַמען זייער געפעלן געוואָרן זיין פלוצלונגדיגע פאַרטראַכטקייט און זיין שמייכל אַרום די ליפּן. זי האט אים זייער ליב געהאַט. אי פאַר זיך, אי פאַר אירע שכנות האט זי זיך באַרימט, אז ער איז דער שענסטער און דער קליגסטער קינד.

מען האט זיך מיט אים אַרומגעטראָגן אויף די הענט.

ג

נאָר אין דעם משך פון׳ם יאָר האבן זיך זיינע טאַטע־מאַמע, וועלכע האַבן זיך שטאַרק־שטאַרק ליב געהאַט, זיך ווידער וואַרעם צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן באַם סוף פון א דריטער פראָסטיג־קאַלטער אשמורה.

אין דרויסן איז געווען שבט׳יג. אויף יענער זייט טונקלדיגע פענסטער האט געריסן א ווינט פון די צפון־מעריב׳דיגע פליינען און פעלזיג־צעקאַרבעוועטע באַרגיגע לאַנד־שטרעקעס. ים׳ען פינסטערע און פאַרטאָגיג־אויפגעברויזטע האבן אין סוף־נאַכטיגע בורעס זיך געכוואַליעט צו די בליי־פאַרוואָלקנטע הויכן.

און פון דעם איז באַ זיי געבוירן געוואָרן נאָך א קינד.

דאס מאָל — א מיידעלע.

האט מען זיך אָן ראוב׳עלען פאַרגעסן, און אים געלאָזן אליין וואַקסן.

ד

איז ער אַליין געוואַקסן.

נאָר אַז ער איז זיך אַזוי געוואַקסן אַליין פֿאַר זיך, און קיינער האָט זיך אויף אים ניט אַרומגעקוקט — ווייל זיין פֿאָטער איז נעבעך געווען אַן אָרימער אַרבעטער, פֿלעגט אין די אָוונטן קומען אַ היים אַרונגזה׳דיגער און האַלב־טויטער, און האָט געהאַלטן אין איין מאָנען באַ דער וועלט, און באַקלאָגן זיך אויף דער אומגערעכטיקייט און אומבאַרמהאַרציקייט פֿון מענשן; און זיין מוטער האָט געהאַט אַ פֿולע הויז מיט חדרים און קינדערלעך — איז ער זיך אַזוי אויסגעוואַקסן, ווי אַ פֿאַרלאָזן קראַנק בוימעלע, וואָס וואַקסט באַ אַ הילצערנעם פּלויט, ווייל מען פֿאַרגעסט זיך עס אַליץ אַרומצוהאַקן. באַ אַזאַ בוי־מעלע גייען די צווייגן נישט אַרויס גלייך ווי באַ אַלע איבעריגע בוימער, וואָס וואַקסן נישט לעבן אַ פּלויט, נאָר מאָדנע אין דער קרים און בויגנדיג אַזוי, און קאַפּריזנע, מיט קליינע שליאַכעלעך איבער זיינע צווייגן צו דער זון.

אַ פּלאַניק, וואָס איז בלויז אַ צו־להכעיס׳דיגער חלום פֿון אַ קראַנק־צעשפּרייטער פֿאַנטאַזיע.

אָט אַזוי פֿאַרקרימט און אייסגעבויגן איז דאָס איינגעלע גע־וואַקסן, ווייל עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן. נאָר זיין קערפּערל־נשמה׳לע האָט זיך אויף איר אייגענעם אופֿן און דורך פֿאַרקרימטע שטעגלעך געצויגן צו דער ליכטיקייט פֿון דער זון פֿאַר חיונה.

ה

פֿאַמעלעך אַזוי איז ער אַלט געוואָרן זעקס יאָר.

קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט אפילו ווי אַזוי דאָס איז געשען.

עס איז געווען, דוכט זיך, אַ פּורים־אָוונט. זיינען פֿריינט און קרובים געקומען צו דער סעודה צו זיינע טאַטע־מאַמע. רופֿט זיך אָן אַ געפּאַקט־גופֿ׳יגע קרובה:

— זע נאָר, ווי ער איז דאָס ד׳יר אַזוי אויסגעוואַקסן, דער דאָ־זיגער קאַראַפּוזיק! ווי אַלט אַ שטייגער, ציפּע, קאָן ער דאָס זיין?

ציפּע — אַזוי האָט געהייסן ראַוב׳על׳ע׳ס מאַמע — האָט אויף אים אַ קוק געטון, און איר איז מיט אַ מאָדנער פֿרעמדלעכער וואָ־רעמקייט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס דאָזיגע איינגעלע, אויף וועמען די פֿעטע קרובה טייטלט מיט די דיקע קורצע פֿינגער, איז עס אַ טייל פֿון איר לייב, און איז אַמאָל אַ פֿאַרבלוטיגטער אַרויסגעקומען פֿון

איר טראַכט. זי האָט זיך אַ ווייל פאַרטיפט, געמאַכט געוויסע חשבונות, און האָט ארויסגעזאָגט מיט אַ פאַרטראַכטן קוק אויף אים:

— ער מוז דאָך שוין, הפנים זיין, זעקס יאָר אַלט.

האָט ראוב'על'ע געוואוסט איצט, אַז ער איז שוין זעקס יאָר אַלט. נאָר וואָס איז דאָס אים אָנגעגאַנגען? ער האָט ניט פאַרשטאַנען עפּעס, און איז ווייטער געוואַקסן.

ו

ער האָט אָנגעהויבן גיין אין סקול. און דאָ האָט די פאַרזעסענע מויד מיט'ן גרינעם פּנים, זיין „טיטשערין", די ערשטע באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים. אין מיטן אַ טאַנץ קאַראהאָד, אין מיטן אַ קינדער־שפּיל, פלעגט ער בלייבן שטיין אָן אַ זייט, און זיך פאַרטראַכטן, אַ דערביי שטייענדיגער מענש האָט דאמאָלס ניט געקענט וויסן, צו וועמען ער פלעגט עס שמייכלען, מיט אַ פינגער'ל פאַרשטעקט אינ'ם מויל.

ער פלעגט זיך צוהערן צו אַ וויַיטן געזאַנג.

אין דער בלויער לופט האָט עס פאַר אים געזונגען. דער אַספאַלטענער ברוק פונ'ם סקול־הויף, און די הויך־רויטע מויערן פון דער שול־געביידע פלעגן צערונען ווערן אין דער בלויקייט ווי צעשמאָלצן פון דער זון. די קינדערלעך האָבן גאָר געטאַנצט אין אַ גרינעם פעלד באַשפּרייַנקלט מיט בלימלעך פון רויט, און בלוי, און ראָזע, און לאַווענדער. די קינדער אַליין זיינען געווען בלימלעך, וואָס האָבן זיך באַוועגט. עס האָט געשיינט אַ סך זון, אַ גרעסערע זון און אַ גאָלדענערע, ווי די, פון וועלכער מען האָט דאָ אין הויף געזען בלויז אַ קליין פּענעצל, ווי פון אַ גאָלדענער בולקעלע. אינגלעך און מיידלעך, אָנגעטאָן אין וויַיסן, מיט נאַקעטע פיס און אַנטבלויזטע קעפּ, צעשויבערטע, האָבן געטאַנצט אין פעלד, האָבן הויך געלאַכט און געזונגען:

— ליאַ־ליאַ... ליאַ־ליאַ... ליאַ־ליאַ...

ז

אומגערן, צי גערן — פאַרוואָס זאָל אַ קינד עפּעס זיך פאַרטראַכטן, און זיין אַנדערש, און ניט שפּילן זיך אַזוי און אין דער זעלבער צייט ווי די איבעריגע — האָט מען אים אומגעוואָרפן אויפ'ן האַרט־שטייפן אַספאַלט פונ'ם סקול־הויף. קליינע ליבלעכע פיסלעך פון זוניגע קינדער האָבן אויף אים געטראָטן, זייער קינדיש

געלעכטערל האט דערביי פריידיג געקלונגען, ווי צעשטויסענער זונען־שטויב.

אז די לערערין האט אים אויפגעהויבן, האט פון ראוב׳עלעס נעזעלע גערונען בלוט. און ,יין ווייסע בלוזקע איז געווען מיט דעם פארשמירט, און זיינע פיסלעך זיינען געווען צעדראפעט און צע־קרעלט, ווייל אין די קינדער־שיכלעך וואס האבן איבער אים גע־טראטן, זיינען געווען טשוועקלעך, קלייניקע אזעלכע, און ליבינקע.

איז די לערערין שוין דא אויפ׳ן פלאץ געקומען צום ערנסט־געלערטן באשלוס, אז ראוב׳עלע איז נישט קיין לייטיש קינד, טרינקט מסתמא נישט קיין מילך אין דער פרי, און שטאמען שטאמט ער געווים פון ארימע אומוויסנדע ארבעטער, גיכער פון אלץ, פון אויסלענדער.

האט זי אנגעשריבן א צעטל צו זיין מאמען, און אים געהייסן ער זאל עס מיטנעמען מיט זיך, גייענדיג א היים.

נאך אלעמען איז ער דאך געווען א גוט קינד, און האט זיך שוין אין אלץ געהאט פארגעסן.

שפעטער האט ער אוועקגעטאנצט אהיים. דעם גאנצן וועג האט ער געזונגען און געשפרונגען — עס איז געווען אזוניגער טאג, און א בלוי־קייט א באגאלדעטע איז אומעטום צעשפרייט געווען. האט ער אריינ־געטאנצט אין הויז און דעם צעטעלע דער מאמע׳ן איבערגעגעבן. א מתנה פון דער דרויסנדיגער זון.

ח

די לערערין איז, עס האט זיך באלד ארויסגעוויזן, געווען טאקע גערעכט: פארט א געבילדעטע מיידל, און דאס יונג־רויטע בלוט פון זיך ארויסגעשטודירט. ראובעלע׳ס מאמע איז טאקע גע־ווען אן אומוויסנדיגע אויסלענדערין, און האט דעריבער דעם צע־טעלע ניט געקאנט איבערלייענען. נאר אז זי האט א קוק געטון אויף ראוב׳עלען און דערזען, אז זיין ווייסע העמדל איז אויסגע־שמירט מיט בלוט און קויט, און בלוט איז בא אים פארגליווערט אויפ׳ן פנים, און דאס נעזל איז צעדראפעט, איז אין איר אנגעצונדן געווארן דער כעס: סטייטש, ערשט אין דער פרי אים אנגעטון אין ווייסן, און שוין איז ער באשמוציגט!

אויף די הענט האט זי געהאלטן א קליין עופה׳לע — איר פלעגט אומגעפער יעדן יאר צוקומען איינס — האט זי עס געגעבן א זעץ אנידער אויפ׳ן טיש.

האט דאס עופה׳על אָנגעהויבן מאַכן געוואַלדן,
איז דער מוטער׳ס רציחה נאָך מער געשטיגן.
זי האט אָנגעכאַפּט ראוב׳עלען און אים אָנגעהויבן טרייסלען, ווי א באַרען־בוימעלע, וואס וויל קיין בארעלעך ניט לאָזן פאַלן, און אים אָנגעהויבן נהרג׳ען.
— וואס וויל ער האבן פון איר לעבן? ער וועט זי דאָך יונגערהייט אין קבר אריינברייגנען! ערשט היינט אין דער פרי אים אָנגעטאָן אין ריינע זאַכן! קיין כח האט זי דאָך שוין ניט מער צו וואשן אים די בלוזקעלעך יעדן טאג! אויסגעריסן ווערט זי פון אירע קינדער, ווערט זי דאָך! און צו וואס האט זי גאָר איינגאַנצן אים געדאַרפט ברייגנען אויף דער וועלט?
— הא?
און האט ראוב׳עלען איינגעטיילט א היפש ביסל סטוסאקעס און בוכטשעס אין די זייטעלעך אריין.
דער "הא" באַ איר האט זיך פרעגעריש־פאַרוואונדערט גע־קנוילט, ווי א רינגל סיגארעטל־רויך, אין דער ליידיגער חדרים־לופט. האט קיין ענטפער ניט געקראָגן, זיך דעריבער אין א ווינקל איינגעקאָרטשעט און צערונען געוואָרן.

ט

זיכער האט ראוב׳עלע געוויינט, ווייל עס האט אים וויי געטון. און וואָס אַנדערש קאָן אַ קינד טון, ווען עס טוט וויי? א לייב איז באַ אים געווען אַן איידעלער, און א דינגלעכער. ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון דינעם אויסגעבלעזלטן גלאָז.
ער האט אפילו ניט פאַרשטאַנען וואס די מאַמע וויל מיט אירע טענות: "וואס וויל ער פון איר לעבן? און צו וואָס האט זי אים נאָך געדאַרפט ברייגנען אויף דער וועלט?"
— ווער האט זי דען געבעטן?
און דער עיקר:
— פון וועלכער וועלט האט עס אים די מאַמע אַהער גע־בראַכט? —
האט ער געוויינט, און געוויינט, און האט אויפגעהערט, ווי עס הערן אויף דו וויינען אַלע.
שפּעטער האט אים די מאַמע עסן געגעבן, האט אים וואָר־טשענדיג דאס פאַרבלוטיגטע נעזל ארומגעוואַשן. דאס קליינע איינגעלע האט זיך אין אַלץ פאַרגעסן. ער האט בלויז געטראַכט ווי אַזוי

עס קאָן אויסקוקן יענע וועלט, וואו ער איז פֿריער געווען, און פֿון וואַנען ער איז אַהער געקומען. און באַלד האט ער אָנגעהויבן שמייכלען, ווייל ער האט זיך דערמאָנט אָן זאַכן, וועלכע זיינען אַמאָל מיט אים געשען. אָבער ער וואָלט ניט געקענט אָנרופֿן די זאַכן מיט׳ן נאָמען.

ער האט זיך פֿאַרקליבן אין זיין ווינקל. דאָרטן האט ער א קליין דעסקעל געהאַט מיט שופֿלאָדעלעך און קעסטעלעך און צוגעלעך, און וואַגאָנטשיקעס, און קליינע שיפֿעלעך. ער האט אַזוי ליב געהאַט די צוגן און די שיפֿעלעך. ער האט געוואוסט, אַז אויף זיי פֿאָרט מען. ער וועט נאָך אַמאָל אַוועקפֿאָרן אויף זיי אין ווייטע לענדער. און אַז עס וועט אים באַשערט זיין, וועט ער נאָך אפשר יונגערהייט אָנקומען אין יענעם לאַנד פֿון וואַנען ער איז אהער געקומען.

י

אָוונט שטילער האט ארונטער גענידערט. ער האט פֿארבלויט און פֿאַרווייכט די ארומיגע גאַסן און ליידיגע פֿעלדער. האָט אַרומגעטוליעט די הייזער, און ראוב׳עלעס יונגע וואונדן.

ער האט זיך אָן די קלעפּ פֿאַרגעסן.

נאָר אין אָוונט, דעם שטילן, און דעם בלויען, איז דער פֿאַפֿאַ פֿון דער אַרבעט געקומען, א מידער, א האַלב־טויטער און א מאָגער־דיגער. באַם עסן האט אים די פֿרוי, וועלכע האט אים שטאַרק־שטאַרק ליב געהאַט, דערציילט דאס באַטאָגיגע. פֿאַרוואָס זאָל זי דען זאַכן פֿון איר אייגענעם מאַן באַהאַלטן? איך בעט אייך, פֿאַרוואָס?

דער ראוב׳עלע איז גאָר עפּעס א ווילד קינד, ווי ער וואָלט געוועזן אויסגעוואַקסן אין דעם מדבר. ער פֿאָלגט קיינעם נישט, נישט דער מאַמען, נישט דער לערערין. ער קריכט אוים אין אַלע לעכער. ער שמירט זיך אוים, ער שלאָגט זיך ארום מיט אַלע קינדער, זיין האַנט איז אין אַלעמען, און אַלעמענס איז אין אים. אָט האט ער זיך צעשלאָגן מיט א באָיטשיקל אין סקול. די לערערין האט צוגעשיקט א בריוועלע, אין וועלכן זי שרייבט, אז מען וועט אים, ראוב׳עלען, פֿון סקול ארויסוואַרפֿן.

און זי האט דעם מאַן דערלאנגט דאס צעטעלע.

— נא, זאל ער עס אויך איבערלייענען!

נאָר דער פֿאַפֿאַ האט דאס בריוועלע ניט איבערגעלייענט. ערשטנס איז ער געווען מיד. צווייטנס, קאָן ער דאָך נאָך זיך פֿאַר־לאָזן אויף זיין אייגן ווייב?!

ער האָט געגעסן דעם קאָמפּאָט. די ליפּן און אַ שטיק מאָרדע זיינען באַ אים געווען איינגעשמירט אין געקאָכטע עפּל מיט אָרענזש־שאָלעכץ. עס איז געווען געשמאַק — אַ חיות. האָט ער אַלע ווײַלע אַרויסגעשטעקט אַ בלוילעכע געשטופּלטע צונג און עס אַרומגעלעקט. ער האָט געקוקט, איצט, זיס־באַלעקנדיג זיך, אויפ'ן ווייב און צו איר אויף אַ וואַרעם־היימישן אופן געשמייכלט.

ער האָט עפּעס וואַרעם־צופרידענע מחשבות געהאַט.

אין דער יוגנט איז ער געווען אַן אָנהייגער פון פּיראָגאָוו'ס און פּעסטאַלאַצי'ס שיטות פון קינדער־דערציאונג. קינדער דאַרף מען אַ סך פרייהייטן געבן. לאָזן ווי גרעזעלעך אין פעלד וואַקסן, און נאָכפאָלגן זייער אייגענע, אין זיך פאַרהוילענע און פאַר אַ זייטיג אויג אומגעזעענע אַנטוויקלונגס־געזעצן.

זיכער אַזוי.

דאָס איז געווען אין דער יוגנט.

איצט איז ער, ווי אַלע מענטשן, עלטער געוואָרן, טעמפּיגער — „קלוגער", האָט עס געהייסן — מידער, אַזוי מיד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער דאָך שווער אין שאַפ געאַרבעט, נו, ניש'קשה, אים אויך האָט די וועלט שוין לאַנג אויף האַלב־טויט פאַרשמיסן.

יא

אַז ער האָט מיט'ן צונג שוין געהאַט אַרומגעלעקט דעם קאָמפּאָט־טעלער, איז ער אַריין אין דער פאַרלאָר. האָט ראובֿ'עלען צו זיך צוגערופן, אַ שפּילצייג אים געוואָלט געבן. ער האָט אים אָנגענומען באַ די הענטלעך און צווישן די קני אַנידערגעשטעלט. אַ וואַרעמקייט האָט זיך אים איבער'ן לייב צעשפּרייט. די קני האָבן זיך אים געטרייסלט.

און ווי קאָן מען עס גאָר צו אַ קינד ריידן, און דערוויזן? טאַקע ווי אין אַנדערע חשוב'דיגע ביכער איז געשריבן, אַז באַ אַ קינד זיינען נאָך די מאַרך־צעלן נישט אַנטוויקלט. און די צעלן פון באַנעמען און פאַרשטיין פעלען נאָך גאָר אין גאַנצן. היינט ווי קאָן מען גאָר צו דעם ריידן און געבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַנעמען זאַכן? אַ קינד איז, שטייט דאָרט ווייטער, געשריבן, אַ ווילד חיה'לע, וואָס האָט אויף זיך קיין אחריות־געפיל און קאָן גאָר ניט טראַכטן, און רייסט אַלץ, און ברעכט אַלץ, און אויף אים ווירקט בלויז איין מיטל: מורא פאַר שטראָף.

האָט ער ראוב'עלען צו זיך אויף די קני אַרויפֿגעשלעפּט, מיט'ן רוקן אַרויף. געוואונדערט האט זיך דאָס אינגעלע איבער'ן נייעם שפּיל, וואס דער פּאַפּאַ גייט האָבן מיט אים איצט. געוואונדערט זיך, און געוואַרט, און געקנאַקט מיט די ליפּעלעך.

דער פּאַפּאַ האט אים אָנגעהויבן די הויזעלעך אַרונטערנעמען. די הענט האָבן אים געציטערט פֿון אויפֿרעגונג, ווען ער האָט אים די הויזן־קנעפּעלעך פֿאַנאַנדערגעשפּילעט, ווי באַ א יונגן באלע־בעסל, ווען ער טוט זיין פֿרוי די קליידער אויס אין מינוטן פֿון ליבע. ראוב'עלע האט זיך געוואונדערט, און געוואַרט, וואס פֿון דעם וועט אַרויסקומען.

אָן א זייט איז די ווייב געשטאַנען און געקוקט מיט פֿאַרצאַ־פּלטע אויגן און הארץ. דער מאן האט אויף איר ווארעם־כעס'דיג א קוק געגעבן. האט זי דעם בליק ניט אויסגעהאלטן, און מיט רוגזה און פֿארדראָס וואס זי קאן דערביי ניט זיין, אין שלאָפֿצימער אַריין.

—דו וועסט ווייטער ניט פֿאָלגן א מאמען? ניט פֿאלגן א לע־רערין? ניט פֿאָלגן א פּאפּאַ'ן? אויסקריכן אַלע לעכער? פֿארשמירן דיינע ריינע העמדעלעך?

ער האט געשמיסן ראוב'עלען איבער'ן ווארעמען לייב מיט זיין הויזן־רימען, צוערשט פּאמעלעך, אומזיכער, דערנאך — וואַרעמער, שטארקער מיט מער חשק. דאס אינגעלע האט צוערשט עס ניט פֿארשטאַנען, געמיינט אז דאס איז עפּעס אזא שפּיל, אַ מאדנע, דערנאָך האט עס אים אָנגעהויבן ברענען דעם לייב. האט ער אָנגע־הויבן שרייען־לאַכן, דערנאך — איז דאס לאכן אין זיין העלזעלע געבליבן און די שטוב האָט בלויז פֿארנומען זיינע געשרייען.

און אז דער אינגעלע האט מער געשריען איז דער פּאפּא וויל־דער געוואָרן, און מער געשמיסן. די אויגן האבן אים געברענט, און דער גאַנצער קאפּ האט אים געקלונגען. די ליפּן האבן צעקרימט גע־שמייכלט פֿון תענוג, און א סלינע, א געדיכט־קאלעמוטנע איז אים פֿון מויל גערונען.

אין דעם שמיל־בלויען אָוונט אריין האט דאָס אינגעלע געשריען. די אויגעלעך האט ער פֿאנאנדערגעגלאצט, ווייל ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין דאָס שפּיל.

יב

שפּעטער אַביסל האָט איִם די מאַמע פֿון דעם טאַטע׳ס הענט אַרויסגענומען.

— אין דער אמת׳ן, עס איז שוין גענוג — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אים אַרומגעוואַשן דאָס פּנים, אים אויסגעטאָן און שלאָפֿן אַנידערגעלייגט.

אַליין איז זי אויך אין איר שלאָפֿצימער אַריין. וואו דער מאַן אירער האָט זיך שוין געפֿונען. אַ כעס׳דיגער און אַן אומצופֿרידנ־געשטעלטער, האָט ער די שיך מיט אַ הילכיגן קלאַפּ אויף דער פּאָדלאָגע געוואָרפֿן. זיי זיינען געפֿאַלן און געבליבן ליגן שטיל.

באַלד איז ער אַן אויסגעטאָנענער און אַן אויפֿגערעגט־ציטערנ־דיגער אין בעט געלעגן, און אויף דער ווייב געוואַרט.

אַ גרויזאַמע ליבשאַפֿט האָט זיך אין איר איצט אָנגעצונדן צו איר מאַן. זי האָט זיך אויסגעטאָן, און זיי האָבן זיך ביידע שלאָפֿן געלייגט.

יג

פּאָוואָליע האָט זיך די אָוונט־בלויקייט ווייטער געוויקלט פֿון דער נאַכט שפּולקע אַרונטער. עס איז געוואָרן פֿינסטערער און טונקעלער.

איצט איז שוין שפּעט. די גאַנצע אָוונט־בלויקייט האָט זיך שוין אַרונטערגעוויקלט, און אַוועקגעגאַנגען מיט דער סטעזשקע פֿונ׳ם טאָג.

עס איז נאַכט.

ראובֿ׳על האָט געשריען, ביז וואַנען די כחות זיינען אים אויס־געגאַנגען. דאָס געוויין האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסזען אַ פֿרעמדער, ניט־זיינער. אַ ווייל האָט ער נאָך בכיון געוויינט, כדי זיך איינצו־הערן, ווי אימעצער אַ פֿרעמדער וויינט אין דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט. און דער פֿרעמדער געפֿינט זיך אין אים אַליין. נאָר באַלד האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר׳ן פֿרעמדן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איינשלאָפֿן אָבער האָט ער ניט געקענט, ווייל דער לייב האָט אים געברענט, און ס׳איז אים געווען היים.

ער איז ניט געווען אין כעס אויף קיינעם. עס איז נישט געווען זיין טבע צו זיין אין כעס אויף אימעצן. בלויז איין מאָל איז ער כמעט אין כעס געוואָרן, נאָר וועגן דעם וועט דערציילט ווערן שפּע־טער. איצט האָט ער בלויז געוואוסט פֿון איין זאַך: דער לייב שמערצט אים. דער לייב ברענט אים.

מער נישט — ער האט נישט פֿאַרשטאַנען.

ער האט נישט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס האט דאס דער טאַטע געדאַרפֿט טון אַזוי, אַז עס זאָל אים ווי טון? עס זיינען דאָך דאָ אַנדערע שפּילן, דער פֿאַפּאַ איז עפּעס אַן אַנדערער געוואָרן, אַ נייער. ער האט זיך געמוזט אַן עטוואָס פֿאַרגעסן, און מער ניט געוואוסט ווי צו ריידן מיט אים, ראוב׳עלען.

דער פֿאפּא האט זיך, הפנים, פֿאַרטראַכט אָט ווי ער, ראוב׳עלע, האט זיך אמאל פֿאַרטראַכט אין סקול־הויף און באַלד דערויף האָט עס אים גענומען וויי טון, און בלוט איז גערונען. און איצט איז אויך אזוי געווען, דער פֿאַפּאַ האָט זיך געמוזט פֿאַרטראַכטן, און דאַן איז עס געשען.

אָ, אַז מען פֿאַרטראכט זיך, געשען אַמאָל אַזעלכע מאָדנע זאַכן! אַמאָל טוט עס ווי באַלד נאכדעם, און אַמאָל איז עס גוט.

און אפשר האָט זיך אים עס אויסגעדוכט? זיכער, דאס האָט זיך אים בלויז אויסגעדוכט. עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז דער פֿאַפּאַ זאָל עפּעס אזוי מאדנע זיין, און זיך אַזוי פֿרעמד־ווייטאָגדיג מיט אים שפּילן. דאָס האט זיך אים, ראוב׳עלען, בלויז א ו י ס ג ע ד ו כ ט. אַז מען האָט אים געשמיסן, עס איז גאָרניט געווען, גאָרניט.

עס האט אים געפֿיבערט, א היץ האט אים ארומגעוויקלט, זיין מח׳ל האט זיך ניט געקאָנט בארואיגן. אפשר האט ער געטון אַזוינס, וואס איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין? —

אַ, יאָ!

איצט ווייס ער שוין.

ער האט די הילצערנע פֿערדעלעך און שיפֿעלעך אין מיטן שטוב איבערגעלאָזן. האט זיך די מאמע איבער א קליין אָקרענטל דעם פֿוס פֿאַרטשעפּעט. האט זי דעם פֿאפּא דערציילט.

נאָר דער פֿאַפּאַ איז דאָך אַלע מאָל אַ שווייגנדיגער און א גוּטער. פֿאַרוואָס־זשע טוט עס אים אַזוי ווי? ער האט זיך געביסן דעם קולאַקל, און זיך געשראָקן צו שרייען אין מיטן דער נאַכט.

דעם צווייטן מאָל אַז ער וועט זיך שפּילן, וועט ער די וואַגאָנטשיקעס און די שיפֿעלעך טיפֿער און נענטער אַרום זיך אַרומשטעלן, און וועט זיך אונטער זיי באַהאַלטן.

פֿון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך באַהאַלטן אונטער די שיפֿעלעך.

יד

באַ דעם דאָזיגן געדאַנק איז אים בעסער געוואָרן. דער ווייטאָג האָט זיך מער ניט געפילט.

די נאַכט איז געווען שטיל און האָט געציטערט.

וואָס איז דאָס? — רופט זיך אָפּ ראוב'עלע.

ער האָט דערהערט טריט און אַ שטיל געזאַנג. טריט אויף יענער זייט וואַנט. אַ מענש האָט דאָרטן האַסטיק און פאַרשפּאַרט אַרומגעשפּאַנט. אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, און אַ סטעזשקע איבער דער פּאָדלאָגע אויסגעטראָטן, אַ ליכטיגע. אַרומגעשפּאַנט און — ער האָט מער ניט געזונגען.

ער האָט געוויינט.

ראוב'עלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. האָט זיך אָנגעהויבן אויפהויבן פון זיין געלעגער און זיך רוקן צו דער וואַנט. אין דער מינוט האָבן די טריט אויף יענער זייט אויפגעהערט. ער האָט צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ צו דער וואַנט.

יענער מענש, דער וואָס האָט פריער געוויינט — איצט האָט ער שוין מער ניט געוויינט — האָט אויך דאָס זעלבע געטון. זיי האָבןביידע די קעפּ געהאַלטן אָנגעשפּאַרט איינער אָן דעם אַנדערן, נאָר די וואַנט איז געווען צווישן. יענער האָט צו אים גאָרניט גערעדט, נאָר בלויז געגלעט אים.

ראוב'עלען איז געוואָרן וואַרעמער, הייס. ער האָט געשמייכלט פון גוטסקייט און זיך געטוליעט צו דעם אומגעזעענעם אויף יענער זייט וואַנט. ער האָט זיך געפילט מיד. אַ זיסע פאַר'חלש'ט־קייט איז אים באַפאַלן. ער איז גאָר שוואַך געוואָרן און אַנידער געפאַלן אויף זיין געלעגער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָן אָפענעם מיילכל.

טו

פלוצלונג איז געוואָרן ליכטיג אַרום אים.

אין שטוב איז אפילו געווען טונקל. טאַטע־מאַמע האָבן ערשעפטע און תאוה־אויסגעמאַטערטע געכראָפּעט. נאָר אַרום איז דאָך געווען ליכטיג. גאָלדענע רעדער האָבן זיך אים פאַר די אויגן געדרייט. אַ גרויס ליכט וויקלט אים אַרום, אַ ליכט, ניט קיין זומערדיגע און ניט קיין ווינטערדיגע.—

אַ גרויס בלוי ליכט.

אויף אַן אָקרענט איז ער געפאָרן איבער אַ בלוי־באַגאָלדעטן וואַסער. געגנז אַזעלכע ווייסע שווימען אויפן וואַסער. זייערע הויך־

שנייאיגע העלזער בויגן זיי אין גליטשיגע האַלב־און פֿערטל־קרייזן. ער שווימט אויפֿ'ן וואַסער, אויפֿ'ן רוקן פֿון א ווייסן גאַנז. א נאַקעטליכטיגער איז ער און שמייכלט מיט־ווייט־קוקנדיגע אויגן. אין האַנט האלט ער אויפֿגעהויבן א גאָלדענע רוט, מיט וועלכער ער ווייזט אָן דעם וועג דער גאַנז. שטיל שווימט ער איבער'ן באַגאָלדעטן און זוניגן וואַסער, צו אן אומבאקאנטן און וויטן לאַנד.

טז

אויף מאָרגן איז ער אויפֿגעשטאַנען מיט א שמייכל אויף די ליפּן. ער איז ארומגעגאַנגען א שטילער, און מיט א וואונדערנדיג געפֿיל ארומגעטאַפּט די זאַכן און דאס מעבל אין די חדרים, ווי ער וואָלט זיי ערשט צום ערשטן מאָל דערזען. אָדער, ער האט זיי טאַקע אמאל שוין געזען, נאָר א לאנגע צייט איז ער געווען אָפּגעשיידט פֿון זיי, ווייל ער איז ערשט היינט אין דער פֿרי צוריקגעקומען פֿון א לאַנגער נסיעה.

ער האט געקוקט אויף זיין קליין שוועסטערל, וועלכע איז שוין העכער פֿיר יאָר אלט געווען, און עס האט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער זעט עס צום ערשטן מאָל. זי איז איצט א נייע, און א נאָך־קיינמאָל געזעענע.

דער טאַטע איז אין הויז שוין ניט געווען. און אז די מוטער איז אין קיך אויף א ווילע אָפּגעטראָטן, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם פֿרעמד־נייען שוועסטערל, און מיט א סוד־וויכטיקייט און א שמייכל אין די אויגן, ווי בא איינעם, וואס האט געזען זאכן, איר אָנגעהויבן צו דערציילן.

— ווייסט?... עס איז דאָ א בלוי וואַסער, און זיינע ברעגן זיינען באַגאָלדעט, און שיפֿן גייען דאָרטן. און צווישן זיי שווימט אן אָקרענט אזא, ווי א ווייס־שנייאיגער גאַנז מיט אן אויסגעבויגן־קיילעכדיגן האַלז. און אויף דעם שיף וועל איך נאך אמאָל אַוועקפֿאָרן, ווייל — — —

די מוטער איז אריינגעקומען. האט ער אָפּגעהאַקט זיין דערציילונג. עס איז שוין צייט צו גיין אין סקול.

אָן די שמיץ האט ער זיך שוין פֿאַרגעסן.

און אויפֿ'ן וועג אין סקול האט ער אונטערגעשפרונגען.

יז

אָט אזוי איז ער ווייטער געוואָקסן.

ער איז געווארן שטילער, שווייגנדיגער און אין זיך פאַרטון. מיט די ארומיגע האט ער גאניץ ווייניג מחזקות געהאט. פון צייט צו צייט פלעגט ער נאָך קריגן א זעץ פון דער מאַמען, ווען ער פלעגט אזוי בלייבן זיצן באַם טיש בשעת'ן עסן, מיט'ן לעפל אין מויל, און זיין רעכטע האַנט אומבאַוועגלעך באַם לעפל־הענטל.

— פרעס, צו אלדי שוואַרצע יאָר!... דו ס'ט פאָפן שפעטער!

האט ער אָנגעהויבן עסן גיכער, און פלעגט זיך די צונג אָפּ־בייסן, און די ליפן אָפּברענען, און איז געוועזן צופרידן ווען ער האט באַלד געקענט פון טיש אוועקגיין.

און אַרן האט עס אים מער ניט געאַרט, ווייל עפעס האט ער דאָך געוואוסט, וואס קיינער ארום אים האט עס ניט געוואוסט.

און ער איז ווייטער געוואַקסן.

יח

ער איז שוין געוועזן אַכט יאָר.

מען האט זיך צו אים צוגעוויינט און אָנגעהויבן לאָזן צורו. אי טאַטע מאַמע, אי די לערערין.

— א תמ׳עוואַטע קינד. א פאַרפאַלענער. גאָט'ס קללה.

און אים האט זיך אליך גע'חלומ'ט א וואַסער מיט אָקרענטן.

באַנאַכט, אויפ'ן געלעגער, פלעגט ער הערן דאס ווייטע פייפן פון לאָקאָמאָטיוון. אן אייזנבאַן־ליניע האט זיך געפונען אַ מייל־צוויי פון זייער הויז. באַנאכט פלעגט די אייזן־באַן־ליניע, צוזאמען מיט די דורכלויפנדיגע צוגן, נענטער ווערן, און צוקומען צו די פענסטער פון ראוב'עלעס חדר, און דורכלויפן דאָרטן פון זיין פאַרגעניגן וועגן.

ער האט דאַמאָלס ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים געהויבן פון געלעגער. א הוילער, אין דעם ווייסן לאַנגן שלאָפ־העמד — ער האט זיך ליב געהאַט אין דעם לאַנגן שלאָפהעמד, ווייל אַזוי האָבן זיך מענשן געמוזט אָנטאָן אין די ווייסע לענדער, וואָס מען זעט אין דער בלויקייט פון דער נאַכט — האט ער זיך אויף די שפיץ־פינגער צום פענסטער צוגע'גנב'עט, און מיט'ן בלייכן שטערן דורכ'ן פענסטער צו דער נאַכט זיך געבוקט.

די נאַכט איז א וואונדערבאַרע פליסיקייט, וואָס פאַרבט אלע זאַכן אָפּ אויף'ס ניי. א נייע וועלט הויבט זיך אויף, א נאָך־ניט־

10

געזעענע. די באַטאָגיגע הייזער ווערן אין אויסטערלישע פאלאַצן איבערגעאַנדערשט. מיט טורעמס און דינע טורעם־שפיצן, ווי זילבערנע נאָדלען. און אזוי פֿיל לאַמטערנעס, און פֿייערן, און ליכטפינטעלעך... ווי אין א שטאָט, וואס איז ניטאָ.

אָט אין אַזעלכע נעכט איז עס באַ ראוב׳עלען פאַמעלעך געוואַקסן דער געדאנק, אַז דאָ צווישן די אַרומיגע, איז ער בלויז אויף א ווײַלע. אָט דעריבער, הפּנים, איז שוין באַ אים אַלע מאָל א שטיל שמייכל ארום די ליפּן געלעגן, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז אין א געוויסן טאָג וועט ער א מאַך טון מיט זיינע הענט־פֿליגלען, זיך אויפֿהויבן — און ניט ווערן.

אַז ער וועט עלטער ווערן, איז באַ אים געבליבן, וועט ער אַוועק פֿון דאַנען, און א פֿאָר טון אין ווייטע לענדער. לענדער, וועלכע זיינען פֿאַרשידן און אַנדערשדיג, ווי דאָס לאַנד, אין וועלכן ער וואוינט. די מענשן זיינען דאָרט גייע, אָנגעטאָן אין ווייסן, און שמייכלען, און אַלץ. דאָרט וועט ער קענען זיצן באַם ברעג פֿון א גלאַטער בלויקייט, און זיך פֿארטראַכטן, און מען וועט אים בשעת מעשה, ניט איבערפֿאָרן, און מיט די שיכלעך אויף אים ניט טרעטן, און פֿאַפֿאַס וועלן דערפֿאַר ניט שמייסן, און מאַמעס וועלן ניט שלאָגן און שרייען, וואס האט ער צו זייער לעבן.

ער פֿלעגט שטיין באַם פֿענסטער און קוקן אינ׳ם דרויסן, וואס איז געווען באַזייט מיט נעלע און בלויע פֿייערן. דורכ׳ן פֿענסטער האט זיך א וואַסער אַרויסגעזען, און שיפֿן און פֿילמאַסטיגע דאַמפֿערס האָבן זיך איבער אים געצויגן. זיי זיינען ערגיץ געפֿאָרן. ער האָט ניט געוואוסט — וואוהין. ער האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז דאָס פֿאָרן זיי אַוועק, פֿון הי, ווייט פֿון דאַנען, אין די לענדער, וואס מעבר לים.

יט

ער איז עלטער געוואָרן.

זיין לעבן איז, לויט אַלע אויסערלעכע סמנים, געגאנגען ווי געוויינלעך דאס לעבן פֿון א קינד. מיט די איבעריגע שול־חברים האט ער זיך מיטגעשלעפּט פֿון איין קלאַס צום אַנדערן, פֿון א נידריגערן צו א העכערן. זיין הארץ איז אבער נים געווען דערביי, באַם לערנען, ער איז עם אלץ פֿארבייגעגאנגען, ווי א זייטיגער, ווי ער וואָלט געגאנגען אויף יענער זייט פֿון א פּלויט.

די לערערין פֿלעגט אים אָפּטמאָל מיט דער ווירע איבער די הענט שלאָגן, ווען ער פֿלעגט דעם אָרט אין בוך אזוי גיך ניט קאָנען

געפינען. די קינדער פלעגן פון אים אפלאכן, און זיך האלטן גרע־סער פאר אים. ער פלעגט זיך פארשעמען בשעת מעשה ווען די לערערין פלעגט אים כאפן מיט'ן פארברעכן אין האנט, און שווער איז אים געווען צו געבן א תירוץ פארוואס ער הערט זיך ניט צו דעם, וואס מען לייענט.

פלעגט ער פארשעמט ארונטערלאזן די אויגן. נאר געוואוסט האט ער באַ זיך אין הארצן, אז ער וויים מער פאר זיי, און אז נאך גרויסע און ווייטע זאכן זיינען אים באשערט אין לעבן, זאכן, פון וועלכע עס חלום'ט זיך זיי אפילו קיינמאל ניט.

אויב זיי חלום'ען גאר!

כ

אבער איין „סאבדזשעקט" האט ער יא ליב געהאט אין סקול. דאס איז געווען געאגראפיע. זיינע אויגן פלעגן שמאל־מאנדלדיג און ליינגלעך פארטראכט ווערן באם זוניגן, ווייט־זינגענדיגן קלאנג פון די אומבאקאנטע מקומות. זאנזיבאר... מאדאגאסקאר... פערנעמ־בוקא... ריא־דע־זשאניירא... קארידיליערען... סיערראנעווודא... פאמפאסען... לא־פלאטא... סאן־סאלוואדאר...

מיט די פינגער פלעגט ער באטאפן די גראווירטע אילוסטרא־ציעס אין די געאגראפישע לער־ביכער, און פלעגט דערביי האבן דאס געפיל אז ער רייסט זיך אן דער קארע פון געווירצט־באפארבטע בוימער אין הייסע טראפישע וועלדער, און אן דעם זאמד פון היים־צעגליטע מדבריות.

דערנאך פלעגט ער קומען אהיים. און אז עס פלעגט אוונט ווערן, פלעגט ער זיך אנידערשטעלן באם פענסטער און א לאנגע צייט קוקן אויפ'ן פאס פונ'ם לאנג איילאנד־סאונד, און מיט די אויגן נאכפארן די וויטלעכע פיל־פייערדיגע שיפן.

אזוי אוונט נאך אוונט.

כא

ראוב'עלע איז שוין איצט געווען א גרויסער אינגל. ער פלעגט פון צייט צו צייט אפילו א „טיי" אנטאן. שוין קרוב צו ניי יאר אלט געווען — האט ער שוין געוואוסט, אז אין ניו־יארק איז דא א האפן. פון דארטן גייען עס אפ אלע שיפן צו גאר די עקן פון דער וועלט.

וואו געפינט זיך אבער דער האפן? אט דאס דארף מען אויס־געפינען. און ווי קומט מען אהין?

און אז מען זוכט געפינט מען אויס. און גראָד איז דאס געווען דער פאַל איצט. א גליקלעך קינד איז ער געווען, דער ראובֿ'עלע, און באַשערט איז אים געווען נאך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן זיין הארצנס־באגער צו קריגן.

עס האבן זיך אין סקול עלטערע קינדער געפונען, וועלכע זיינען שוין געווען דערוואַקסענע, און פאר אזוינע זיך געהאלטן. האבן די ציגארעטן־שטיקלעך פון די טראָטוארן געקליבן, און נאָכ'ן סקול מיט פייפערס געהאנדלט, און אַ וועלט זיך דעריבער אנגעזען.

פון זיי האט ער זיך ביסלעכווייז דערוואוסט, אז עס איז דאָ אַזאַ זאַך אין ניו־יאָרק ווי דאַון־טאַון. און דאס איז א שטאָט אין א שטאָט, און א מדינה איז א מדינה. דאָרטן איז דאס ריכטיגע לעבן. פול מיט "אַדווענטשורס" און אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען. דאָרטן ווערן מענשן גע'הרג'עט, קינדער ווערן צוגעכאפט. מיידלעך ווערן ניט אונטער די הענט. כינעזער האַנדלען דארט מיט מאָדנע גע־ווירצן און אָבשרעקנדיג־צוציענדיגע מאכלים און איידל־בשמים'דיגע סמ'ען. און, דער עיקר — שיפן גיין אָפּ פון דאָרטן, א סך אָקרעטן אין די מדינות, וואס מעבר לים.

און אהינצו, אין פרעמדלאַנד — דער אָטעם ווערט פארכאפט און דאס האַרץ הויבט אָן גיכער צו קלאַפּן — איז גאָרניט אַזוי שווער צו קומען. ניין, גארניט.

מיט איין "ניקל".

מען נעמט בלויז דעם עלעווייטאר.

און די דאזיגע דערציילונגען זיינען אריינגעפאַלן אין דעם אינגל'ס האַרצן, ווי קערנער אין א שוואַרץ־צעווייכטער פרילינג־ערד, און האבן דארטן פאַנאַנדערגעבליט און פאַנאַנדערגעוואַקסן — בוימער אונטער א שטילן וואַסער. דער שטילער ווייסנדיגער שמייכל איז פון ראובֿ'עלעס פנים פאַרשוואונדן. שטיל איז ער גע־ווארן, און שטענדיג פאַרטראַכט. א ציטער האט אים אין גאַנצן ארומגענומען, א ציטערדיגע פרייד און אַן אָנגענעמער שרעק, ווי בשעת א מיידל נאַרט אָפּ א בחור.

עטלעכע וואָכן האט זיך ראובֿ'עלע געגרייט. ער האט געקליבן א פעני צו א פעני, און האט אויפגעקליבן צוואַנציג סענט. און אין איינעם א טאָג האט ער באַשלאָסן, אַז דאס איז דער טאָג.

ער האט בסוד איינגעפּאַקעוועט א פעקעלע, אריינגעלייגט אהין א פּאָר סענדוויטשעס, א ריין ווייס העמדל און אַ געאָגראַפיע־

בוך. האט א קוש געטאָן דער שוועסטערל, געזאָגט דער מאַמען, ווי געוויינלעך, „גוד־באַי", און אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב.

נאָר אַנשטאָט צו גיין אין סקול, איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט דער שטילער, ענגער גאַס, וואס האט געפֿירט צום עלעוויישעד־סטיישאָן.

און מער וועט ער שוין צוריק ניט קומען.

כב

ער איז געפֿאָרן און געפֿאָרן פֿאַרביי סטיישאָנס מיט אומבאַקאַנטע נעמען. דאס הערצל האט אים געקלאַפּט. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מען יאָגט זיך נאָך אים נאָך, וואס ער האט זייער געוואָלט, נאָר וואס דען — מען זאָל אים ניט כאַפּן.

ער האט זיך אָבער פֿאַרגעסן, וואו מען דאַרף עס אַרונטערגיין. נאָר איין וואָרט איז אים אין זכרון איבערגעבליבן. ער איז צוגעגאַנגען צום קאָנדוקטאָר און בא אים מיט א שטיל־פֿארשעמט קול געפֿרעגט, מורא האָבנדיג, אַז מען זאָל אויף זיין פּנים עפּעס ניט אויסגעפֿינען.

— וואו איז דאָ ערגיץ די באוערי?

דער עלעווייטעד האט געליאַרמט. אינ'ם שטאָל פֿון די טירלעך האָבן געבריאַזגעט די קייטן. א רויט־פֿאר'שיכור'ט געזיכט האט אים דער קאָנדוקטאָר צוגערוקט:

— א־וואָס?... וואס פּישעצטו?... רייד העכער!

ראובע'לע האט זיך געפֿילט, גלייך ווי ער וואָלט א טעלער זופּ אומגעקערט.

— די באוערי!... כ'מיין, די באוערי... איר ווייסט דאָך! וואו גייט מען דאָ ארונטער? כ'דאַרף נויטיג... איך בעט אייך, זאָגט!

דער קאָנדוקטאָר האט אים ארונטערגעלאָזן אויף טשעטהעם סקווער.

כג

ער איז ארויסגעפֿאַלן פֿונ'ם טריין, צוזאַמען מיט די איבעריגע פּאַסאַזשירן.

ער איז געבליבן שטיין און ניט געוואוסט, וואוהין ווייטער צו גיין, און וואוהין זיך צו קערן. ער איז מבולבל געווארן. נאָר ער האט אויפֿגעהויבן א פֿוס, און דערנאָך דעם צווייטן, און דערזען, אַז ער קען גיין.

האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט טרעפֿן.

עס האָט אים גערוישט אין די אויערן. ער האָט אויפֿגעהערט צו פֿילן און צו באַגעמען אײנצל־זאַכן, דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום אים. איין גרויס גערויש איז געווען אין אים און אַרום אים. ווי ער וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרויס וואַסער, און ער טרינקט זיך. און דאָס וואַסער בולבעט אין אים אַרײַן דורך די אויערן, דורך די נאָז־לעכער און דורך די אויגן־עפֿענונגען.

און אַזוי פֿיל מענטשן לויפֿן, זיי וואַרפֿן אויף אים אַלע ווײַלע אַ כעס׳דיקן בליק, פֿאַרוואָס ער פּלאָנטערט זיך זיי אונטער די פֿיס.

נאָר ער איז ווײַטער געגאַנגען. דער דראַנג צום ים איז געווען אין אים! ער האָט מיט די אויגן אַלץ געזוכט אַ בלויען וואַסער־פּלאַך, אָנגעפֿינטלט מיט שיפֿן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין׳ם כינעזישן קוואַרטאַל און געדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז שוין אין פֿרעמדן לאַנד. די מאָדנע שטרי־כעלעך־אותיות, די קיינמאָל־געזעענע געפֿאַרבט־זײַדענע קליידער און בלײַך־גערונצלטע געזיכטער, ווי מאַסקעס, די ענגע געדריי־דלטע גאַסן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אַלץ האָט צו טון מיט ערב־האַפֿן, מיט די זוימען פֿון אַ פּאָרט שטאָט.

ער האָט געבלאָנדזשעט, האָט ער ענדלעך באַשלאָסן צו פֿרעגן בײַ אַ דורכגייער דעם וועג. אַ וואויל־האַרציגער מאַן האָט אים פֿאַר־שמייעט־שמייכלענדיג אויף זײַן שאלה געענטפֿערט:

— אַהערצו, אינגעלע, נאָכדעם אַהינצו, אינגעלע. נאָר פֿאָר־זיכטיג, אינגעלע. מען וועט דיך נאָך איבערפֿאָרן, אינגעלע!

און ער איז ענדלעך אָנגעקומען אַ הינצו.

ער איז געווען אַ גליקלעך אינגעלע, און עס איז אים באַשערט געווען אָנצוקומען נאָך גאָר יונגערהייט צום אָרט פֿון זײַן בענקען און פֿאָרשונג.

כד

דאָס האַרץ האָט אים געצופּט, און ער איז שיִר ניט אומגע־פֿאַלן בײַם אָנבליק פֿונ׳ם האַפֿן. ער האָט זיך געמוזט אַוועקזעצן אויף אַ באַנק אין בעטערי פּאַרק.

עס איז געווען צופֿיל פֿאַר אים. אויף דעם אַלעם האָט ער זיך שוין ניט גערעכנט. אַזאַ בלויקייט! אַזאַ וואַסער־פֿעלד! אַ גאַנצע וואַסער־מדינה! פֿונ׳ם וואַסער טיילן זיך אויס פֿויגלען אַ זעלכע ווײַס־שנייאיגע, ווי די „קעפּלעך" שוימיגע כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך

אויף פון צייט צו צייט אויף דער איבערפלאַך פונ׳ם וואַסער, וואַלטן זיך אין דער לופט אויפגעהויבן, רויכן פון שיפן קרייזן זיך אוועק אין דער בלויקייט אריין, און שיפן אזוי פיל, און שיפעלעך און מאַסטן!

מאסטן, טונקעלע און שטיל־פאַרפלאָנטערטע, ווי חלומות־געוועבן, און אין איינעם פון אָט די דאָזיגע געוועבן, גאָר הויך, איז א מענטשל ארויפגעקלעטערט, און פון אונטן האט ער אויסגעזען ווי א פליג.

— ווי גוט עס איז אין דער הויך. טראַכט זיך דער אינגעלע.

און ער איז געזעסן שעה׳ען אויף דער באַנק, און אזוי דעם גאַנצן טאָג, און האט גאָר קיין הונגער ניט געפילט.

נאָר מען דאַרף דאָך דורכפירן דעם פּלאַן, און דאָ הויבט שוין אָן ווערן אָוונט, און רויט בלוט און צופלאָסענער גאָלד הויבן זיך אָן גיסן אין וואַסער אריין.

אין דעם אָוונט איז ער מיט שטילע אומזיכערע טריט צוגעגאַנגען צו א קליין פעררי־שיפל, וואס איז צוגעשוואומען צום ברעג.

דאס שיפל איז א פיראַטן־שיפל.

אַ מאַטראָס איז געשטאַנען באַם בריקל, וואס איז איבערגעוואָרפן געוואָרן פונ׳ם שיפל צום ברעג. ער איז צו אים צוגעגאַנגען, זיך שטאַרקער געטוליעט צום פעקעלע אונטער׳ן פאכווע, און אראָפּגענומען דאָס היטל.

גוט מאָרגען, מיסטער! דאס זייט איר דער קאַפּיטאַן?

א פליישיג רויט פנים, צעקארבט און צעגריבלט פון פאָקן, און קופער־פאַרברענט — ווי א פיראט האט דער מענש טאַקע אויסגעזען — האָט אויף אים צערייצט א ברום געגעבן.

— ניין! וואס איז דען? וואס דאַרפסטו דעם קאַפּיטאַן?

— איך בין געקומען אהער צו אייך. און אָט בין איך. איך וויל בא אייך ארבעטן, איך האב מיט מיר מיין אייגן העמדל געבראַכט. זי איז א ריינס, נישט קיין פאַרבלוטיגטס. איך וויל מיטאַרבעטן, און פאָרן אויף אייער שיף, וואס גייט אין די ווייטע לענדער.

דער מאַטראָס, דאס פנים איינגעשמירט אין קויל, האט דערצאָרנט געקוקט אויף דעם העזה׳דיג אינגל.

— גיר אבי הערע, יו בעסטעד, באַדער מיך נישט. גיי צוריק צו דיין שיין־קעסטעלע, און פוץ לייטען די שיך.

נאָר ראובע׳לע האט גע׳טענה׳עט:

— עקסקיוז מי, — האט ער געזאָגט. — איך פּוץ נישט קיין שיך. מען האט עס מיך ניט געלערנט, און דעריבער קען איך עס ניט. קיין קעסטעלע האב איך אויך ניט, נאָר איך האב א היים. א היים אָבער קאָן איך ניט גיין, ווייל די מאַמע וועט מיך שלאָגן, און דער פּאַפּאַ וועט מיך שמייסן, ווייל איך בין היינט אין סקול ניט געגאַנגען. איך וועל גיין מיט אייך. איך וועל אייך זיין פון גרויס נוצן, ווייל איך ווייס א סך וועגן ווייטע לענדער.

כה

ער האט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שיפּ׳ס קלאָדקע, האָט פאַנאַנדערגעבונדן דאס פּעקעלע און אַרויסגעלייגט די זאַכן:

— אָט דאס אָ — איר זעט? אָט דאס איז א בוך אַזאַ, און פון דאַנען ווייס איך עס אַלץ, וועגן די ווייטע לענדער, וואס מעבר לים. און דאָ האב איך נאָך פופצען סענט — איך האב געהאַט צוואַנציג, האב איך פינף סענט אויסגעגעבן אויף דער רייזע אַהער — און עסן פאַר זיך, און א ריין, ניט־פאַרבלוטיגט העמדל.

האט דער מאטראָס אים אָנגעקוקט ווי א בייז־וואונדער. און האט שוין מער די משוגענע שטיק פונ׳ם גאַסן־אינגל ניט געקענט אויסהאַלטן, זיין מענשלעכע געדולד האט אים געפּלאצט.

— גיר ארי היער, יו בעסטער! — האט אים דער מאטראָס גע־זאָגט. — געט דהי העלל אאוט אוו היער.

מיט׳ן גרויסן פוס — באשטיוולט אין גלאנציגע גוטאפּערטשע־שיך און האט אויסגעזען ווי דער לאנגער נאָז פון א עלעפאנט — האט ער ארונטערגעוואָרפן פאנאנדערגעלייגטע זאכן פונ׳ם שיף־בריקל אין וואסער אריין. דערנאָך האט ער אָנגענומען ראוב׳לען פאר׳ן העמדל ארום האלז, ווי א גרויסע קאץ נעמט אָן א קליין קעצעלע, און אים אויפ׳ן ברעג ארונטערגעשטעלט.

— ביזט משוגע, אָדער קראנק, אָדער ביידע זאכן צוזאמען! ווארף זיך אוועק פון דאנען, איידער איך קלאפּ דיר מיט׳ן פוס די אינגעווייד פון דיין שמוציגען מאָגן ארויס, יו דייגא בעסטער!

האט ער גראד א טעות געהאט, ווייל ראוב׳עלע ווי עס איז לייכט צו זען פון זיין נאָמען, איז גראָד געווען א אידיש קינד, נישט קיין איטאליענער.

כו

און ווי ראוב׳עלע האט דערזען, אז אלע זיינע זאכן זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער, און זיין ריינע העמדל אויך, און דאס בוך, וואו ער האט דאָך אליין געלייענט וועגן די ווייטע לענדער און די פאר׳חלומ׳טע וויים־אנגעטאָנענע מענשן דאָרטן, איז שוין געלעגן איצט א דורכגעווייקטער אויפ׳ן דנאָ פונ׳ם ים, האט ער שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. זיין הערצל האט אים אזוי שטארק פארקלעמט, ווייל דאס פעקעלע האט אַנטהאַלטן אין זיך די איינ־ציגע זאַכן, וועלכע ראוב׳עלע האט פאַרמאָגט. און זיי זיינען שוין איצט מיט׳ן וואַסער אַוועק.

האט ער אָנגעהויבן וויינען, און זיין געוויין האט זיך וואָס א מינוט, אלץ מער געשטארקט.

— ס׳איז א ליגן! — האט ער געשריען מיט א וויינענדיגן קול. און דאס איז געווען דאס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער איז אין כעס געוואָרן — ס׳איז א ליגן! דו ביסט גאָר קיין מאַטראָס ניט. און דיין שיף איז גאָר קיין שיף ניט, און די ווייטע לענדער, וואוהין דו פאָרסט, זיינען גאָרניט קיין ווייטע לענדער, דו ביסט א ליגן, א ליגן!

און ער איז א כליפּענדיגער אוועק פונ׳ם ברעג.

און איצטער האט ער זיך ערשט אָנגעהויבן פילן הונגעריגן אוי, ווי הונגעריג און מיד. וואָלט ער זיך אפשר אויף א באנק דער־לייגט צוגעזעצט, ביז וואַנען ער וועט אָפּזוכן אַן אַנדער שיף. אַ אמת׳ע שיף.

ער האט טאקע אזוי געטון.

כז

מער האט ער שוין א שטיקל צייט ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

ער האט גענעכטיגט ערגיץ אין א פאָלים־סטיישאָן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז זיין מוטער געקומען אין סטיי־שאָן, אים אויפ׳ן האַלז ארויפגעפאַלן און געוויינט

— קינד מיינס — האט זי זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט, — וואו ביסטו דאס געווען? פאַרוואָס האָסטו אונז פאַרלאָזן? וואָס האָבן מיר דיר דען שלעכטס געטון? מיר האָבן דאָך נאָך דיר אַזוי געבייינקט און געזוכט.

— און וואוהין ביסטו דאס אוועקגעגאַנגען — מען האט דיך חס־ושלום געקענט איבערפאָרן!

און זי האט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט פֿון גרויס פֿרייד וואָס מיט אים האָט קיין אומגליק ניט פּאַסירט.

אויף דעם ווייס העמדל איז איצט אפֿילו ניט געווען צו גע־פֿינען קיין בלוט־פֿלעקן, ווייל עס איז בלויז געווען איינגעריכט אין קויט. דאָך אין אָוונט האט אים דער פּאַפּאַ געשמיסן, ווייל זיי האָבן אים ליב געהאַט, און מען האט אים נאָך געקענט איבערפֿאָרן.

ראוב׳עלען האט איצט גאָרניט געאַרט. ער האט גאָר ניט געהערט. ער האָט אפֿילו ניט געוויינט. נאָר ער איז בלויז צוגעפֿאַלן צו דער מאַמעס שמוציג־שטינקענדיגן קלייד, און האט זיך מיט די ציינדלעך איינגעגעסן אין דעם פֿעטן, פֿון חלב גלאַנצנדיגן זוים.

די מאַמע האט אליץ געהאַלטן אין איין וואָרטשען און טענה׳ן:

— און צוליב וואָס האט זי גאָר אין גאַנצן אים געדאַרפֿט ברייננגען אויף דער וועלט? צוליב וואָס? האַ?

און ער האט זיך מיט די ציינדלעך שטייפֿער אין דעם שטינ־קענדיגן קלייד אירן איינגעביסן. פֿון צווישן זיינע צונויפֿגעקוועטשטע ציינדלעך האט זיין מוטער געהערט, ווי עס זייען זיך ארויס בעטנ־דיגע ווערטער:

— מאַמע, איך בין אזוי מיד, מאַמע... לאָז מיך זיך לייגן שלאָפֿן, פּליעז, — ער פֿלעגט אזוי שיין־רירנדיג ארויסזאָגן דאס וואָרט „פּליעז" — מאַמע, האט ער זיך אליץ געבעטן, לאָז מיך זיך לייגן שלאָפֿן, פּליעז, איך בין אזוי מיד, אזוי מיד.

אַ דערציילונג.

אין ניו־יאָרק זיינען דאָ א סך אָנגעפּאָרענע מענשן, מענשן וואָס זיינען ניט געבאָרן געוואָרן דאָ, אינ'ם לאַנד אמעריקאַ, נאָר אין אַנדערע לענדער אויף יענער זייט אָקעאַן. אין דער שטאָט ניו־יאָרק וואוינען אַ סך פעלקער. עס וואוינען דאָ אויך א סך אידן און איטאליענער.

אויף אַ פארלענגער גאַס אין די בראָנקס האבן געוואוינט צוויי משפחות, אַן איטאליענישע און א אידישע. די גאַס איז געווען א קליינע, און ביידע משפחות האבן געוואוינט אין איין בלאָק. די גאַס איז געווען ווייט פונ'ם טומלדיגן טייל שטאָט. דאָ זיינען געווען א סך גערטענדלעך און א סך בוימער. די ארומיגע גאַסן זיינען נאך געווען ליידיגע, ניט קיין באוואוינטע. זיי זיינען געווען דורכגעהאַקט דורך פעלזען און שטיינער. באַ די זייטן גאַס האט מען נאך געקאָנט זען די פילע פלאַסטן אומבארירטן פעלז, וואָס איז דורך מיליאָנען יאָרן מיידלש געלעגן איין פלאַסט אויפ'ן אַנדערן, ווי די פילע בלעטלעך פון א יום־טוב־פלאָדן. די ערד פון ניו־יאָרק איז א שטיינערדיגע, און די שטאָט איז אויסגעבויט אויף פעלזן, און די מענשן זיינען אויך ביסלעכווייז געוואָרן שטיינערדיגע.

אין אַ פאַרנאכט איז דער איטאליענער געזעסן אויפ'ן גאַניק פון זיין הויז. ער איז געווען א סטריט־קלינער. אַ גאנצן טאָג האט ער געריינגט די גאַסן, פרעמדע גאַסן, ניט זיינע. ער איז דאמאלס געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, און האט אויסגעזען גאָר אַנדערשדיג. אָבער פאַרנאכט פלעגט ער קומען אַהיים, זיך אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן אין געוויינלעכע מענשלעכע קליידער און אָנהויבן אויסקוקן אַ מענש, ווי אלע מענשן.

ער האט געהאט א גערטנדל, וואו ער פלעגט פאַרזייען קרויט און קוקורוזע, לעטטים (סאַלאַטע) און בוראַקעס, ציבעלקעס און רעטעכלעך, מייערן און פאַסאָליעס. אַלערליי פאַסאָליעס, פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן, גלאַטע און באַפינטלטע, אויף קוסטעס און אויף שטעקעלעך. מיט דער אַרבעט אינ'ם גאָרטן פלעגט ער זיך קוויקן יעדן פאַרנאכט, ווען ער פלעגט קומען אַהיים. ווייל דאס איז דאך

געווען זיין גארטן, דער גאָרטן, וועלכן ער האט פֿאַרזייט מיט אייגענע הענט.

אָבער איצט, אין אָט דעם פֿאַרנאַכט, איז ער אַזוי געזעסן אויפֿ'ן גאַניק פֿון זיין הויז, אַן אומעטיגער און פֿאַרטראַכטער. ס'איז שוין געווען הערבסט. פֿון גאָרטן האט מען שוין אַלץ אַרונטערגענומען. פֿון דער גרויער, צעגראָבענער ערד האָבן בלויז דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט שטעקנס און שטעקלעך, אָפּגעבראָכענע קוקורוזע־שטעקענער און שטעקלעך פֿון די „סטרינגס־בינס". בלויז קרויט־קעפּלעך האבן נאך פֿון דער ערד אַרויסגעשטעקט, רויטע און פּורפּורנע, און בלויע, און אָראַנזש־פֿאַרביגע. די פֿאַרבן פֿון די קרויט, האָבן זיך אין אָט די טעג געהאַלטן אין איין גיכן בייטן זיך, כמעט מיט דער זעלבער גיכקייט, ווי די פֿאַרבן אין הימל בשעת אַ זונפֿאַרגאַנג. ס'האָט אויסגעזען זייער וואונדערלעך.

נו, איז שוין איצט אין גאָרטן גאָר ניטאָ וואָס צו טון. זיצט אַזוי דער איטאַליענער, אינ'ם אָוונט און אים איז אומעטיג. און ווייל אים איז אזוי אומעטיג, פֿאַרביינקט ער זיך. ער פֿאַרביינקט זיך נאָך איטאַליען, נאָכ'ן לאַנד, פֿון וואַנען ער איז אַהער געקומען. דאָרט האָט ער געוואוינט אין א ווילדער בערגיגער געגנט. ער זעט איצט אינ'ם זוניגן פֿאַרנאכט, די ליכטבאגאָסענע זיילן פֿון שוין לאַנג־צעשטערטע אַמאָליגע פּאַלאצן און מויערן, וואָס האבן זיך געפֿונען אין יענער געגנט. ער אליין האט געהאט זייער א גרויסן סאָד און נאָך א גרעסערן גאָרטן. דער גאָרטן האָט זיך באַם ברעג באַרג אָפּגעהאַקט, און איז אַריבערגעהאנגען איבער א ברוינעם ים. די בערג זיינען געווען ווילדע. ער פֿלעגט זיך יאָגן דאָרט נאך ווילדע סאַרנעס און ציגן. ער האט געכאַפּט אַ סך ציגן, און האט זיי צוגעוויינט צו זיין הויז. די ציגן זיינען געווען ווילדע, נאָר ער האָט זיי מיט גוואַלט און מיט א סך דויער צוגעוויינט צו זיין הויז.

פֿאַלט אים איין אינ'ם אָוונט, אַז ער וואָלט דאָך דאָ אויך געקאָנט האבן אַ ציג. אויב נישט כאַפּן קיין ווילדע ציג, קאָן ער דאָך קויפֿן אַ ציג. פֿונ'ם ציגן־מילך וואָלט ער געקאָנט מאַכן אייגענע היימישע קעז. און קעז פֿון ציגן־מילך האָבן איטאַליענער אַזוי ליב.

אַז ס'איז געוואָרן קילער, און ס'זיינען שוין אַרויסגעפֿאַלן די ערשטע שנייען, האָט זיך אין איינער אַ נאכט געלאָזט הערן איבער די אַרומיגע, ליידיגע גערטענער און פֿעלזיגע גאַסן דאָס מעקן פֿון אַ ציג.

אויף דער זעלבער גאַס האָט אויך געוואוינט אַ אידישע פֿאַ־מיליע, אַ טאַטע מיט אַ מאַמע, און אַ טאָכטער׳ל. די טאָכטער׳ל האָט געהייסן מערע. די מאַמע פֿלעגט פֿאַרציען איר נאָמען, און זי רופֿן מערעלע. אַמאָל פֿלעגט זי שפּאַסן:

— מערעלע, מערעלע, היינט איז דאָ צו עסן אַ מערעלעך־צימעס!

מערעלע האָט אַמאָל געהאַט אַ שוועסטער׳ל, איז זי געשטאָרבן, פֿון דאַמאָלסט אָן טרעפֿט עס אָפֿט, אַז מערעלע שלאָפֿט ניט בײַ נאַכט. מיט אַמאָל כאַפּט זי זיך אויף בײַנאַכט און קאָן מער ניט איינשלאָפֿן, זי טראַכט, וואו איר שוועסטער׳ל קאָן איצט זיין. זי ווייס, אַז די שוועסטער׳ל איז געשטאָרבן, אָבער וואו איז זי אַהינגעקומען? וואו געפֿינט זי זיך איצט בײַנאַכט, ווען זי, מערעלע, ליגט אין איר בעטל, און שלאָפֿט אָדער שלאָפֿט ניט?

איז ווי מערעלע ליגט אַזוי און טראַכט, דערהערט זיך דאָס מעקן פֿון אַ ציג. ס׳קאָן זיין, אַז זי איז געווען די ערשטע אויף דער גאַנצער גאַס, וואָס האָט אין דער נאַכט דערהערט דאָס מעקן פֿון דער ציג. אַ באָרוועסע, אין׳ם שלאָף־העמד, איז זי צוגעגאַנגען צום פֿענסטער.

אין דרויסן איז געווען בלוי פֿון אויבן און ווייס אויף דער ערד. נאָר פֿון ווייטן, פֿון אַ טאָל, האָט זיך געהערט אַ ווּדערן פֿון אַ צוג, וואָס האָט, אַ פֿאַרשפּעטיגטער, געיאָגט זיך איבער די רעלסן אַהיים. און דאָ אין דער נאַכטיגער שטילקייט האָט געמעקעט די ציג.

אין׳ם איטאַליענער׳ס הויף איז געשטאַנען אַ קליין ביידעל מיט אַ אַ משופּע׳דיגן דעכל. אין׳ם ביידל איז געווען אַ פֿירקאַנטיגע לאָך. אין׳ם לאָך איז אַריין און אַרויס אַ ציג, אַ גרוילעכע ציג מיט שוואַרצע פֿליאַמעס. זי האָט געהאַט הערנער פֿאַרדרייטע אויף צוריק, צום האַלז־צו. זי איז געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צום ביידל. זי האָט זיך געוואונדערט און געשריען:

— מע־מע־מע... וואָס מיינט די שטריק, וואָס איז אָנגעבונדן אָן מיינע הערנער, און לאָזט מיך כמעט ניט מאַכן קיין פֿרייען טראָט?

אין דער נאַכט איז זי אַרומגעגאַנגען, ווי אַ רוח, געלאָזן סימנים פֿון אירע פּיסלעך אין׳ם שניי, און געשריען: מע־מע־מע... זי האָט זיך געוואונדערט, געשאָקלט מיט׳ן בערדל, געטרייסלט זי אין׳ם שיין פֿון דער לבנה: מע־מע־מע...

יענע נאַכט איז מערעלע שוין גאָר ניט איינגעשלאָפֿן. פֿון וואַנען האָט זיך די ציג אהער גענומען, האָט זי זיך געוואונדערט.

מען האָט זי צוגעבונדן מיט א שטריק. פאַרוואָס האט מען זי צוגעבונדן מיט א שטריק? מסתמא, כדי זי זאָל ניט אַוועקלויפֿן. פאַרוואָס וואָלט זי אָבער אַוועקגעלאָפֿן? מסתמא, ווייל זי האט זיך מורא, אז מען וועט איר דאָ טאָן שלעכטס. פאַרוואָס וועט מען איר טאָן שלעכטס? דער איטאַליענער מוז, ניט אַנדערש, זיין א שלעכטער מענש, האט ער זי צוגעבונדן מיט א שטריק, זי זאָל ניט אַוועקלויפֿן. וואוהין וואָלט זי דען אַוועקגעלאָפֿן, אַז מען וואָלט זי אָפּגעבונדן פֿון דער שטריק? פֿון וואַנען קומט א ציג?

די שכנים, וואָס זיי האָבן זיך אויף מאָרגן אויפֿגעכאַפּט און דערהערט דאָס מעקען פֿון דער ציג, האָבן אויך ניט געוואוסט, פֿון וואַנען זי האָט זיך אַהער גענומען. דאָס האט זיי אָבער ניט געקימערט. אַלע האָבן זיך געפֿרייט מיט דער ציג. אין מיטן פֿון פאַרשידענע אַרבעטן אין הויז, פֿלעגן די באלעבאָסטעס דערהערן, ווי די ציג האָט א מעקע געטאָן, פֿלעגן די פֿרויען באַלד באַלאַגערן די הינטערשטע שטוב־פֿענסטער. ציגן זעט מען זעלטן אין א גרויסער שטאָט, און מענשן פֿון א גרויסער שטאָט, דערפֿרייען זיך, ווען זיי דערזעען א שטוביגע חיה, א ציג, אָדער א בהמה, אָדער א שעפּס, אָדער א באַראַן. די שטאָטישע מענשן פֿארציען די אויגן אין דער ווייט און דערזעען זיך זעלבסט אין פֿעלד, אין וואַלד. א סך פֿון די מענשן אויף דער דאָזיגער גאַס האָבן דאָך אמאָל אויך געוואוינט אין פֿעלד, אין וואַלד.

מערעלע׳ס פֿאָטער איז אויך ניט געבוירן געוואָרן דאָ, אין אמעריקע. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער ליטע. די שטאָט איז געווען א קליינע, אין מיטן פֿון ברייטע, נאַקעטע פֿעלדער. ארום און ארום דער שטאָט האָבן זיך אַלץ געצויגן פֿעלדער, פֿעלדער. זעלטן ווען מען האט געזען א בוים אויף די פֿעלדער אָדער א בערגל. אַז מען פֿלעגט דערזען אַמאָל אַן איינציג בוים אין מיטן א פֿעלד, האָט עס אויסגעקוקט אזוי אומעטיג. די גאַסן פֿון שטעטל זיינען געווען קליינע, זאַמדיגע. אז מען פֿלעגט ארויס פֿון שטעטל, פֿלעגן זיך גלייך אָנהויבן ציען די פֿעלדער. ווייט האָבן זיי זיך געצויגן, ביז׳ן סאַמע זוים פֿונ׳ם הימל, ווי ווייט דאס אויג האָט נאָר געקענט זען. א נידריגע און א גלייכע ערד. ס׳איז געווען אומעטיג צו קוקן, קוקנדיג אויף די פֿעלדער. פֿלעגט איינעם שטאַרק אָנהויבן נאָגן די האַרץ. ס׳פֿלעגט זיך אים פֿאַרוועלן אויפֿהויבן א פֿוס און אָנהויבן גיין. גיין אַזוי לאַנג איבער די נידריגע פֿעלדער. גיין טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.

מערעלע׳ס פֿאָטער איז אויסגעוואַקסן א שטילער, א גוטער און אַן אומעטיגער. ער פֿלעגט זייער א סך שווייגן, אָבער ניט פֿון בייזקייט, פֿון גוטסקייט פֿלעגט ער עס טאָן. ער האט ניט געקענט אויפֿהויבן קיין הויכן קול. ער איז געווען א ביסל, ווי אַן אָנגעשראָקענער. אז ער איז געווען א קינד אין דער היים, אין דער ליטע, פֿלעגט ער גאַנצע טעג פֿאַרברייינגען אין חדר. און אין ווינטער־צייט פֿלעגט ער די אָוונטן אויך פֿארברייינגען דאָרט, אין חדר. דער חדר איז געווען אַן ענגער און א שמוציגער. דער רבי פֿלעגט א גאַנצן טאָג שרייען. אין דער היים איז באַ זיי אויך געווען זייער אָרים. מערעלע׳ס פֿאָטער פֿלעגט זיך קינדוויז זייער ווייניג שפּילן. ער פֿלעגט אַלץ זיצן און לייענען. אַז ער פֿלעגט דערזען א ציג, פֿלעגט ער אַנטלויפֿן. א ציג איז ווילד. מען זאָגט טאַקע: „א ווילדע ציג״. ציגן קענען אַרויפֿגעמען א קינד אויף די הערנער און אַוועקטראָגן. אין שטעטל אויפֿ׳ן בית עולם, פֿלעגן אַרומגיין ציגן און זיך פּאַשען אויפֿן גראָז איבער די קברים. די אינגלעך פֿלעגן זיך אַרויפֿכאַפּן אויף די ציגן און רייטן אויף זיי. די ציגן פֿלעגן זיך פּרוּאוון אַרויסרייסן און וויינענדיג זיך בעטן מען זאָל זיי אָפּלאָזן. מערעלע׳ס פֿאָטער פֿלעגט שרייען אויף די אינגלעך, זיינע חברים דאַמאָלס, זיי זאָלן אָפּלאָזן די ציגן און זיי אויפֿהערן מוטשען. די חברים פֿלעגן אים ניט פֿאָלגן, און פֿון אים אָפּלאַכן. פֿלעגט ער אַוועקלויפֿן פֿון זיי און זיך פֿאַנאַנדערוויינען. ער האט זיך אויפֿגעהערט שפּילן מיט זיי. ער איז געוואָרן נאָך שטילער.

מערעלע איז געווען א סך געראָטן אין איר פֿאָטער.

נאָר אין גיכן האט די ציג אויפֿגעהערט צו מעקען. מערעלע האָט געבעטן די מאַמע, זי זאָל אַריבערגיין צום איטאַליענער און קויפֿן קעז פֿון ציגן־מילך. מערעלע איז דאָך געווען אַן איין־און־איינציגע, און די מאַמע האָט זי ליב געהאַט. איז די מאַמע אַריבערגעגאַנגען צום איטאַליענער קריגן קעז פֿון ציגן־מילך.

נאָר באלד איז זי געקומען צוריק, האט געקוקט אויף מערעלען און געשמייכלט. דער איטאליענער האט נאך ניט קיין קעז פֿון ציגן־מילך, האט די מאמע איבערגעגעבן. ווייל די ציג גיט נאך ניט קיין מילך. וואַרט, מערעלע, באלד וועט ווערן פֿרילינג און צו דער ציג וועט צוקומען נאך א קליין ציגעלע, און אפשר נאך צוויי ציגעלעך.

די ציג וועט ווערן א מאמע, פּונקט ווי איך בין דיין מאמע. דאַמאָלס וועט די ציג אָנהויבן געבן מילך, און מ'וועט מאכן קעז פֿון ציגן־מילך.

ס'איז געוואָרן באַלד פֿרילינג. פּלוצלונג, מיט אַמאָל, אומדערוואַרט, אָט ווי אזוי דער פֿרילינג קומט אָן אין דער שטאָט ניו־יאָרק. אומדערוואַרט קומט אָן פֿרילינג. ער באמיט זיך מיט פֿאַרחלומ'טע אויגן, צו שטעלן די ערשטע טריט. נאָר דער פֿרילינג־פּראָוו גיט זיך ניט איין, ס'ווערט ווייטער ווינטער. פּראָוווט זיך דער פֿרילינג קומען א צווייטן מאָל, א דריטן מאָל. די ליידיגע גאַסן און די גערטענער הינטער די גאַסן האבן ביסלעכוויז ארונטערגענומען פֿון זיך די ווייסקייט און אויף זיך אָנגעטאָן אַ גרינקייט. די בוימער־צווייגן און די ריטלעך באדעקן זיך מיט בלעטלעך. ביסלעכוויז פֿאַרוועבט זיך די לופֿט צווישן די צווייגן פֿון איין בוים מיט בלעטער. און די לופֿט צווישן איין בוים און א צווייטן פֿאַרוועבט זיך אויך מיט בלעטער.

באַנאַכט איז געגאנגען א רעגן און האט געקלאַפּט איבער'ן דאַך. פּאַמעלעך, נאָכאַנאַנד, פֿריילעך, אָנזאָגנדיג א גרויסע בשורה. אַ גאַנצע נאַכט איז דער רעגן געגאנגען, ווי די פֿענסטער פֿון הימל וואָלטן זיך געעפֿנט. אויפֿ'ן דאַך זיינען געווען א פּאָר גלעזערנע פֿענסטער, אויף אריינצעלאָזן דאס ליכט פֿון הימל. איז מערעלע געשטאַנען אַזוי אונטער'ן גלאָז פֿון דעם „סקיי־לייט" און זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פֿונ'ם רעגן איבער'ן דאַך. פֿון ערגעץ הויך איז דער רעגן געקומען. די טראָפּנס זיינען געפֿאַלן אַ לאַנגע צייט און אַ לאַנגע שטרעקע אין דער לופֿט, געפֿאַלן — — — געפֿאַלן — ביז זיי זיינען אָנגעקומען אויפֿ'ן דאַך.

ווי מערעלע שטייט אזוי, איז דער רעגן פּלוצלונג אַנטשטילט געוואָרן. און ווי דער רעגן איז אזוי אנטשטילט געוואָרן, דערהערט זי א קליין, קליין מעקעלע. פּונקט ווי די ציג וואָלט געוואָרן קראַנק און מער קיין כח ניט געהאט צו מעקן. דערנאָך האָט זי ווידער אַ מעקע געטון. ווייזט אוים, מיט די לעצטע כחות. שטיל. און דאָ האָט זיך דערהערט גאָר־גאָר אַ קליין מעקעלע, אַ ציטערדיגער, אַ זיך אונטערגעבנדיגער, פּונקט ווי דינער גלאָז וואָלט זיך געבראָכן. מערעל'ן האט געקלאַפּט די הערצל. זי איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט, זיך איינגעהערט.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן שוין צוויי קליינע ציגעלעך אַרומגעטאַנצט אַרום דער מאַמע־ציג. ביידע ווייסינקע, ווי געבאָדענע אין מילך. נאָך אָן הערנערלעך, מיט לאַנגע דינינקע פֿיסעלעך, מיט פֿאַרוואָרפֿענע אויף צוריק אויערלעך. צוערשט זיינען זיי געווען זייער פֿאָרזיכטיק. זיי פֿלעגן מיט אַמאָל אַ שפּרונג טאָן, ווי אימעצער וואָלט זיי פֿון הינטן אַ ברען געטאָן מיט אַ שוועבעלע. און פֿלעגן באַלד בלייבן שטיין מיט אַרויסגעפּוישטשעטע גלאַנציקע אויגעלעך. זיי האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דער וועלט. וואָס אַמאָל פֿלעגן זיי אַנטדעקן אין איר עפּעס נייעס, אין דער וועלט. זיי פֿלעגן זיך הענדום־פּענדום, אָפּגעריסענערהייט, אַ לאָז טאָן אויף דעם איינעם, זיך אָפּקלאַפּן און בלייבן שטיין. אַמאָל פֿלעגט דאָס זיין אַ פּלויט, אַ בוים, אַ צווייג, אַ שטיין. פֿון מענטשן פֿלעגן זיי שוין אָבער פֿון אָנפֿאַנג אָן אַנטלויפֿן. אַז פֿון מענטשן דאַרף מען אַנטלויפֿן האָבן זיי געוואוסט, נאָך איידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן.

די ציגעלעך פֿלעגן זיך שפּילן איינע מיט דער אַנדערער. איינע פֿלעגט אַנטלויפֿן, די אַנדערע פֿלעגט זי נאָכיאָגן. אין עטלעכע טעג האָבן זיי שוין געקענט לויפֿן. און גיך־גיך־גיך, געשפּרונגען אין דער לופֿט אין בויגיקע ליניעס. די מוטער־ציג וואָלט זיי קיינמאָל ניט געקענט דעריאָגן, ווען זי וואָלט זיי נאָכגעלאָפֿן. קיין מענטש אודאי ניט. לעבן דער גאַס האָט זיך געהויבן אַ פּעלזיקע וואַנט פֿון אַ שטיינערנעם באַרג, זיך געהויבן אין אַ גלייכער ליניע, אַן אָפּגעריסענע וואַנט. די ווייסינקע ציגעלעך פֿלעגן גלייך אַרויפֿקלעטערן אויף דער שאַרפֿער, אָפּגעריסענער שטיינערנער וואַנט. ס'איז געווען אַ וואונדער און אַ שרעק צו זען עס. ס'פֿלעגט זיך דאַכטן: אָט־אָט פֿאַלן זיי אַרונטער. זיי פֿלעגן אַרומשפּרינגען איבער'ן שפּיציקן ברעג פּעלז, אויף משקולת. נאָר זיי פֿלעגן גאָרנישט זען, גאָרנישט וויסן. זיי פֿלעגן אַריבערשפּרינגען די פּעלזן־שפּאַלטן, זיך פֿאַרוואונדן די פֿיסלעך אָן די שאַרפֿע שטיינער. רויט בלוט פֿלעגט באַפֿלעקן זייער ווייסקייט און זיי פֿלעגן אַלץ שפּרינגען.

דעם איטאַליענער'ס אינגל האָט געוואָלט פֿאַרבינדן דער ציגעלע דאָס פֿאַרוואונדעטע פֿיסל. ער האָט זי אָבער ניט געקענט כאַפּן. ער איז אַרונטערגעפֿאַלן פֿונ'ם אָפּגעריסענעם פּעלז און זיך איינגעאַנצן צעקלאַפּט. ער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס. אַז ער האָט ענדלעך געכאַפּט די ציגעלע, האָט ער זי אַזאַ זעץ געגעבן, אַז ער האָט איר איבערגעבראָכן אַ פֿיסל. דערנאָך האָט ער פֿאָרזיכטיק אַרומגעבונדן דאָס פֿיסל מיט ווייסע לייוונט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז

די ציגעלע ווייטער ארומגעשפרונגען מיט'ן אַרומגעבונדענעם פּיסל. ס'האָט איר גאָרניט געאַרט.

ס'איז געווען אַזאַ פרייד צו קוקן אויף די ציגעלעך. אַזוי יונג זיינען זיי געווען און אַזוי שפּרינגענדיק. פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט, אַבי ס'איז נאָר געווען ליכטיק, פלעגן זיי אַרומשפּרינגען. זיי האָבן אָנגעפּילט די גאַס אַרום די מענטשן, וואָס האָבן אויף זיי געקוקט מיט פרייד. אַז די שכנים פלעגט אַמאָל ווערן אומעטיק, אָדער אַז אַ קינד פלעגט זיך פאַנאַנדערוויינען, אָדער ברוגז ווערן, פלעגן זיי בלויז דאַרפן אַרויסקוקן דורך די פענסטער אויף די ציגעלעך. פלעגן די דערוואַקסענע אָנהויבן שמייכלען, און די קינדער פלעגן אָנהויבן לאַכן, פּאַטשן אין די הענטלעך, און דערנאָך זיך נעמען פאַר די הענטלעך, זיך דרייען אין קאַראַהאָד, לאַכן און שפּרינגען.

די ציגעלעך זיינען אונטערגעוואַקסן. זיי פלעגן שוין איינער דער אַנדערער זיך שטויסן מיט הערנערלעך. אָט־אַזוי־אָ אַ שפּרונג טאָן אין דער הויך, אַ שטעל זיך אַוועק אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך, זיך צוריק ארונטערלאָזן, איינבויגן די קעפּלעך און זיך שטויסן מיט די שטעכן, וואו ס'האָבן זיך שוין באַוויזן סמנים פון הערנדלעך. די מוטער־ציג האָט שוין זיי אָנגעהויבן צו לערנען ווי צו שטויסן זיך מיט די הערנדלעך. ציגעלעך מוזן עס קענען, טאָמער פאַלט אויף זיי אָן אַ בייזע חיה.

מערעלע פלעגט שטיין ביים פענסטער און קוקן, אַז די ציגע־לעך פלעגן צו ווייט אַוועקלויפן און באַהאַלטן זיך אין גראָז, פלעגט די מוטער־ציג אַרויסלאָזן אַ נידעריגן באַאומרואיגטן קול: מע־ע־ע... און נאָך אַמאָל אַזוי, נאָר נאָך מער בעטנדיק: מע־ע־ע... זי האָט נישט געקענט נאָכגיין נאָך זיי. די מוטער־ציג פלעגט זיין צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ סלופּ. אָבער די קליינינקע ציגעלעך זיינען גע־ווען פריי, ווייל דער איטאַליענער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן סיי ווי ניט אַנטלויפן.

באַלד פלעגן די ציגעלעך אָפּענטפערן אויף אַ ציטערדיקן הויכן קולכל, אַזאַ איידלען, ציטערדיקן, ווי פון צעלאָזענע, קליינע קינדערלעך, וואָס נעמען זיך איבער. זיי פלעגן זיך באַווייזן פון צווישן גראָז און בוים, און שפּרינגען איינע אויף דער אַנדערער, איינס אויף דער אַנדערער.

מערעלע פֿלעגט טראַכטן: יעדע פֿון די ציגעלעך האָט א שוועסטערל, מיט וועמען זי שפּילט זיך. זי וואָלט אויך געוואָלט האָבן א שוועסטערל מיט וועמען צו שפּילן זיך.

נאָר זי האָט זיך פֿונדעסטוועגן געפֿרייט מיט דער פֿרייד פֿון די ציגעלעך. אַז די מאַמע האָט זי איינמאָל געפֿרעגט:

— זאָל איך גיין צום איטאַליענער און קויפֿן באַ אים קעז פֿון ציגן־מילך?

האָט מערעלע געענטפֿערט:

— ניין, מ'באַדאַרף ניט. זאָל בעסער בלייבן די מילך, פֿאַר די קליינע ציגעלעך. קליינע ציגעלעך דאַרפֿן האָבן מילך, פּונקט ווי קליינע קינדערלעך.

אַז מערעלע פֿלעגט די ציגעלעך דורך א צופֿאַל עטלעכע טעג ניט זען און פֿלעגט דערנאָך ארויסקוקן דורך די פֿענצטער, פֿלעגט זי באַמערקן, ווי גרויס זיי זיינען געוואָרן. אַז זיי וועלן טרינקען א סך מילך, וועלן זיי גרעסער ווערן. מערעלע האָט זייער געוואָלט אַז די ציגעלעך זאָלן ווערן גרעסער. דעם איטאַליענער'ס אינגל פֿלעגט נאָך זיי אַלעמאָל נאָכלויפֿן און יאָגן זיך. אַז ער פֿלעגט זיי ענדלעך כאַפּן, פֿלעגט ער זיין שטאַרק אויסגעמאַטערט און אין כעס. פֿלעגט ער זיי שלאָגן. אָ, אַז די ציגעלעך וועלן אויסוואַקסן, וועט ער זיי ניט שלאָגן, ווייל זייערע הערנדלעך וועלן אויך אויסוואַקסן. אָט אויף דעם דאַרפֿן ציגעלעך זייערע הערנדלעך. פֿאַר שלעכטע קינדער, וואָס לאָזן זיי ניט צורו.

און דער איטאַליענער האָט שוין געמאַכט א סך קעזלעך פֿון דער ציגענער מילך. די קעזלעך האָט ער אַוועקגעלייגט אויף דער זון, צום טריקענען. ער האָט זיי אויסגעלייגט אויף א ברעט, וואָס איז הויך געלעגן איבער צוויי סלופּעס.

דער זומער האָט זיך שוין געענדערט צום סוף. דער איטאַליענער איז געזעסן אין א פֿאַרנאַכט און האָט געקוקט אינ'ם הויף אַרויס, וואו די ציגעלעך האָבן זיך געשפּילט. ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט שוין איצט א סך קעזלעך, זיי וועלן אים זיין גענוג אויף איבער'ן גאַנצן ווינטער. נעכסטן פֿרילינג וועט זיך די ציג ווידער אָפּציגלען, וועט זיין נאָך אנדערע, פֿון וועלכע מען וועט ווידער קענען מאַכן נייע קעזלעך.

אַזוי האָט דער איטאַליענער געטראַכט אינ'ם אָוונט, געקוקט אויף די ציגעלעך, וועלכע זיינען שוין אונטערגעוואַקסן, געוואָרן קיילעכדיגער. די דינע ביינדלעך האָבן זיך באַדעקט מיט מער פֿלייש, אויסגעפּילט געוואָרן. דערהויפּט איז אונטערגעוואַקסן איין ציגעלע, די, וועלכע מען פֿלעגט רופֿן "קידדי". די צווייטע האָט נאָך ניט גע־הייסן, מסתמא איז קידדי געווען די עלטערע. דער איטאַליענער האָט געקוקט אויף דער ציגעלע און געטראַכט, געטראַכט. און דערנאָך האָט ער געטראַכט ווענן זיינעם א באַקאַנטן פֿלייש־הענדלער וועל־כער וואָלט פֿאַר דער ציגעלע געגעבן א פֿיינעם מקח.

אַז ער האָט אָפּגעטראַכט זיינע טראַכטונגען, האָט ער זיך אַזש געריבן די הענט פֿון גרוים פֿאַרגעניגן, וואָס ער וועט מאַכן א גוט גע־שעפֿט מיט'ן אויסגעוואַקסענעם ציגעלע.

כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעטער הערבסט, זיינען די טעג נאָך אַלץ געווען ריכטיגע און זוניגע, נאָר שוין א ביסל קילערע.

אין דער פֿרי איז מערעלע אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון שלאָף דורך א האַרצרייסנדיגן געשריי. זי האָט געוואָלט נאָך אַביסל שלאָפֿן ווייל ס'איז געווען שבת, און שבת גייט מען ניט אין פּאָבליק סקול. נאָר דאָס געשריי איז געווען זייער האַרצרייסנדיג, דאָס געשריי פֿון א מוטער א שכולה.

אַז מערעלע האָט זיך ווייטער צוגעהערט צום געשריי, האָט זי פֿאַרנומען א געמישט מעקען פֿון דער גרויסער ציג און דער קליינער ציגעלע. זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. זי האָט א לייגגערע ווײַלע געקוקט און געקוקט. זי האָט געזוכט מיט די אויגן צווישן גראָז און ביימער, און אַלץ געוואַרט. זי האָט אָבער מער ניט געזען, ווי איין ציגעלע.

די מוטער־ציג איז געשטאַנען לעבן פּלויט, האָט געהויבן דעם קאָפּ, געטרייסלט מיט'ן בערדל, געקוקט אין אַלע זייטן און געשריגן: מע־ע־ע: וואו ביסטו, טאָכטערל? איצט האָט זי שוין מער ניט גע־מעקעט. זי האָט געוויינט אין א נידריגן קול: מע־ע־ע, מ'האָט באַ מיר צוגענומען מיין טעכטערל... און באַלד נאָך איר פֿלעגט זיך פֿאַנאַנדערוויינען די איבערגעבליבענע ציגעלע, מיט איר ציטערדיג־קינדישן: מע־ע־ע... איצט איז זי שוין אויך געווען צוגעבונדן מיט א שטריק צו א סלופּ. זי האָט דאָך נאָך געקענט אַוועקלויפֿן, זוכן

די שוועסטערל. אַז די מאַמע פֿלעגט ענדיגן שרייען, פֿלעגט זי אויף איר וויין־ציטערדיגן שטייגער, איבער׳חזר׳ן דעם געשריי: מע־ע־ע... וואו איז מיין שוועסטער? — —

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי ביידע אַזוי געשריגן, טאָג נאָך טאָג פֿון באַגינען ביז פֿאַרנאַכט. און באַנאַכט אויך. אין מיטן דער נאַכט פֿלעגט זיך דערהערן דאָס פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרעלענטע געשריי פֿון דער ציג. ס״האָט קיינעם ניט געלאָזט שלאָפֿן, ס׳האָט אַלעמען געריסן פֿאַר די הערצער. די שכנים פֿון די אַרומיגע הייזער האָבן זיך געשעמט צו ווייזן זייערע פּנים׳ער אין די פֿענסטער. זיי האָבן געפֿילט, אַז יעדער איינער פֿון זיי איז שולדיג אין דעם, וואָס איין ציגעלע איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. מערעלע׳ס פֿאָטער, וועלכער פֿלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין הויז איבער פּאַפּירן און בריוו און אַרבעטן, האָט איצט גאָרניט געקענט טאָן. ער האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפֿינען. ער פֿלעגט זיך אַלץ האַלטן פֿאַר׳ן קאָפּ און קרעכצן. דאָס וויינענדיגע מעקען און שרייען פֿון דער מוטער־ציג און דער שוועסטער־ציגעלע האָט קיינעם רואיג ניט געלאָזט טאָן זייער אַרבעט.

אויפֿ׳ן פֿאַרנאַכט פֿונ׳ם פֿערטן טאָג איז די ציג מיד געוואָרן שרייענדיג. זי איז געבליבן ליגן אויפֿ׳ן גראָז, פֿאַמעלעך, דערשעפּט, געסאָפּעט מיט די זייטן און רחמנות׳דיג געקוקט אויף יעדן דורכגייער. איבער איר איז געשטאַנען די איבערגעבליבענע ציגעלע און האָט דערשראָקן געקוקט אויף יעדן דורכגייענדיגן מענשן.

און מערעלע איז געשטאַנען באַם פֿענסטער. זי האָט געהאַט געפֿרעגט באַ דער מאַמען, וואו איז דאָס ציגעלע. די מאַמע האָט נישט געענטפֿערט. עס איז געווען פֿאַר וועטשערע. די מאַמע האָט געקאָכט אַ פֿיינעם זופּ אויף וועטשערע, אַ זופּ פֿון יונגן, זיסן פֿלייש. מערעלע, ווייל די מאַמע האָט איר ניט געוואָלט ענטפֿערן, האָט ניט געוואָלט גיין צום טיש עסן. זי איז געשטאַנען אַליין באַם פֿענסטער. זי האָט געוואָלט פֿאַר אימעצן זיך באַקלאָגן, אויסריידן די האַרץ. אַז דער טאַטע און די מאַמע האָבן געשוויגן. ווען זי וואָלט געהאַט אַ שוועסטערל — — — זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין שוועסטערל, איז זי געשטאַנען אַליין און געקוקט אינ׳ם בלויען דרויסן. און אין בלויען דרויסן איז געשטאַנען דאָס ווייסע ציגעלע און געקוקט אויף איר.

גאט'ס האַנט

אין דער שטאָט ניו יאָרק האט געוואוינט אַ מאַן. ער איז געווען אַ געוויינלעכער מענש, און האט זיך מיט גאָר ניט אונטערשיידט פֿון א סך אַנדערע מענשן. ער איז געווען אַ קליין זעמדעלע באַ א גרויסן זאמדיגן ים־ברעג. און זיין נאָמען איז געווען דוד, דוד שטיינבערג.

דוד שטיינבערג איז געווען אַ שניידער. אין ניו יאָרק זיינען דאָך דאָ זייער א סך שניידער. לעבט זיך דוד רואיג. דאס הייסט — רואיג פֿאַר אַן אויסערלעך אויג. אָבער נישט אלעמאָל רואיג — אַמאָל פֿלעגט עפּעס פּאסירן אין זיין לעבן. אַ קינד פֿאַלט אַוועק, זיין ווייב איז קראַנק געוואָרן. אָדער — אַלע זיינען געזונט, נאָר ער אַליין גייט אַרום אָן ארבעט. אָבער דאס זיינען דאך אלץ קלייניקייטן און זיי פּאַסירן מיט יעדן מענשן. און דאָס, וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן וועגן דעם, וואס ס'איז איינמאָל פֿאַרלאָפֿן מיט אים, איז אויך א קלייניקייט. נאָר ס'איז פֿרי־מאָרגן איצט און קיל אין דרויסן און קיל אזוי אין קאָפּ — — —

הערט־זשע.

אין יענעם ברענטש פֿון שניידעריי, וואו דוד האט געארבעט, איז געווען אַ סטרייק. דער קאַמף איז געווען א פֿאַרביטערטער. אַזוי האבן געשריבן די צייטונגען. ער האט זיך שוין געצויגן זייער אַ לאַנגע צייט, אַלע פֿאָנדן פֿון דער יוניאן זיינען שוין אויסגעשעפּט געווארן. דער זייטיגער עולם איז מיד געווארן אַריינשיקן נדבות און באַשטייערונגען. דעם מאָגערן סטרייק־בענעפּיס האט מען שוין דעריבער געצאָלט ניט אַזוי רעגלמעסיג. פֿון דער יוניאן האט מען אָנגעהויבן אונטערזוכן ווער ס'האָט א גרעסערע פֿאַמיליע, ווער א קלענערע פֿאמיליע און ווער גאָר ניט קיין פֿאמיליע. מען האט יעדן איינעם געקוקט אין די ציין, אין קעשענע און אין הארצן אַריין — דורך און דורך. ס'איז נאך געווען גוט, אויב איינער האט אָפּגעשפּאָרט א פּאָר טאָלער פֿון דער גוטער צייט בשעת'ן סעזאָן, ווען מען האט געארבעט אפילו אַ ווער טיים.

ווי אבער, אַז נישט ?

און באַ דוד'ן אין הויז האָט שוין דער דלות געפּייפט אויף אַ הויך קול. און דוד — אַזוי ווי העלפן האָט ער סײַ־ווי ניט געקאָנט, און זיך פּלעגט ער יאָ העלפן אַ ביסל מיט דעם — פּלעגט אָפּליגן אין די סטרייק־האָלס. אָנגערויכערט, טומלדיק, רעדנער שרייען, ריידן, וואָרענען, סטראַשען; בלאָזן אויף דאָס ביסלעכווייז זיך פאַרלעשנדיקע פייער. דוד גייט דאָ אַרום, כמעט ווי אַ טויבער. ער הערט אַלץ, אַלע געווישן, דורך אַ דיקן לײַוונט, דורך אַ זיפּ. אָפּגעריסענע ווערטער רייסן זיך צו אים דורך. ער פילט זיך, ווי אַ ישובֿ'ניק אויף אַ יריד. דער עיקר — אָבער פאַרשטייט ער: קיין סעטעל־מענט איז נאָך אַלץ ניטאָ.

און נאָך עפּעס קלאַרט אים אין קאָפּ אין דעם גאַנצן לעבער־געדיכטן טומל: אין דער פרי, אַז ער האָט זיך שטילערהייט אַרויס־געדרייט פון די פאַרצווייפלטע שווייגנדיקע בליקן פון זײַן פרוי, איז אין הויז מער ניט איבערגעבליבן גאָר איין האַלבער לייבל ברויט, געלט — קיין גראָשן.

און ביסלעכווייז פאַרשווינדן אַלע איבעריקע צעבראָכענע געדאַנקען און טומלערייען, וואָס רייסן זיך אים אין מוח אַרײַן פון דער טומלעניש פון האָל. אין קאָפּ הייבט אָן אויפשפּראָצן אַ פינ־טעלע, ס'וואַקסט זיך פאַנאַנדער, ס'ווערט גרעסער, ס'פילט אויס זײַן קאָפּ, ווי איין געדיכטע, זיך באַוועגנדיקע מאַסע:

— עסן! עסן! וואו נעמט מען געלט אויף צו קויפן עפּעס עסן פאַר דער היים. כאָטש פאַר די קליינע קינדער'ס וועגן! מען קאָן זיי דאָך אויף טרוקענעם ברויט ניט שפּײַזן!

אַזוי טראַכט דוד. און זײַן טענה איז געוויס אַ גערעכטע.

און אין די ווינקלען האָל זיצן חבֿרה און שפּילן פינאָקל. אויב נישט באַ דוד'ן, איז גאָר באַ אַ סך דער סטרייק פּשוט אַ יום־טובֿ צײַט. מען רוט זיך טאַקע אָפּ. זוכן נײַע אַרבעט דאַרף מען ניט, אָט ווי ווען מען גייט אַרום אָן אַ דזשאַב — מען טאָר גאָר ניט זוכן קיין נײַע אַרבעט, מען דאַרף וואַרטן. קהל זאָרגט זיך שוין. פאַרדינט מען טאַקע גאָר־ניט — אָבער קיין זאָרג איז אויך ניטאָ. פילט מען זיך זאָרגלאָז, ווי זעלנער אין אַ קאַזאַרמע — אַלץ איז אַרונטער פון קאָפּ! און אַז אַן אָפּגעשפּאַרטער דאָלער איז אויך דאָ, איז דאָך גאָר אַ פרײַע וועלט. ס'איז לעבעדיק, פריילעך. לעבן יעדן איינעם בערגלט זיך אַ קופּקעלע קוואָדערס, האַלבע דאָלאַרס דײַמס, פּאַפּירענע בילס.

מיידעלעך — שפּראָצנדיגע טאַלאַנטן — גייען אַלע ווײַלע ארויף אויף דער בינע, זינגען סאָלאָ, דועט, שפּילן פֿידל. יונגע קינסטלער — פֿילן זיי זיך געקריינקט און באַליידיגט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט אין האָל שעצט זיי ניט אָפּ. מען הערט ניט דאָס זינגען, מען הערט ניט דאָס שפּילן צוליב'ן גרויסן געפּילדער. און אַז מען אַפּלאָדירט איינעם נאָכ'ן ענדיגן דעם נומער, ווייס קיינער נישט וועמען מען האָט אַפּלאָדירט און וואָס מען האָט אַפּלאָדירט — אפשר נאָר אַ וויץ פֿון איינעם פֿון דער געזעמל. און זיי, די פֿאַר־שידענע אַרטיסטן, האָבן זיך עס נאָך אַרונטערגעלאָזן צום עולם אומזיסט...

גייען זיי אַרונטער, אַנגעבלאָזענע, אָנגעדרודלטע מיט אַשיגע פּנים'ער, און טראַכטן, אַז פֿאַר אַ קינסטלער איז היינטיגע צייטן שווער צו קריגן אָנערקענונג, און אַז בכלל איז ניטאָ קיין יושר קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט — — —

ס'איז אָבער יאָ דאָ יושר אויף דער וועלט און אַ אויג, וואָס קוקט, ווי מיר וועלן עס באַלד דייטלעך זען.

אַז דער טאָג האָט זיך שוין געענדיגט צום סוף שטעלט דוד שטיינבערג אָן זיינע טריט צו גיין אַהיים, דערדריקט און האָפֿנונגס־לאָז. איז ווי ער גייט אַזוי אַרונטער פֿון די טרעפּ, דערזעט ער אין אַ ווינקל גאַניק אַ צוקנייטשט „פּאַפּירל". ער גיט אַ קוק רעכטס, ער גיט אַ קוק לינקס. און אַז קיינער זעט ניט, בויגט ער זיך איין און הייבט עס אויף. ערשט ס'איז אַ צען־דאָלאַר ביל.

די שטאַרקע זון פֿון די לעצטע טאָג־שעה'ן האָט אים מיט אַמאָל אַ זעץ געגעבן אין קאָפּ — אַזאַ בלוטיגע און רויטע זון.

דוד איז שיר ניט אומגעפֿאַלן.

אַז ער איז געקומען אַהיים האָט זיך דאָרט גלייך אָנגעהויבן אַ שושקען צווישן אים און זיין פֿרוי. דאָס איז דאָך אַ גאַנצער אוצר! אַ קלייניקייט, וואָס מען קען פֿאַר אַזוי פֿיל געלט איינקויפֿן. זיי האָבן אויסגעשטעלט אַ צעטל פֿון זאַכן, וואָס זיי זאָלן קריגן פֿאַר דאָס געלט. מען האָט געמעקט, צוגעשטעלט, איבערגעשטעלט — לויט דער וויכטיקייט און נויטיקייט פֿון די זאַכן. מאַן און ווייב האָבן זיך איצט געפֿילט אַזוי פֿריינטלעך און צוגעלאָזן איינער צום אַנדערן, ווי ערשט נאָך דער חתונה. אמת, זיך טאַקע אָנגעמוטשעט, אָבער איצט איז דאָ כאַטש אויף אַ וואָך אָדער מער צום עסן. מען טאָר

קיינמאָל נישט פֿארצווייפֿלען. און דא זעט מען ניט אנדערש ווי גאָט'ס האנט.

גייט אוועק די דוד'יכע אין גראָסערי אריין איינקויפֿן. ס'בלייבט, אַז ביז זי וועט קומען, זאל ער דא דערווייל אויפֿוועקן די קינדערלעך, וועלכע מען האט פֿרי געלייגט שלאָפֿן, כדי זיי זאָלן ווייטער ניט בעטן קיין עסן.

אין גראסערי האט די דוד'יכע איינגעקויפֿט צוויי גרויסע פּאפּיר־זעקלעך מיט אלערליי עסנוואַרג. אַ שטאלצע און אַ גליקלעכע, אַ שטראַלנדיגע האט זי אלץ געקוקט אויפֿ'ן קלייטניק און אויף די איבעריגע קונים. כ'בין איצט גלייך מיט אלעמען! כ'שעם זיך נישט צו קוקן קיינעם אין פּנים אריין! פֿון איר געזיכט האָט אַרונטערגעלויכטן ווי זי וואלט אַ גרויסן מטמון געהאט איצט אין איר קעשענע.

אבער אז זי האט צום סוף, באַם צאָלן, אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, איז די דוד'יכע געוואָרן טויט־בלייך. די זעקעלעך מיט די עסנווארג זיינען איר פֿון די אָרעמס אַרונטערגעפֿאַלן. הינטערווייַלעכס, ווי אין חלשות, איז זי צוריקגעווארפֿן געוואָרן אויף א זאק, וואס איז הינטער איר געשטאנען מיט עפּעס אזעלכע גריץ, אָדער הירזש. זי האט אָנגעקוקט דעם קלייטניק מיט צעגלאָצטע אויגן. נישט אנדערש — אַ פֿאַרבלענדעניש פֿונ'ם שטן! אין קעשענע איז גאָר ניט געווען — קיין איין סענט.

אין יענעם בלאק, טאַקע אינ'ם זעלביגן הויז, האט געוואוינט נאך א פּאָר־פֿאָלק. קיין קינדער האבן זיי ניט געהאט. אין שאַפּ פּלעגט דער מאן ניט אַרבעטן. ס'איז בכלל ניט געווען באקאנט, וואס יענער מאן פֿלעגט טון. מען האט אינטערגערעדט אויף אים, יאַקבי, אז ער איז א געמבלער, אַ קארטנשפּילער, אַ פֿארדעכטיגער פּאַרשוין. ביז פֿארטאג פֿלעגט זיין באַאים ליכטיג אין די פֿענסטער. און אויב אין אוועלכער ניט־איז נאכט פֿלעגט זיין פֿינסטער, פֿלעגן דערנאך מענשן, וואס פֿלעגן אין די פֿרי־מארגנס גיין צו דער אַרבעט, זען, אַז יענער חברה־מאן קערט זיך ערשט אום אהיים.

און וואס פֿאַר א מאן, אזא פֿרוי.

גייט די פֿרוי אַרונטער דעם זעלביגן אָוונט אין קלויט אריין איינקויפֿן פֿאַר'ן מאן עסן. ניט קיין וועטשערע, נאר פֿרישטיק. ווייל א גאנצן טאג איז דאך איר מאן געשלאפֿן. ער איז אָקאָרשט אויפֿ־

געשטאַנען פֿאַר זיין גייען טאג — ווען בײַ ערלעכע מענשן איז גאָר נאכט.

גייט זי אריין אין קלויט און שטויסט זיך צווישן די קונים. באמערקט זי, וואס פֿאַר א שטראַלנדיג פּנים די דוד'יכע האט. איז זי דאך ניט קיין נאַר, — פֿאַרשטייט זי, וואס דאס באדייט. רוקט זי זיך פּאמעלעך צו צו דער דוד'יכע, שטופּט אריין די האנט אין יענער'ס קעשענע. גיך, אויגנבליקלעך — זי האט שוין געקענט די דאזיגע מלאכה, עס ניט איינמאל אָפּגעטון — און פֿאַרטיג. אַרויס־גענומען דאס פּאפּירענע צען־דאלארדיגע.

נו, זאל איך אייך באשרייבן, וואס עס איז פֿאָרגעקומען יע־נעם אָוונט אין דוד שטיינבערג'ס הויז — — — ס'איז נאך דארט געווען טונקעלער און דערדריקטער. ווי פֿריער. פֿריער, א גאנצן טאג, איז אין שטוב אויך געווען דער הונגער, אבער אצינד איז דאך שוין די שיסל געקעכטס, פֿון וועלכער ס'שלאָגט א מחיה'דיגע פּאַרע, געווען ווי אונטערן נאז — און צוגעכאפּט! און די קינדערלעך, וועלכע מען האט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און זיי האבן זיך דער־שראקענע צעוויינט, און ווען דער פֿאָטער האט שוין דערציילט, וואס פֿאַר גוטע זאכן די מאמע וועט באלד ברייגגען — זיי האבן זיך נאך שטארקער פֿאנאנדערגעוויינט. ווען די מאמע איז געקומען מיט ליידיגן. און דער פֿאָטער פֿילט זיך פֿאַרביטערט, און וויל אי־מעצן לעסטערן.

— צו וואס רייצט מען זיך נאך מיט אים? געבן און צוכאפּן? פֿאַר וואס קומט עס אים?

פֿרעגט ער נאך אמאל בײַ דער פֿרוי מיט איינגהאלטענעם כעס:

אָבער ווי אזוי... פֿאָרט ווי אזוי... ווי אזוי פֿאַרלירט מע' עס א צענער'ל?

ווייסט זי אליין ניט. זי קאָן זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי. פּאפּירט דאך אמאל אַ לקוי חמה, אַ לקוי לבנה... אפשר האט זי עס אומגערן ארויסגעוואָרפֿן, ארויסנעמענדיג עפּעס א טיכעלע פֿון קעשענע, צי וואס. און אפשר איז גאָר די קעשענע אַ צעריסענע...

און זי הויבט נאָך אַמאָל אָן זוכן אין קעשענע, טרייסטנדיג זיך אין א וויטן ווינקעלע פֿון איר נשמה, אַז טאָמער איז די קע־שענע טאַקע א צעריסענע, כאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די קעשענע איז א גאַנצע. און אַז א צעריסענע איז וואָס? שוין דאָך סיי־ווי פֿאַר־פֿאלן, געדאַרפֿט פֿארנייען!... ס'איז דאָך שוין אָבער פֿאַרפֿאַלן?

נאָר כ׳ווייס — — — טאָמער! טאָמער איז די קעשענע פֿאָרט א צעריסענע — — — איז וואָס דעמאָלט?

און ווי זי זוכט אַזוי אין קעשענע — און די קעשענע איז טאַקע געווען א גאַנצע — דערטאַפּט זי אין א ווינקעלע עפּעס א קליינס, א האַרטס, א שטיינדעלע. נעמט זי עס אַרויס — און ביידע, מאַן און ווייב, ווערן פֿאַרבלענדט, פֿאַלן צוערשט אָפּ אויף צוריק, און פֿאַלן דערנאָך צוריק צו דעם צו, און לאָזן באַלד ביידע אַרויס א שטיל געשריי, ווי פֿון גרויס ווייטאָג און פֿרייד, און די קינדער הויבן גאָר אָן וויינען און שרייען, און באַלד בלייבן זיי אויך פֿאַרגאַפּטע, און קוקן אָן טאַטע־מאַמע׳ן, ווייל טאַטע־מאַמע שטייען פֿאַרשטיינערטע. צווישן זיי און דעם איינגעשלאָפֿענעם זייל לופֿט, ליכט און שימערט דאָס שטיינדעלע — א קליינע זון צווישן צוויי פֿינסטערע בערג. און אינ׳ם לאָמפּנליכט לאָזט עס אַרויס פֿון זיך גאַנצע סנאָפּן שטראַלן ליכט, בלענדעניש — — —

שפּעטער, אַז זיי האָבן זיך באַרואיגט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס ס׳האָט דאָ מסתמא פּאַסירט. באַם גנב, פֿון גרויס איילעניש, האָט זיך, וואַרשיינלעך, דער דימענט אַרויסגעגליטשט פֿון זיין ראַם אויפֿ׳ן פֿינגערל, בשעת ער — דוד׳ס פֿרוי איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז ס׳איז געווען א מאַן: וואָס דען, א פֿרוי וועט דען האָבן אַ האַרץ? — בשעת ער האָט אַרויסגעלקח׳ענט די צען דאָלאַר.

מילא, א שיינע ריינע כפּרה. איז די פֿרייד געקומען אין שטוב, נאָך שטאַרקער און טיפֿער. אַזוי ווי זיי האָבן זיך געשראָקן אַרויסצוגיין אויפֿ׳ן גאַס מיט׳ן דימענט, האָבן זיי זיך שוין איצט אַזוי געלייגט שלאָפֿן, הונגעריג, אָבער נישט פֿילנדיג דעם הונגער — לופֿטיגע און גרינגע אַזעלכע מענשן, געטראָגן אויף נייע, גרינגע, פֿאַרטאָגיגע ווינטן — — —

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי, איז דוד אַוועק אין פּאָן־שאָפּ פֿאַר׳משכנ׳ען דעם דימענט. דעם גאַנצן וועג צום געשעפֿט איז ער געלאָפֿן, זיך אַלע ווײלע אומגעקוקט, און געפֿילט, אַז ער טוט עפּעס שלעכטס... כאָטש — ס׳איז דאָך א גנב׳ס? און ווידער — וועמען קאָן ער דאָס אומקערן?

דער אַלטער איד, דער אייגנטימער, האָט דעם דימענט געוואויגן, באַטראַכט און אים געווייקט אין אַזעלכע כעמישע וואַסערלעך. צום סוף האָט ער א ביטערן קרעכץ געטאָן, זיך אָנגעהויב:

באַקלאָגן, וואָס די געשעפֿטן גייען איצט שלעכט — נישט נאָר זיינע נאָר בכלל. נו, און אז בכלל גייען די געשעפֿטן שלעכט, איז דאָך שוין באַ אים אודאי — — — מען קויפֿט נישט אוים די משכנות... ליגן באַ אים קעסטלעך גאַנצע מיט דימענטן! מילא — הונדערט דאָלאַר וועט ער אים, דוד'ן, אויפֿ'ן משכון געבן.

אַז דוד איז אַרוים מיט א קלאַפּנדיק האַרץ פֿון געשעפֿט — איין האַנט צוהאַלטנדיק די האַרץ, און די צווייטע שטייף צודריקנדיק די "בילס" אין קעשענע, זיי זאָלן ניט אַרויספֿליען — האָט זיך דער אַלטינקער פּאוגבראָקער שטיל פֿאַנאַנדערגעלאַכט, און געריבן די דאַרע הענטלעך, און אונטערגעטאַנצט פֿון חדוה... דער דימענט איז זיכער ווערט געווען די פֿולע פֿינף הונדערט טאָלער!

און דוד — איצט איז ער שוין ניט געלאָפֿן, נאָר ער איז גע־גאַנגען א היים א שווייגנדיגער, א שטילער, איבערגעפֿילט, מיט אַלערליי געפֿילן, א שטיל־טראָגנדיגער, ווי די ערד אין פֿרילינג־צייט. אין זיין מח האָבן זיך געראָיעט פֿרומע מחשבות און בענשונ־גען, מיט אַמאָל האָט ער זיך דערפֿילט, ווי איינער פֿון עפּעס א גרויסער משפחה... מען גיט אַכטונג אויף אים, מען גיט אַכטונג אויף אים... נאָט זעט ווער עס איז דער גערעכטער. ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס קוקט אויף שטיל צו, ערגעץ פֿון דער הויך, שווייגט — און באַלוינט שוין די גערעכטע אין דער געהעריגער צייט. ס'קאָן זיך אפשר אמאָל דאַכטן, אַז ניין, ס'איז ניט אַזוי, אלץ איז הפקר, לית דין ולית דין, כאַפּ און נעם, און דאָס איז נאָר, וואָס ס'איז דאָ אין לעבן — ס'דאַכט זיך אָבער בלויז אַזוי. אין דער אמתין אָבער אָט זעט איר דאָך אַליין — איז דאָ א השגחה, איז דאָ א פֿאָטער.

און אין אים הויבט עס אָן זינגען אַזוי פֿריידיג, ווי עס פּאַ־סירט אמאָל מיט מענשן, כאָטש זעלטן אזוי, אַז מען ווערט אַזוי אינגאַנצן שטום פֿון פֿרייד. עס זינגט אַזוי שטיל און וואונדערלעך:

ס'איז דאָ א פֿאָטער,
ס'איז דאָ אַ פֿאָטער...
קיין יתומים זיינען מיר...
אין די הויכן איז דאָ א פֿאָטער...
די העכסטע פֿרייד.

ער האָט גאָרנישט באַמערקט דעם וועג א היים.

און אז ער גייט אזוי אַריין אין שטוב, א שטילער און לויכטנ־דיגער — ווי ער פֿלעגט אַמאָל אין א יום־טוב טאָג קומען פֿון שול א היים — טרעפֿט ער דאָרט א פֿרעמדע פֿרוי. ווער איז דאָס? דאָס

איז א שכנה פֿונ׳ם הויז. טאַקע די זעלביגע. אויף וועמען מען רעדט עס אַזוי שטאַרק אונטער. ער דערקענט זי גלייך.

שטייט די פֿרוי און טרערן־ריטשקעלעך גיסן זיך איר איבער׳ן פּנים. און לאָזן איבער לאַנגע סטעזשקעלעך אויפֿ׳ן אָנגעפּאודערטן געזיכט. זי קלאַפּט זיך אין האַרצן הילכיק אַזוי און וויינט:

— אָ, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן יענע זינדיגע מינוט, ווען דער שטן האָט מיך איבערגערעדט! ס׳איז געווען עפּעס א מין אָנפֿאַל פֿון משוגעת, א צעמישעניש איז אויף מיר געקומען, דאָס ערשטע און לעצטע מאָל אין מיין לעבן. אָ, אָ, גוטע מענשן, האָט רחמנות אויף מיר, פֿאַרגיט מיר!

און פֿאַלט צו, און קושט אַלעמענס האַנט, און וויינט, און קלאָגט, און חזר׳ט איבער דערשטוינענדיג דוד׳ן און זיין פֿרוי:

— איך, איך בין די גנב׳טע!

אַז זי איז נעכטן געקומען אהיים און זיך געכאַפּט אָן איר אומגליק, האט איר מאן זי אָנגעהויבן נהרג׳ען און שלאָגן. די שיינע פֿאַרדינערין! גנב׳עט ארויס א לויזיג צענדאָלערדיגס און פֿאַרלירט דערביי א דימענט, וואָס ס׳איז זיכער ווערט געווען טויזנט דאָלאַר, א מציאה פֿון א גנב! באשר, ווייל אים איז דאָס גרינג אָנגעקומען? און ווער זאָגט עס אז גרינג — ער שטעלט דאָך אַלעמאָל איין זיין לעבן — א ליאַדע קלייניקייט, און ער איז א פֿאַרפֿאַלענער!

איז ער זיכער געווען גערעכט אין זיינע טענות. אָבער מיט דעם האָט זיך עס ניט געענדיגט. ער האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן, און ער האָט זי אַזוי לאַנג גע׳ממית׳ט, ביז וואַנען זי האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז זי וועט די ערשטע זאַך מאָרגן אין דער פֿרי אריינגיין נאָכ׳ן דימענט. ״נישקשה״ — האָט דער טייערער מאַן מיט איר איינ־גע׳טענה׳ט — כ׳קאָן זיי גוט, די יאָלדן. א געוויין, א קרעכץ, א האַרציג וואָרט, פֿרומע רייד, חרטה, א צוזאָג, אַז מער שוין קיינמאָל ניט, א פֿאַרצווייפֿלט אויסזען, אַז דיין גאַנצער צוקינפֿטיגער לעבן הייננט אָפּ אָן דעם, צי מען וועט דיר כאָטש דאָס איינציגע מאָל געבן א ״טשענס״, אז ניט ביזטו און דיין מאַן — דאַרפֿסט זאָגן, אַז דיין מאַן ווייס נאָך גאָר נישט פֿון דעם, און אַז ער וועט זיך פֿון דעם דערוויסן, וועט ער דיך פשוט דער׳הרג׳ענען, ווייל ער איז זייער א בייזער — און זיי וועלן שוין ווייכער ווערן״.

און דאָס זיינען אויך געווען די רייד, וועלכע די שכנה האָט איצט ווייַנענדיגערהייט ארויסגעכליפּעט. דאָס כליפּען איז איר איצט ניט אַזוי שווער אָנגעקומען, ווייל דעם מאַנ׳ס קלעפּ און סטוסאַקעס האָבן איר נאָך אַליץ ווי געטאָן.

אַז דוד האט דערהערט, אַז דער מאַן אירער, ווען ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער זי שלאָגן מכות־רצח — יאָ ער האט שוין געהערט, פּונקט ווי די איבעריגע שכנים פֿון אַט דער צאַצקע — האט אים פֿאַרגומען די האַרץ.

און די דוד׳יכע, אַז זי זעט, ווי אַ פֿרוי שטייט פֿאַר איר אַ פֿאַרשעמטע און אַ נכנע׳דיגע, אַ זינדיגע און אַ נעפֿאַלענע, און שלאָגט זיך אין האַרצן, און רופֿט זיך אליין אָן מיט די מיאוס׳טע נעמען — האט זי שיר ניט אָנגעהויבן וויינען. טראַכט די דוד׳יכע:

— אָט, ווי וויַיט אַ פֿרוי איז שוין דערנידעריגט געוואָרן! וועל איך זי לאָזן פֿאַלן נאָך נידריגער? וועל איך דערלאָזן, אַז דער מאַן זאָל זי שלאָגן, אַז איר גאַנץ לעבן, וועלכעס ליגט איצט באַ מיר אין די הענט, זאָל פֿאַרלוירן גיין?

טראַכט דוד:

— מילא, ס׳איז טאַקע אַ מיאוסע עבירה צו גנב׳ענען, אָבער זי איז דאָך שוין דערפֿאַר געשטראָפֿט געוואָרן, און ווער איז דאָס בכלל ריין... אָט איך: בין איך דען אליין נישט לאַנג צוריק געגאַנגען פֿאַר׳משכנ׳ען אַזאַ פֿאַרדעכטיגן דימענט... און אַז גאָט איז שוין יאָ געווען אַזוי גוט צו מיר, זאָל איך זיין אַזאַ רשע און אומגליקלעך מאַכן צוויי מענטשן אויף זייער לעבנס־לאַנג?

און אַז מאַן און ווייב האָבן אָפּגעטראַכט, האָבן זיי אויפֿגעהויבן די בליקן איינער אויפֿ׳ן אַנדערן, און באַלד זיי ארונטערגעלאָזן שטילערהייט: זיך פֿאַרשטאַנען. גיט דוד׳ס פֿרוי איבער דער שכנה דעם צעטל פֿון פּאָון־שאָפּ, און דוד נעמט ארויס פֿון זיין קעשענע די צוויי קנאַקנדיגע, טרעשטשענדיגע פּופּציגער, וואָס ער האָט אָקאָרשט געבראַכט פֿון פּאָון־שאָפּ, און גיט זיי איבער דער שכנה.

און די שכנה די גנב׳טע, פֿון איר זייט, נעמט ארויס פֿון זאָק — זי האט זיך גאָרניט געשעמט פֿאַר׳ן פֿרעמדן מאַנסביל — זי האָט פֿאַרריסן די קליידל ביז׳ן קני און ארויסגענומען פֿון דאָרט אַ צען־דאָלאַרדיג פּאַפּירל און עס איבערגעגעבן דוד׳ן.

— נאָט אייך צוריק אייער געלט און זייט מיר מוחל!

און איז ארויס. אויף יענער זייט טיר האט זי זיך שטיל — יעכידנע פֿאַנאנדערגעלאכט אויפ׳ן חשבון פֿון די ערלעכע יאָלדן. נאָר קיינער איגווייניג אין הויז האט זי ניט געהערט.

די דוד׳יכע איז ווידער געגאנגען אין קלויט אריין, איינקויפֿן עסנוואַרג, וכדומה. זי האט איצט שטייף, פֿאַרזיכטיג צוגעהאַלטן אין האנט דאס קנאקנדיגע צען־דאלארל.

— זאָל זי עס א צווייט מאָל ניט פֿארלירן!

דוד, וואָס איז געבליבן אין הויז, איז געווען דאָפלט־פֿריידיג. נאך אלעמען האט ער דאך גארנישט פֿארלוירן. אי ער האט דאס געפֿונענע געלט, אי ער האט פֿאַרמידן א גרויס אומגליק אין דער שכנה׳ס פֿאַמיליע, אי ער האט דאס פֿאַרגעניגן, וואָס איינער האט ווען מ׳טוט אָפּ זייער א נאָבלען טאַט. גאט האט אים פֿאַר׳ן גאנצן לעצטן מעת־לעת געפרואווט — דאס האט דוד איצט באשיימפּער־לעך געזען. וויפֿיל מענשן וואלטן זיך עס ווען שיידן מיט א דיי־מענט, וואס איז ווערט א טויזנט דאלאר און וואס קומט פֿון א גנב׳טע, וועלכע האט נאך פֿאַרלוירן דעם זעלבן דימענט אינ׳ם סאַ־מע מיטן פֿון א נייער גנבה?

ער איז אבער דעם נסיון בייגעשטאנען. ער איז איצט אַרומגעגאנ־גען באגייסטערט איבער׳ן שטוב און האט זיך געפֿילט א געלייטערטער און א בעסערער, און האט גערדאנקט גאט. ווייל כאָטש ער האָט שוין לאנג ניט אכטונג געגעבן אויף פֿרומקייט, האט דוד דאן איצט קלאָר געזען, אַז ס׳איז יא דא א גאָט.

און ווי דער ערלעכער שניידער, דוד שטיינבערג, שפאצירט אזוי ארום איבער׳ן שטוב אין גרויס צופֿרידנקייט און לויטערקייט, און רייבט זיך אזש די הענט פֿון שטילער הנאה, עפֿנט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין זיין פֿרוי. אָן פּעקלעך עסנוואַרג, מיט אַ ליידיגן קערבל. בלייך — געל, ווי א פֿאַרלעגן שטיקל פּאפּיר, דער־לאַנגט זי אים צוריק דאס צענערל —

— דער גראָסערימאן וויל עס ניט נעמען. ער זאָגט, ס׳איז א פֿאַלשס.

פֿאַלט בא דוד׳ן אַרויס דאס פּאפּיר פֿון די הענט. פֿלאטערט א ווײַלע אין דער לופֿט, זיגזאגיש, היןֿ־הער, און לייגט זיך דערנאך גלייכגילטיג אוועק אויף דער פּאדלאגע. בלייבט דוד שטיין א גע־

פֿלעפֿטער. דוכט זיך אים, ווי אימעצער וואָלט אים פֿון דער הויך מיט א שווערן קלאָץ איבער'ן קאָפּ געגעבן. ווערט ער צעטומלט און אין דער צעטומלעניש דוכט זיך אים טאקע צו זען א גרויסע האנט, א ביינערדיגע אזא, א צעקנוילט־קנאָכעדיגע, א פֿעלזיגע — און הינטער דער האנט אַן אומגעלומפערט ריזיג געזיכט, א פֿאַר־קרימטס און אָפּשפּעטנדיגס — פֿאַלט אויף אים ארויף מיט שפּאָט און פּלאטשעט אים צו, דריקט אים אזוי ביז דער סאמע ערד. שאָ־קלט זיך דוד א ווײַלע אין דער לופֿט, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים און דערנאך פֿאַלט ער צו צו דער וואַנט.

ד ע ר ס ו ף

דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ ראָג גאַס. די גאַסן זיינען דאָ ציכטיגע און ריינע, און דערהויפּט שטילע. שטיל זיינען די גאַסן אין אַלע צייטן פֿון יאָר. סיי זומער און סיי ווינטער. נאָר די שטילקייט פֿון די גאַסן פֿלעגט זיך פֿאַרשטאַרקן אין די פֿרילינג־אָוונטן און אין די הייסע זומער־נאָכמיטאָגס.

דאָס איז געווען אינ׳ם צפֿונ׳דיגן טייל פֿון דער שטאָט קאָלומבוס, אָהייאָ. די געגנט איז געווען אַ רעזידענץ־געגנט. דאָ האָבן געוואוינט מענשן פֿונ׳ם פֿאַרמעגליכערן מיטל־קלאַס, רייכע קרעמער און ערפֿאָלגרייכע „פּראָפֿעשיאָנעלס". ס׳איז געווען אַן אָפּגעזונדערטע געגנט. מיט אַ יאָר פֿופֿציג צוריק, איידער די שטאָט איז אויסגעוואַקסן, איז דאָס געווען אַ קליין דערפֿל ווייט פֿון שטאָט. אַ פּאָר גאַסן ווייטער — צו מערב־זייט — האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פֿעלדער, גרויסע קוקורוזע־פֿעלדער און ווייץ־פֿעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו די שטאַאטן איללינאָי, אינדיאַנאַ און אײאָוואַ. קיין בוים, קיין וואַלד אויף מיילן און מיילן.

נישט ווייט אין די פֿעלדער איז געווען דער אַלענטעדזש טייך, אַ צווייג פֿונ׳ם אהייאָ ריווער. דער טייך איז געווען אַ קליינער. אין הייסע טעג פֿלעגט מען אים קאָנען אַריבערגיין צו־פֿוס. אָבער מרס. ליטטל האָט נאָך געדיינקט, ווי מיט בלויז אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זיך אָט אָ דער טייכל פֿאַנאַנדערגעשטופּט, מען האָט אים ניט דערקענט. ער איז געוואָרן אַ ברייטער טייך, אַן אויסגוס, אַ ים, אַן אָקעאַן — און האָט פֿאַרפֿלייצט די פֿעלדער, ווי ווייט דאָס אויג האָט געכאַפּט. און די נאָענטע גאַסן, און די אונטערשטע עטאַזשען פֿון די הייזער, בוידעמער און שפּיץ בוימער און קוימענס פֿון לאָקאָמאָטיוון האָבן אַרויסגעשטעקט פֿונ׳ם וואַסער, און שטיל, אָן אַ קול, געשריגן נאָך הילף. אויף די פֿעלדער נישט ווייט איז פֿאַרבייגעלאָפֿן די אייזנבאַנליניע פֿון דער ב י ג פ א ו ר.

מרס. ליטטל איז שוין געווען אַלט. שטאַרק אַלט. אוודאי אַ יאָר פֿינף און זיבציג, אָדער מער. זי איז געווען אין דער עלטער, ווען ס׳איז אוממעגלעך צו זאָגן, אויב אַ פּאַרשוין איז אַלט צוויי און זיב־

ציג, אָדער אַכט און ניינציג יאָר. אַלט, געקנייטשט, פּארמעטן, די הויט פֿון די הענט און פֿונ׳ם פּנים איז איר אַרונטערגעהאַנגען אין טאָרבעטשקעס און זעקעלעך. דאָס אינעווייניגסטע פֿון די זעקעלעך איז וואָס אַמאָל אויסגעטריקנטער געוואָרן און פֿאַרשוואונדן אין דער פּוסטקייט פֿון דער וועלט. זיינען די זעקעלעך־הויט אַרום די ביינער פֿון מרס. ליטטל׳ס גוף געוואָרן בייכיגער און גרעסער.

דאָס הויז, וואו זי האט געוואוינט, האט אמאָל געהערט צו איר. צוזאַמען מיט׳ן מאַן איז זי געקומען אַהער מיט יאָרן צוריק, גלייך נאָכ׳ן בירגער־קריג. זי איז דאַמאָלס געווען אונטער צוואַנציג, און איר מאַן ארום פֿינף און צוואנציג יאָר אַלט. ער האט געהאַט זייער א קלוגן פֿייאיגן קאָפּ, אָבער בלויז איין פֿוס, א לינקן. דעם רעכטן האט ער פֿאַרלוירן אין איינעם פֿון די שלאַכטן פֿונ׳ם בירגער־קריג. ער איז געווען פֿון א קליינעם דערפֿל אין די בערג פֿון דרום־פּענסילווייניא, פֿון געמישטן שאָטלענדישן און דייטשן בלוט. נאָכ׳ן בירגער־קריג האט אלעמען אין דאָרף אַרומגעכאַפּט אַן אומרואיקייט. דאס דאָרף איז שוין סיי־ווי פֿאַרוויסט געוואָרן, בשעת די שלאַכטן מיט דער קאָנפֿעדעראַטיווער אַרמעע. כמעט אַלע איינוואוינער האָבן פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. נאָך די מהומות און נאָכ׳ן גרויסן אומגליק האבן זיך די אויגן בײַ אַלעמען עפּעס געעפֿנט ברייט און ברייטער. "אויב מענטשן זיינען שוין אַזוי אומזיכער מיט זייער לעבן און מיט זייער אייגענטום — טאָ זאָל מען כאָטש לעבן ברייט און ברייטער, בשעת מען לעבט!" — דאָס האָט געשיינט צו ברענען אין די אויגן און אינ׳ם בלוט פֿון די דאַמאָלסדיגע אַמעריקאַנער. דאס בלוט האט שטאַרק געיאָגט און געטרייבט צום פֿאָרן, צום פֿאָרן ווייטער און טיפֿער אין דער וועלט אַרויס, איינצונעמען דאס לאַנד, ווערן רייכער, מעכטיגער, שטאַרקער.

צווישן די, וואס האָבן דאַמאָלט אַרומגעוואנדערט איבער אונזער גרויסן לאַנד אַמעריקע, איז אויך געווען מר. ליטטל. ער האט גענומען די קוליע אונטער דער רעכטער פּאַכווע, אונטער דער לינקער — א פּעקל מיט זאַכן, און די ווייב איז אים נאָכגעגאַנגען, טראָגנדיג אין איר פּעקל א גרויסע ביבל, געבונדן אין חזיר־פֿעל, מיט גאָלדענע פּאָסטאמפּען. דער מאַן האט די ביבל נישט געוואָלט נעמען, זי אַוועקגעוואָרפֿן צוזאַמען מיט זיין פֿריערגער פֿרומקייט און גייסטיקייט, פּונקט ווי עס האבן דאַמאָלט געטאָן די מערסטע פֿון זיין דור. די ווייב זיינע — נישט מער ווי א פֿרוי — האט באַהאלטענערהייט גענומען די ביבל מיט זיך אין איר פּעקל. קיין קינדער האבן זיי נאָך ניט געהאַט.

זיי זיינען געגאַנגען צו־פֿוס, געפֿאָרן אויף וואָגנס און דילי־זשאַנסען, און ערטערווייז אויף א קליינער אייזענבאַן־ליניע, וואָס האט זיך ערשט פֿאַרענדיגט: דורך דרום־פּענסילווייניא איבער די אפּאַלשייאַן־בערג, קיין וועסט־ווירדזשיניא, קענטאָקי און העכער ארויף קיין אָהייאָ. דאַן זייגען געווען בריטע פֿעלדער, פֿעט־ערדינע פֿעלדער אויף מיילן און מיילן, נישט אזא שטיינערדיגער באָדן, ווי אין זייער געבוירטס־דערפֿל אין די בערג פֿון דרום־פּענסילווייניא, וואו מען פֿלעגט זיך דאַרפֿן קליגען, זייען צווישן די שטיינער, אויף דאָס ביסל אָנגעהויפֿטע ערד אויף די פֿעלזן. נו, האט ער דאָ געקויפֿט ערד פֿאַר שפּאָט־ביליג, זיך דאָ באזעצט, געוואָרן רייכער פֿון טאָג צו טאָג. פּונקט ווי די געגנט אַרום איז וואָס א יאָר געוואָרן אַלץ רייכער. נישט נאָר האט ער איצט געהאַט א סך גוטע ערד, נאָר געלט — א סך געלט. יעדן טאָג פֿון זיין לעבן, יעדן אָוונט, און יעדע נאַכט האט ער פֿאַרבראַכט אין אויסטראַכטן נייע פּלענער און "סקימס", ווי צו ווערן נאָך רייכער פֿון דעם געלט, וואס ער פֿאַרמאָגט. אַז ער האט דערגרייכט זיין העכסטע רייכקייט, איז ער געשטאָרבן.

נאָך עטלעכע יאָר פֿאַר זיין טויט, האָט ער אויסגעבויט דאָס הויז. ארום דעם הויז האט ער פֿאַרפֿלאַנצט יונגע ביימלעך — א סך יונגע ביימלעך אַזעלכע, ווי עס האָבן זיך געפֿונען אין דער ברעגיגער געגנט, פֿון וואַנען זיי זיינען אַהער געקומען. מרס. ליטל האָט איצט געקראָגן א פּענסיע פֿון דער רעגירונג, ווי אַן אלמנה פֿון א בירגער־קריג וועטעראַן. זי איז נאָך געווען יונג, ערשט אַרום פֿינף און פֿירציג. די קינדער זיינען בײַ איר אויסגעשטאָרבן. עפּעס זיינען זיי געווען קראַנקע פֿונ׳ם געבוירן אָן. ווייל פֿאַרנומען געוואָרן אין איר בויך זיינען זיי אין א צייט אַן אומרואיגער, און א קראַנקער. קומענדיג פֿון בירגער־קריג, האָט איר מאַן געבראַכט מיט זיך נישט בלויז דעם אָפּגעזעגטן פֿוס, נאָר אויך א שאַרפֿן רעוומאַטיזם אין רוקן. דאָס האָט ער געקראָגן פֿונ׳ם ליגן א סך קאַלטע נעכט אויפ׳ן נאַסן גראָז און אין גראָבנס, אין טאָלן און אין וועלדער, און נאָך האָט ער געבראַכט מיט זיך עפּעס א פֿאַרצויגענע מאוסע קראַנקהייט, וואָס מען האט ניט געקאָנט אויסהיילן.

ווען ער איז געווען אין דער מלחמה, האט זי געוויינט א סך טעג און א סך נעכט, געוויינט און געקלערט, אז איר יונגער מאַן, וועמען זי האָט ערשט געהייראַט פֿאַר א פּאָר חדשים פֿאַר׳ן אויס־ברוך פֿונ׳ם קריג ליגט שוין איצט א דער׳הרג׳עטער אויף א פֿרעמדן פֿעלד, דער קאָפּ זיינער אַוועקגעקייקלט פֿון אים צען צי צוועלף

פֿוס. אַזוי האט זי זיך אים פֿאָרגעשטעלט. זיין גוף מיט׳ן אָפֿענעם בלוטנדיגן האַלז — באַזונדער. און זיין קאָפּ — אָן א זייט, אויך באַזונדער. און אַז זי האט שוין געוואוסט, אז ער לעבט, האט זי דורך די נעכט געביינקט נאָך אים, און אפילו ווען זי האָט געדיינקט, אַז ער איז געשטאָרבן, האָט זי אויך געביינקט נאָך אים מיט איר גאַנצן יונגן בלוט. דער מאַן האט אָנגעקלאַפּט אין איר ברוגעם, האָט אים געעפֿנט, און איז אַוועק, ניט טרינקנדיג פֿונ׳ם קוואַל-וואסער. און ערשט איצט האָט זיך די יונג-פֿרוילעכע ליבע אין איר געצייטיגט און געקרעפֿטיגט. אין די נעכט פֿלעגט זי אויסשטרעקן די הענט און ארומנעמען לופֿט. זי פֿלעגט זיך פֿאָרשטעלן, אז זי דריקט צו דעם מאַן צו זיך, און פֿלעגט צודריקן דעם קישן. זי פֿלעגט זיך אין דער פֿינסטער מאָלן, ווי דער מאַן דעקט איר אָפּ די פֿיס, פֿלעגט זי פֿאַרשעמטערהייט זיך פֿאַרשטעלן דעם פנים. אָבער דאס זיינען אַלץ געווען חלומות, אויסמאטערנדיגע חלומות. און זיי האָבן דעם מאַרך פֿון אירע ביינער אויסגעזויגן, די אויגן זיינען איר אויסגעלאָשענער געוואָרן, און געקראָגן רויטע טעלערלעך אונטער זיך. די באַקן האָבן איינגעדאַרט. דערנאָך, אַז דער מאַן אירער איז געקומען צוריק, איז זי אים געווען זייער געטריי, אָבער קאַלט. זי איז שוין געווען אויסגעליידיגט פֿון ליבע. זייערע ליבע-באַהעפֿטונגען זיינען געווען פֿאַלשע און נאָכגעמאַכטע.

נו, אַז דער מאַן אירער איז געשטאָרבן און די קינדער זיינען אויסגעשטאָרבן, איז זי נאָך געווען יונג-מיטליעריג, און האָט עפּעס קיין צופֿאַל ניט געהאט צו שטאַרבן. אָבער לעבן פֿון דער קליינער פענסיע, וואָס זי האָט געקראָגן פֿון דער רעגירונג, איז איר געווען שווער. און אַזוי ווי זי האָט ניט געהאט קיין מאַן אָדער קינד, קיין קרוב, קיין גואל, האָט זי זיך עטלעכע יאָר אַזוי געמוטשעט, און דערנאָך געווען געצוואונגען פֿאַרדינגען איר שטוב צו א פֿרעמדן, און דאָס איז פֿאַררעכנט געוואָרן באַ מענשן פֿון איר גראַד, ווי דערנידערונג, ווי א שרייענדיגער סימן פֿון אָרימקייט און ירידה.

אַרום יענער צייט איז די שטאַאטס-אוניווערסיטעט פֿון אהייאָ, וואס געפֿינט זיך אין דער הויפּטשטאָט פֿון שטאאט, אין קאלומבוס, געוואָרן ברייטער און פֿאַרצווייגטער. איין קאלעדזש נאכ׳ן צווייטן האט זיך געעפֿנט אין דער אוניווערסיטעט. ס׳האבן אָנגעהויבן אָנקומען סטודענטן פֿון די ארומיגע דערפֿער און שטעטלעך, זיך לערנען אַגריקולטור און אינזשינירונג. די דאזיגע קאלעדזשן זיינען געווען געפּאקט, פּונקט ווי עס זיינען שפּעטער געווען געפּאקט די

קאַלדזשעס פֿון מעדיצין, דענטיסטרי און „לאָ". אויף די קורסן פֿון פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור און שפּראַכן האָבן זיך געפֿונען כמעט בלויז פֿרויען.

דאָס הויז האָט זיך געפֿונען ניט ווייט פֿונ׳ם קאַמפּוס. האָט זיך געפֿונען אַ געשעפֿטספֿייאיגע פֿרוי — אויך אַן אלמנה. נאָר איר מאַן איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אינ׳ם שפּאַניש־אַמעריקאַנישן קריג — האָט אָפּגעדונגען בײַ מרס. ליטטל׳ן דאָס הויז און זיך פֿאַרדונגען חדרים־ווײַז צו די פֿרעמדע אָנגעפֿאָרענע סטודענטן. און פֿון דעם האָט זי געלעבט און האָט נאָך דערצויגן אירע קינדער.

מרס. ליטטל האָט זיך אַרויפֿגעקליבן אויפֿ׳ן בוידעם־שטיבל. דאָרט איז געווען בלויז איין חדר, און העכער פֿונ׳ם צווייטן עטאַזש — דאָס הויז האָט געהאַט צוויי עטאַזש און אַ בוידעם־שטיבל — פֿלעגט זיך קיינער קיינמאָל ניט אויפֿהייבן. און מיט אַמאָל איז מרס. ליטטל געוואָרן עלטער. ביסלעכווײַז האָט איר מעבל אָנגעהויבן פֿאַרשווינדן פֿון איר רשות, און איז אַריבערגעגאַנגען אין דעם רשות פֿון דער נײַער געשעפֿטס־פֿייאיגער באַלעבאָסטע. ס׳איז געווען צו שווער פֿאַר אַן אַלטע פֿרוי זיך פֿאָרען און אַכטונג געבן אויפֿ׳ן מעבל, עפּעס פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע צעברעכן. האָט זי עס פֿאַר אַ גאָרנישט פֿאַרקויפֿט דער שכנה. און די מעבל האָט זיך נאָך דאַמאָלס שטאַרק געהאַלטן. און די הויז אויך. גאָר אין גיכן איז שוין די שכנה געוואָרן די פֿאַקטישע איינגנטימערן פֿונ׳ם הויז. נאַטירלעך די אָפּיציעלע פּאַפּירן און „דידס" האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס הויז געהערט נאָך אַלץ צו איר. אָבער מרס. ליטטל האָט מיט קיין איינציג וואָרט ניט פּראָטעסטירט קעגן דאָס באַלעבאַטעווען פֿון דער שכנה. ס׳האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן, אַז זי איז עפּעס אַ בעל־חוב דער נײַער פֿרוי. און בכלל — וואָס וועט זי שוין איצט טון מיט זיך, אַן אַלטע אַזאַ. דער נאָמען פֿון דער נײַער פֿרוי, דער שכנה, וועלכע איז געוואָרן די באַלעבאָסטע, איז געווען מאַרגאַרעט האָניקאָם.

אין די אָוונטן פֿלעגן אונטן אין פּאַרלאָר יונגע סטודענטן שפּילן רעגטיימס אויף אַ סאַקסאָפֿאָן און פּויק, און צוזאַמען מיט מיידלעך טאַנצן פֿאָקס־טראָטס און וואָן־סטעפּ. דאָס הויז איז איר געוואָרן אַ פֿרעמדס. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי נײַ. די מיידלעך האָבן ניט געטראָגן מער די אַמאָליגע קליידלעך. די הײַנטיגע זײַנען אַזעלכע חוצפּה׳דיגע, אָפּדעקנדיגע. און די געזאַנגען, ווי זיי זינגען צוזאַמען מיט די בחורים אין די פֿאַרנאַכטן, זײַנען אויך אַזעלכע אַנדערע. מען זינגט ניט מער קיין „סילווער טהרעדס אַמאָנגסט די

גאָלד", אָדער "גאָון אַר די דיים", אדער "לעסט ראזעס אָוו סאָממער". אדער "אָלד בלעק דזשאָוו".

דערהויפט פלעגט איר דערגיין די יאָרן דזשעס, מרס. האניקאמ'ס בחור'ל פון א יאָר אַכצען. ער איז געווען אינ'ם ערשטן יאָר אויפ'ן האַרטיקולטור־קאלעדזש. מיט דער גרויזאמקייט פון יונגע מענשעלעך, האט ער גלייך דערשמעקט, וואס עס געפעלט ניט דער אלטער, און פלעגט איר אלץ טון אויף צו־להכעיס. ער פלעגט נעמען דער אלטער'ס קאטער, צווישפן צום פלייער־פיאנא זיין ווידל אויף אזא אופן, אַז ער פלעגט מוזן הין און צוריק ארומ־שפרינגען איבער די קלאַווישן. די קלאַווישן האבן פון אונטער דעם קאָטער'ס פיסלעך ארויסגעלאזן די אָפּשרעקעדיגסטע גערוישן. און אַז ער פלעגט נאר אנהויבן שפילן אויפ'ן סאקסאפאָן, פלעגט דער הונט אָנהויבן וואָיען אויף אַזאַ קול, ווי מען באוויינט זיבן טויטע. וואס זיינען מיט איינמאל געשטארבן.

ניט נאר איז פאַרטריבן געווארן די שטילקייט און די אמאליגע לופט פונ'ם הויז, נאר די שטילקייט פון דער שטאָט קאלומבוס איז אויך פאַרטריבן געווארן. פאַבריקן האבן זיך אין דער שטאָט גענעפנט, אייזן־גוספאבריקן שיף־זאוואדן. דורך דער שטאָדט זיינען געלאפן אייזנבאַנען, פונ'ם אַטלאַנטישן אקעאן צום פאסיפישן, פונ'ם מעקסיקאנער גאָלף צו די גרויסע צפון'דיגע אָזערעס.

דאס איז אבער אלץ געווען אין צענטער שטאָט, און אַרונטער שטאָט. אָבער ארום דעם הויז איז נאך געווען שטיל. דא זיינען געוואקסן א סך בוימער. אין פרילינג פלעגן זיך די בוימער־צווייגן אָנהויבן פאַרוועבן מיט בלעטער. אין דער הויך פלעגן זיי זיך צוזאַ־מענשפרייטן מיט די קרוינען, פאָרמירן א בלעטער־אַרקע איבער די גאסן. אז מען פלעגט שטיין בא איין עק גאס און קוקן צום צווייטן עק גאס, פלעגט זיך די גאס אויסדוכטן, ווי א הייל, און דער צוויי־טער ענד גאס מיט'ן האלב־קיילעכדיגן שטיק־הימל — ווי דער ווייי־טער ארויסגאנג פו'ן דער הייל. און אין די זומער־נאכמיטאגס פלעגט זיך א שטילקייט אַזאַ וועבן פון אונטער די בוימער און פאַרוועבן די הייזער. היים פאַרגליווערטע פלעגן די הייזער זיצן אויף דער ערד און דערמאָנען אויף יענער זייט בוימער־ברעג.

געדיכט זיינען די בוימער געוואַקסן ארום הויז. זיי פלעגן דערגרייכן מיט די שפיצן די פענסטער פון מרס. ליטמ'לס בוידעם־שטיבל. אין א זומער־אָוונט פלעגן די בוימער־בלעטער שאַרן זיך אָן די פענסטער. פלעגט מרס. ליטמל אַרויסשטעקן דעם קאָפ, אַזוי

איינגעדאַרט און טרוקן, ווי א הילצערנער. זי פֿלעגט ריידן מיט די בוימער. און די בוימער פֿלעגן ריידן מיט איר. הויך אַרום אירע פֿענסטער זיינען געווען די וועלדער פֿון דרום־פּענסילווייניא. די בוימער האָבן גערעדט פֿון יענעם טאָג מיט כ׳ווייס וויפֿיל יאָר צוריק, ווען מר. ליטטל האָט זיי פֿאַרפֿלאַנצט.

אין אָוונט איז דאָ, אין דעם ווינקל, געווען שטיל, פּונקט, ווי די גאַנצע געגנט אַרום מיט פֿופֿציג יאָר צוריק, איז געווען שטיל. אונטן, אויפֿ׳ן ערשטן עטאַזש, האָט גראָב געטרומייטערט דער סאַקסאַפֿאָן, אויפֿרייצנדיג און פֿאַררייסנדיג האָט געדונערט די פּויק, אין די פּלייער־פּיאַנאָ. נאָר מרס. ליטטל האָט גאָרניט געהערט, די בוימער האָבן זי פֿאַרשטעלט פֿון דער וועלט אַרום. אַלץ איז דאָ געווען שטיל, אפֿילו דער גערודער פֿון די לאַנגע צוגן איבער די גאָנצע אייזנבאַן־ליניען אויף יענער זייט אַנענטשענדזשי טייך האָט זיך איצט געהערט פֿאַרהוילן און געשטילט, — דאָס אָוונטיגע שפּילן פֿון עפּעס א מאָדנעם פֿאַרצייטיגן אינסטרומענט.

ס׳איז געווען א טאָג אין אָנהויב־זומער, אין יוני. ס׳איז געווען דער ענד פֿונ׳ם שול־יאָר אינ׳ם אוניווערסיטעט. די סעניאָרן, די גראַדואירענדיגע סטודענטן, זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די שטילע גאַסן און זייערע לאַנגע „גאונס" (אַזעלכע מאַנטלען, ספּעציעל פֿאַר דער געלעגנהייט) און פֿיר־עקיגע שליאַפּעס מיט די איבערגעקערטע „ברעטלעך", פֿון וועלכע עס זיינען אַרונטערגעהאַנגען פֿאַרשידענע קאָלירטע קוטאַסן, יעדער לויט זיין קאַלעדזש. יונגע בחורים־לעך האָבן אויסגעזען, ווי רעווערענדס, אָדער גלחים.

אַזאַ טאָג איז בא מרס. ליטטל׳ען תמיד געווען א גליקלעכער און ליכטיגער. דאָס יום־טוב׳דיגע שפּילן פֿונ׳ם אָרגל האָט זיך געלאָזט הערן פֿונ׳ם נאָענטן קאָמפּוס, פֿון דער אוניווערסיטעטס־קירך. די אַרומגייענדיגע סטודענטן אין די „קעפּ און גאונס" האָבן אויסגעזען ווי די מענשן, וואָס זי האָט געקאָנט מיט א פֿופֿציג יאָר צוריק, מענשן פֿון אַן אַנדער דור, ערנסטערע, גייסטיגערע, רוחניות׳דיגערע. מרס. ליטטל האָט זיך אריינגעלאָזן אין טראַכטונגען. זי איז איצט געווען זייער גוט געשטימט צו דער גאַנצער וועלט. אפֿילו, ווען זי האָט דערזען, ווי אויף די טרעפּ פֿון זייער הויז גייט אַרויף ד ז ש ע ס, מרס. האָניקאַמ׳ס זון, אויך אין א „קעפּ און גאון", מיט א טריאומפֿירנדיגן מלכות׳דיגן שמייכל אויף זיינע ליפּן, האָט זי פֿאַרגעסן איר ביטערקייט פֿון אַן אַלטן מענש, וועמען מ׳האָט כסדר געטאָן אין ביין אַריין, און האָט אים אַנטקעגן געשמייכלט פֿון דער פֿענסטער־הויך פֿון איר בוידעם־שטיבל.

דזשעס האָט אָבער ניט געקוקט צו איר אויף די פֿענסטער. ער האָט גאָר געקוקט אין זיך, און האָט געזען זעאונגען, זעאונגען פֿון גרויסקייט און רום און רייכקייט און פֿיזעשע מאַכט איבער אַנדערע. ער האָט אָקאָרשט געענדיגט זיין קורס. מיט דער צייט וועט ער ווערן א באַרימטער, הצלחה׳דיגער האָרטיקולטוריסט. קיין דזשאב האָט ער נאָך דערווײלע ניט. אפילו קיין דירעקטע אויסזיכטן אויך ניט. ער האָט שוין אינ׳ם משך פֿונ׳ם לעצטן חדש אַרויסגעשיקט א סך בריוו, און נאָך ניט געקראָגן קיין איין גוטן ענטפֿער. נו, דערווײלע וועט ער זיך קאָנען פֿאַרנעמען מיט׳ן אייגענעם הויז.

מען וועט דאַרפֿן איבערפֿאַרבן, באַנייען דאָס גאַנצע הויז, און פֿאַרפֿלאַנצן נייע בוימער, קליינע אַזעלכע און גוט־אָפּגעהיטע בוימער און בלומען. ער וועט מאַכן פֿאַר׳ן הויז א לאָאַן מיט בלומען־קלומבעס. דזשעס איז אויך געווען א לאַנדשאַפֿט־אַרכיטעקט. מיט׳ן אויג האָט ער איצט אַרומגענומען די שטרעקע ערד פֿאר׳ן הויז. אָט דאָ וועט ער פֿאַרפֿלאַנצן פֿלייר דע לי. אָט דאָ נאַסטורטיאומס. אָט דאָ — ראָבער־פֿלאַנצן און דאָ געראַניומס און אין מיטן — קליינע יאַפּאַנעזישע בת־מלכות, — יונגע בוימלעך פֿון בלויען צעדער.

מער ניט, מען וועט דאַרפֿן אויסהאַקן עטלעכע בוימער פֿון אַרום דעם הויז. טאַקע א היפּשע עטלעכע בוימער, די מייפּל־בוימער און די לאָקוסט־בוימער און די אַלטע, אָפּגעשיילטע סיקאָמאָרס, זיי זאָלן ניט פֿאַרשטעלן די ווארעמע לופֿט און די זון אַרום די בייאיינגעפֿלאַנצטע בלומען. און בכלל, דאָ איז צו־פֿיל שאָטן אַרום הויז, אַז ער גייט דורך די בוימער צום הויז, פֿילט ער ווי ער וואָלט צוגעגאַנגען צו א דאָרפֿישן קירך. ס׳איז עפּעס שטיל און אומעטיגלעך. ווי א וואַלד פֿון בוימער אַרום. ר ע ד ד י ש — זיין געליבטע — האָט אַמאָל א גאַנצן אָוונט אָפּגעפּיפּט אויף יענער זייט בוימער־פּלויט און ער האָט גאָר ניט געהערט. אַזוי געדיכט איז די בוימער־וואַנט אין זומער. זי איז אויף אים געוואָרן ברוגז און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זי געזען אַרויסגיין מיט אַן אַנדער באָי. ס׳איז ש י ר ניט געקומען צו א געשלעג. ס׳זיינען בכלל דאָ צופֿיל בוימער. און חוץ דעם, זיינען דאָ א סך אַלטע בוימער, מיט א סך אָפּגעשטאָרבענע צווייגן. מען דאַרף אָפּהאַקן די פֿאַרדאַרטע צווייגן און מען דאַרף אויך אַרומהאקן די איבעריגע בוימער. וועלן זיי ווערן נידריגער, קלענער און אַרום הויז וועט די לופֿט ווערן פֿרייער און רחבות׳דיגער.

און אין שטוב גופא איז אויך צייטנווייז געווען אַזוי דריקנדיג. ס׳האָט זיך געפֿילט די אנווענדיקייט פֿון א שטענדיגן חולה, פֿון

א חולה מיט א לעבנסלאַנגער פֿאַרשלעפּטער קראַנקהייט. אַלץ צו־ליב דער מרס. ליטטל. ווען מען וואָלט זי געקאָנט אַרויסשטופּן פֿון הויז, זי צווינגען זיך ארויסצוקלויבן. אָבער דאָס האָט מען ניט געקאָנט. קעגן דעם איז געווען א באַוואָרעניש, א פּונקט אין די „פּאַפּירן". און די „פּאַפּירן" האָט זי געהאלטן פֿאַרשלאָסן אין אַן אייזערנעם קופֿערט. און דער קופֿערט איז געווען אין איר חדר. און די טירן פֿון איר חדר זיינען אַלעמאָל געווען פֿארשלאָסן.

און אין איינעם א טאָג האָט דזשעס מיט דער הילף פֿון א פּאָר געדונגענע מענשן, זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט. מען האָט אויסגעהאַקט א סך בוימער, ביז די סאַמע וואָרצלען, געבליבן בלויז „סטאָמפּס". און די איבעריגע בוימער האָט מען מיט גרויסע שערן און מעסערס און זעג ארומגעשניטן, „ארומגעטרימט" און אַרומגעזעגט. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן געטשאָמקעט, זיך פֿאַרמאַכנדיג, די שערן, עס האָבן נאָכאַנאַנד, עקשנות'דיג, געגריצלט די זעגן און עס האָבן געהילכט די העק.

די גאַנצע צייט איז מרס. ליטטל פֿון איר חדר ניט אַרויסגע־גאַנגען. און ניט נאָר איז זי ניט ארויס פֿון איר חדר, זי איז אויך ניט אַרונטער פֿון איר בעט. דאָס האַרץ האט איר געשראָקן און פֿאַרגעזאָגט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. און זי האט מורא געהאט צוצוגיין צו די פֿענסטער.

דערנאָך איז געווען אַן אָוונט. פֿון אונטן האָט זיך געהערט א זיך־רייצנדיגע און אויפֿרעגנדיגע סינקאָפּישע „דזשעזז־מוזיק". אונטן, אויפֿ'ן ערשטן פֿלאָר, איז פֿאָרגעקומען א יום־טוב, א פֿייערונג, עפּעס א „פּאַרטי". עס האָט ציניש־אויסגעלאסן געבלאָזן דער סאַקסאַפֿאָן, נאָכמאַכנדיג אייניגע גראָבע מענשלעכע באַוועגונגען און די אומ־פֿרייוויליגע עקלדיגע גערוישן, וואָס קומען פֿון צייט צו צייט אַרויס פֿונ'ם מענשליכן גוף. עס האָבן אַקאָמפּאַנירט די פּויק, די צימבלען און די פּלייער־פּיאַנאָ. די אָפּגעהאַקטע, קורצע דזשעזז־מוזיק האָט זיך איצט פֿריי געלאָזט דורך די פֿענסטער אינ'ם ארומגעשאָרענעם דרויסן אַרויס. דער דרויסן האָט אויסגעזען, ווי אַן עלטערע בכבוד'יגע פֿרוי וואָלט זיך מיט אמאָל אָפּגעשוירן קורץ די האָר און אָנגעטאָן א קורץ־קלייד ביז די קני.

אַזוי ווי ס'איז געווען אָוונט, און די קלאַנגען פֿון די העק, און די שערן, און די זעג האָט מען שוין ניט געהערט, איז מרס. ליטטל

אויפֿגעשטאַנען פֿון איר בעט. ס'איז געווען שטיקנדיק הייס. אין חדר איז קיין טראָפּן לופֿט ניט געווען. קיין ווינטעלע האט פֿון די פֿענסטער ניט געבלאָזן. דער באַקאַנטער בלעטער־גערויש האָט געפֿעלט.

מרס. ליטל האָט זיך קוים דערשלעפּט צום פֿענסטער. זי האָט אַרויסגעקוקט, און זיך באַלד א שאָקל געגעבן, ווי אַן אויסגעדאַרט שטעקעלע, וועלכן מען פּרובט אַליין אַוועקשטעלן אויפֿ'ן דיל. נאָך גוט, וואָס איר איז איבערגעבליבן א ביסל כח און פֿאַרשטאַנד, זיך אָנצוכאַפּן אָן א לייסט פֿון פֿענסטער.

די בוימער האָבן אויסגעזען, ווי נאָך א שווערן ביטערן געשלעג. איינעם האָט געפֿעלט אַן אָרעם, אַן אַנדערן א האַנט, א דריטן ביידע הענט, א קאָפּ. ס'האָט פֿון דעם שטיל געשווידערט אינ'ם אָוונט. די איבעריגע בוימער, וועלכע מען האָט ניט ארומגעהאַקט, זיינען געווען גלאַט ארומגעשאָרן. זיי האָבן דערמאָנט אָן חולאים, וועלכע זיינען אָקאָרשט אויפֿגעשטאַנען פֿון א לאַנגער, שווערער קריינק, פֿון א טיפֿוס, און מען האָט זיי אָפּגעגאָלט די קעפּ.

אַז א ווינטל האָט געבלאָזן אין דרויסן האָבן די בוימער ניט געהאַט וואָס צו באַוועגן. און אפשר האָבן זיי אים גאָר ניט געפֿילט, דעם ווינטל. זיי האָבן אויסגעקוקט, ווי מענשלעכע קאַרקאַסן, ווי טויטע קערפּער, פֿון וועלכע מען האָט אַרונטערגעזעגט דעם קאָפּ, די הענט און פֿיס. מרס. ליטל האָט באַשיימפּערלעך געזען, ווי דאָס בלוט פֿון די בוימער רינט אינ'ם בלויען אָוונט אַריין.

דאָס אָוונט־ווינטל האָט אַלץ געבלאָזן, און די בוימער האָבן זיך ניט באַוועגט, און ניט אַרויסגעוויזן קיין איין סימן פֿון לעבן. באַוועגט האָט זיך אָבער פּאַמעלעך מרס. ליטל, די אַכציק־יעריגע זקנה, באַוועגט זיך שטיל און פּאַמעלעך, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים, איידער ער פֿאַלט אום. און אַזוי ווי אונטן איז אַלץ געווען רעש'דיק — עס האָט געטרובעט דער סאַקסאַפֿאָן, עס האָט געדונערט די פּויק און מעכאַניש, קאַלט־טויט האָט געשפּילט די פּלייער־פּיאַנאָ — האָבן די פּאַרזאַמלטע לייט אונטן ניט געהערט, ווי א מענשלעכער גוף איז אין דער הויך, אויפֿ'ן בוידעם־שטיבל אומגעפֿאַלן, הינטערוויילעכטס מיט א זעץ אומגעפֿאַלן, אויפֿ'ן דיל און איז שוין שטיל אַזוי געבליבן ליגן.

ברוך גלאַזמאַן

אויף אַ האָר

IV

לענדער
די נײַן אידן

לענדער

פרעלודיע

דאס לאַנד ישראל און דאס לאַנד מצרים.

אַז עס איז א ליכטיגער און זוניגער טאג און גאָלד שפילט זיך אין דער לופט, און א ווייסקייט שפּרייט זיך צווישן הימל און ערד, איז זיך דאמאלס לייכט פאָרצושטעלן — אין וואָסער מדינה און אין וואָסער טייל וועלט מען זאָל ניט זיין — דאס ווייטע לאנד מצרים, וואס געפינט זיך אין צפון־אַפריקע, אויף די ברעגן פונ'ם מיטל־לענדישן ים, איינגעוויקלט אין א זוניגן נעפל.

פון דעם לאנד מצרים, ווי עס איז אייך וואויל באקאנט, זיינען עס די אידן מיט טויזנטער יארן צוריק אויסגעלייזט געוואָרן און געבראכט געוואָרן — דורך אונזער פּאַסטוך משה'ן — אין דעם לאַנד ישראל. נאָר מיט א צייט שפּעטער, צוליב די זינד פון די אידן, וואס זיי האבן געזינדיגט איינער קעגן דעם אנדערן און צוליב די גרויסע מחלוקת'ן וואס זיינען אָנגעגאנגען צווישן זיי, זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן פונ'ם לאַנד ישראל און צעשפּרייט געווארן איבער דער גאָרער וועלט, און אָנגעפילט געווארן מיט א בייַנקשאַפט, וואס וועט קיינמאל ניט געשטילט ווערן און זייער הארץ, וועט אלעמאל אויסגיין נאָכ'ן לאנד פון וואַנען זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן.

ארום דער צייט ווען אונזער געשיכטע קומט פאָר, האבן זיך שוין אין דעם לאנד ישראל געפונען זייער ווייניג אידן. זיי זיינען געווען אָרים, נאָר זייער פרום. און דאס לאנד מצרים, פאַרקערט, האָט ארום דער זעלביגער צייט אָנגעהויבן אויפגעריכט צו ווערן, ווייל א רייכער האנדל איז אָנגעפירט געווארן דורכ'ן דאזיגן לאנד צווישן די ווייניג באקאנטע און פאַרנעפלטע מדינות, וואס אין אַזיען און די שוין־צייטיגע און אויסגעוואקסענע מדינות, וואס אין אייראפּא.

האבן זיך אין מצרים געפונען א סך רייכע אידן, גרויסע סוחרים, באנקירן, חלפנים און אנדערע געשעפטסלייט, וואס זיי האט זייער געגליקט אין זייער האנדל און זיי זיינען רייך געווארן. אבער זייער רייכקייט און גליק איז דאך געווען בלויז פון דער וועלט.

פלעגט טרעפן, אז אין אינדערוואָכנדיגע אָוונטן פלעגן זיי זיך דער־פילן פוסט און אומעטיג אין דער ליכט־באַפוצטער און טומלדיגער אלעקסאַנדריע. און אין פרייטאג אָוונטס און אין דער רו פון שבתים־און יום־טוב׳דיגע טעג פלעגט זיי אנכאַפּן א בייַנקעניש נאך י ע נ ע ם לאַנד, וואס עס איז זייער לאַנד, כאטש זיי זיינען דארט קיינמאל ניט געווען, ווייל וואס איז דער גליק מיט זיי — מיט זייער גאנצער עשירות וועלן זיי דאך שטאַרבן א ו י ף א פרעמדער ערד... און זייער גאָלד און זילבער, און טייערע בריליאַנטן פלעגן זיי ווערן צו לאַסט.

און די ספרד׳ישע געמיינדע פון דער הייליגער שטאָט ירושלים פלעגט יאָר־איין, יאָר־אויס שיקן באַזונדערע משולחים קיין מצרים, כדי אויפצוקלייבן דארט גאָלד און זילבער צווישן די רייכע און ווייטע ברידער, וואס פון דעם פלעגט די לעצטע ווערן גרינגער די לאַסט פון זייער עשירות.

אָט אזוי איז עס:

עס איז באַשערט דעם פאָלק ישראל צו זיין צעשפּרייט צווישן אלע אומות און אין אלע מדינות פון דער וועלט. מאַכט זיך זייער אָפּט, אַז עס ווערט איינעם ענג און עס הויבט אים אָן ווי צו טון אין דער פרעמדקייט און פאַרטריבנקייט, — ווייל ווי גוט א מענשן זאָל ניט זיין, אין דער פרעמד בלייבט ער דאָך אין דער פרעמד — הייבן זיי דאַמאלס אויף זייערע אויגן צום ווייטן און קיינמאל געזעענעם לאַנד ישראל, וואס איז ווי א פאַרגאַנגענער חלום, און א ווייטע טרייסט, און א שטילער צוזאָג.

א
דאס ווילדע לאַנד.

און איינמאל — דאס איז געווען מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק — האט די ספרד׳ישע געמיינדע אין דער הייליגער שטאָט ירושלים געשיקט איינעם אזא שליח קיין מצרים.

דער משולח, וואס איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם יאָר, איז געווען זייער א פרומער און א גאָטספאָרכטיגער מענש. ער איז געווען א רב. זיין נאָמען איז געווען ר׳אורי.

ער האט איינגעפּאַקט זיינע בגדים, די אינדערוואָכנדיגע און די שבת׳דיגע, גענומען צדה לדרך געטריקנטע און געבאַקענע מאַר־לים, און לימענע און שטיינערנע כלים, ווי אויך לאַגלען וואַסער.

די רייזע צווישן דעם לאַנד ישראל און דעם לאַנד מצרים האָט געדויערט אין יענע יאָרן אַ היפּש ביסל צייט, ניט ווייניקער פון עטלעכע און צוואַנציק טעג און נעכט. מען האָט געמוזט די גאַנצע צייט פאָרן דורך דער יבשה, אויף אייזלען און קעמלען.

און אַ גרויס שטיק וועג האָט מען געמוזט דורכמאַכן דורך אַ גרויסער וויסטעניש, אַ מדבר, וואָס געפינט זיך אויפן שמאָלן פּאַס לאַנד סוּעס, וואָס באַהעפט דעם טייל וועלט אַפריקע און דעם טייל וועלט אַזיע, און טיילט אָפּ דעם מיטל־לענדישן ים פונם רויטן ים. אין יענער צייט איז נאָך דער דאָזיקער שמאָלער פּאַס לאַנד ניט געווען דורכגעגראָבן מיט אַ קאַנאַל וואַסער, ווי איצטער.

דאָס לאַנד, דורך וועלכן זיי האָבן געדאַרפט דורכפאָרן, איז געווען ווילד און וויסט. עס איז דאָרטן אויפן וועג ניט געווען צו טרעפן ניט קיין קרעטשמעס, ניט קיין אַכסניות און גאַסט־הייזער, ניט אפילו קיין איינציקע פאַרוואָרפענע פּוילעשע הייזער ערגעץ אין אַ טאָל, אָדער אויף דעם אָנבויג פון אַ באַרג.

זעלטן ווען מען טרעפט דאָרט אָן אַ דאָרף; און אַז די רייזנדע קומען שוין אָן נענטער צו אַזאַ דאָרף, ווערן זיי באַרויבט דורך די איינוואוינער, וועלכע זיינען זייער ווילד און באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי וואַלד־גזלנים.

דעריבער פאַרמיידן דאָרט די רייזנדע אַ מענשלעכן ישוב, און פאָרן די גאַנצע צייט פון דער נסיעה דורך וויסטע און פאַרוואָרפענע וועגן.

וואָס דאַס זיינען אָפט די זיכערסטע און בעסטע וועגן, כדי אָנצוקומען ערגעץ.

די דאָרטיגע וועגן זיינען זייער שמאָל, בערגעדיק און שטייניק. פאַר אַ וואָגן איז דאָרטן ניטאָ גענוג פּלאַץ אויף דורכצופאָרן, מוז מען די גאַנצע צייט רייטן אויף אייזלען אָדער קעמלען. אויסער דעם זיינען דאָרט דאָ פילע בייזע חיות. לעמפּערטן, היענעס, לייבן, גיפטיגע שלאַנגען, פליִענדיקע פּיפּערנאַטערס. זיי לויערן פון זייער באַהעלטעניש אויף די דורכפאָרנדיקע און זיינען גרייט צו פאַרצוקן, און די מיילער זיינען באַ זיי שטענדיק אָפן.

אָבער פירכטערלעכער פון אַלץ זיינען אין יענעם לאַנד די די בערג. זיי זיינען אַזוי הויך און משופּע, און די וועגן דרייען זיך אַרום זיי און וויקלען זיך אַרום זיי אַזוי שמאָל און אָפּגעהאַקט, ווי אָנגעהאַנגענע וועגן אויף דער דרויסנדיקער וואַנט פון די בערג. יעדער רייזנדער איז אין גרויס געפאַר אַרונטערצופאַלן יעדע מינוט אין די טיפע אָפּגרונטן אַריין.

קוקן דעריבער די רייזנדע די גאנצע צייט בלויז פֿאָראויס, פֿאַר זיך: ניט אונטן צו די פֿארנעפּלטע און מיליכג־פֿאַרהוילענע אָפּגרונטן, און ניט ארויף, צו די שפּיציגע, טורמדיגע בערג־הויכן, ווארום ווען זיי וואָלטן ניט געקוקט כסדר פֿאָראויס פֿאַר זיך, מיט די אויגן תמיד געווענדט צו לאנד פֿון זייער ציל, וואָלט זיי אָנגעכאַפּט א שווינדלעניש און זיי וואָלטן אריינגעפֿאַלן אין טיפֿן כף־הקלע אריין און צעשאָטן געוואָרן אויף קליינינקע ביינדעלעך, גוף און נשמה צוזאַמען...

ב

קאַראַוואַנען.

עס איז דעריבער זייער שווער און ניט זיכער צו מאכן די נסיעה אליין. מען רייזט אלעמאל אין א קאמפּאניע, וואס ווערט אָנגערופֿן: "קאראוואן".

קאראוואנען, קאַ־רא־וואנ־ען...

דאס איז אזא שיינע זאך, אזא שיינע זאך... ערשטנס, האט עס א פֿרעמדן, זינגענדיגן נאמען: קאַ־רא־וואנ־ען, און צווייטנס האט עס צוטאָן מיט פֿאָרן, מיט פֿאָרן און מיט פֿאָרן, וואס דאס איז די שענסטע זאַך, וואס א מענש קען טון אין זיין לעבן אויף דער וועלט.

קאראוואן, קאראוואן, — וואס איז אזוינס א קאראוואן?

דאס איז א גרויסע צונויפֿזאמלונג פֿון רייזנדער, פֿון טויזנט מענשן און מער, אַלע באלאָדן מיט סחורות און באוואפֿנט מיט געווער פֿאַר באשיצונג. און אלע צוזאמען שניידן זיי דורך דעם מדבר, רייזנדיג דורך טעג און נעכט.

די דאזיגע נסיעה איז שווער און קאסט איינעם אָפּ דאס גאַנצע געזונט. ערשטנס, מוז מען די גאנצע צייט רייטן און הוידן זיך אויף די ביינערדיגע און שפּיציגע רוקנס פֿון די קעמלען. צווייטנס, בראָט מען זיך כסדר אויף דער ברענענדיגער זון. אין יענעם מדבר זיינען די זומערן זייער הייסע און די זון ברענט א גאנצן זומער, ווי באַ אונז אין מיטן תמוז. דריטנס, זיינען די ווענגן זייער שמאָל, ווי עס איז שוין פֿריער דערציילט געוואָרן, און עס איז אפּילו נישטא גענוג פּלאץ פֿאַר צוויי קעמלען, וואס זאלן קענען גיין איינער לעבן אנדערן אין איין שורה. מוז איין קעמעל רייטן הינטערן צווייטן. און ווען איין קעמעל, צוליב וועלכער עס איז ניט איז חיה'שער הצטרכות, שטעלט זיך אָפּ, מוז זיך אָפּשטעלן דער גאנצער קאראוואן ביז וואנען יענער פֿוילער, אדער איינגעשפּאַרטער, אָדער גוטער קעמעל

וועט אָנהויבן גיין, דער קאַראוואַן איז געגליכן צו איין גרויסן גוף. טאָמער ווערט איין אבר קראַנק, פילן עס אלע איבעריגע אברים, און ליידן דערפון.

און אז דער הייסער טאָג ענדיגט זיך און עס קומט אָן די נאַכט, און מען שטעלט זיך אָפּרוען, און מען וויל אביסעלע דערפרישן די פאַרטריקנטע גומענס, — ווייזט זיך אויף אמאל ארויס, אַז דאס וואַסער אין די פעלענע לאָגלען איז זייער וואַרעם און פאַרדאָרבן... אַ גאנצן טאָג זיך געבראָטן אויף דער זון — און איצט איז אפילו ניטא קיין טראָפּן קאַלט ברונעם־וואַסער פאַר דערקוויקעניש...

פילן זיך די רייזנדער ווי די אידן מיט א פאָר טויזנט יאָרן צוריק ווען זיי זיינען געטריבן געווארן אין גלות. אויפ׳ן וועג האבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דערפער און ישובים און געבעטן בא די איינוואוינער א טרונק וואַסער, — האבן די איינוואוינער זיי צוערשט געגעבן עסן הערינג און אנדערע געזאלצענע מאכלים, און אז די פאַרטריבענע אידן האָבן אָנגעהויבן צו דורשטן און זיך צוגעכאפּט צו די לאָגלען, אַריינגעכאפּט די פעלענע העלזלעך אין די מיילער אריין און זיי אָפּגעבונדן, זיינען די לאָגלען אָנגעפילט מיט פוסטן ווינט... אַ סך פון זיי זיינען דאמאלס געפאַלן טויט אויפ׳ן אָרט.

וואס מיינט איר — אויך אין קאַראוואַן פּאסירט עס, אז איינער פון די רייזנדער זאָל קראנק ווערן אויפ׳ן וועג אדער זאָל גאָר אָוועקשטארבן. מען באַגראָבט אים דאמאלס אין דעם וואַרעם־גאָלדיגן זאַמד פונ׳ם מדבר, און דער קאַראוואַן גייט ווייטער זיין וועג. ווייל קאַראוואַנער מוזן אלעמאל האלטן אין פאָרן, אין פאָרן...

ג

פון ירושלים.

עס איז געווען א ליכטיגער פרילינגדיגער טאָג, ווען ר׳ אורי מיט נאך א פאָר רייזנדער זיינען ארויסגעפאָרן פון ירושלים דורכ׳ן דרום׳דיגן טויער, וואס פירט קיין חברון.

אין חברון האָבן זיי זיך עס באדאַרפט אָנשליסן אָנ׳ם קאַראוואַן, וואס שניידט דורך דער מדבר סועץ, אויפן וועג קיין מצרים.

אז ר׳ אורי איז אינדערפרי דורכגעפאָרן אויף זיין אייזל דורך די גאסן פון ירושלים, האט זיין פנים אינגאנצן געשטראַלט און אין אים האט עס געזונגען, ווייל ער האט געטראכט וועגן דעם הייליגן ציל פון זיין ווייטער נסיעה. אין דער וואַרעמער, ביסנ׳דיגער לופט איז אים פאַר די אויגן אויפגעשוואומען די ווייטע אומבאקאנטע

שטאָט מיט'ן היימיש־קלינגענדיגן נאָמען, — די שטאָט אלעקסאנ־דריע, מיט די ווייטע טורעמס און מינארעטן, וואס בלישטשען אין דער זון, באַם ברעג פון אַן אומבאַקאַנטן וואַסער.

און אינ'ם וואַסער, וואס איז אַזוי קלאָר, איז דא נאך א שטאָט, אַן איבערגעקערטע, מיט פאַנטאַסטישע שפּיצן און נאָדלען, און א בלויען הימל אויפ'ן סאַמע דעק. וואס איז עס פאַר א שטאָט, וואס ליגט אלעמאָל אין וואַסער? — האט זיך געדאַכט ר' אורי. עפּעס א הימל־שטאָט, א שטאָט נישט קיין קערפּערלעכע, נאר א לופטיגע, א גייסטיגע. א שטאָט וואס ליגט צווישן אַלע לענדער, איבער אַלע שטעט...

און אַז ר' אורי פלעגט זיך דערמאָנען אָן יענער לופטיגער שטאָט, פלעגט אים קלאָר ווערן, אַלץ קלאָר ווערן דער זין פון זיין לעבן און צוליב וואס ער איז דא אויף דער וועלט... וואס צוליב דעם לוינט זיך אים אויסצושטיין אַלע שטרויכלונגען און שוועריקייטן פון דער ווייטער געפערלעכער רייזע, אבי צו האָבן די זעאונג פון יענער לופטיגער שטאָט, וואס איז איבער אַלע שטעט, צווישן לענדער...

די גאַסן פון ירושלים זיינען שמאָל, קויטיק און טונקל, ווייל זיי זיינען ס'רוב אויבן — איבער דער ברייט פון איין הויז צום צווייטן — באַדעקט מיט פּלאַכטעס לייוונט, כדי די זון זאָל ניט צוקומען. נאָר דער היינטיגער טאָג איז געווען אַזאַ ליכטיגער און אַזוי פיל זון האט געשיינט, אַז דאס ליכט האט זיך אומעטום דורכגעבראָכן און דורכגעשטופּט. זוניגע פלעקן האָבן אַרומגעטאַנצט דאָ און דאָרט און זיך געשפּיגלט אינ'ם גלאַנציגן גלאָזור, מיט וועלכן די פלאַכע דעכער פון די ירושלים'ער הייזער זיינען באַדעקט.

אַזוי זוניג האט זיך ר' אורי געפילט און אַזוי פאַרטיפט איז ער געווען אין דער פאָרשטייענדיגער נסיעה, אַז ער האט גאָרניט באַמערקט, ווי זיין אייזל איז אריינגעפאָרן אין דעם טומלדיגן און ניט־ברוקירטן באַזאַר אריין.

ד
דורכ'ן מארק

דער מארק איז געלעגן אינ'ם ליכטיגן טאָג, א רעש'דיגער, א האַוועדיגער, א צעשניטענער דורך די פילע דורכגאַנגען און געסלעך.

אויף ביידע זייטן געסלעך זיינען צעעפנט די קליינע קרעמ־

לעך, וואו מען פֿאַרקויפֿט כּל־ערליי סחורה און וואו די שניידער, שוסטער, גאָלשמידן און אנדערע בעלי־מלאכות זיצן בײַ דער אַרבעט.

טערקן, איינגעוויקלט אין זייערע טורבאַנען, זיצן זיך רואיג בײַ די טירן פֿון זייערע געוועלבלעך, קוקן אריין אינ'ם קאָראַן און פּיפּקן פּאמעלעך די לאנגע ליולקעס.

אין מיטן מארק ליגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד די פּויערים, וואס מען רופֿט זיי פֿעלאַכן, מיט זייערע ווייץ, גערשטן און קוילן. טונקעלע זיינען זיי אזעלכע ברוינע, ווי אויסגעגראבענע שטיקער ערד. לעבן זיי ליגן די ווייבער, מיט די שטערנס צעפֿאַרבט און צע־מאָלן אין בלויע און גרינלעכע שטריכן, באהאנגען און באַפּוצט מיט אלערליי גאלדשטיקער און קאלירטע בלעכלעך. דורך די נעזער איז בא זיי דורכגעצויגן שנירלעך מיט מטבעות. אַז זיי גיבן זיך נאר א ריר און שטרעקן אויס די הענט צו די קאשיקעס מיט פֿרוכטן און גרינס, וואס זיי האבן געבראכט אין שטאט צום פֿאַרקויפֿן, הויבן אָן די מעטאַל־שטיקער זיי צו צו קלינגען און צו הילכן.

און אלע פֿאַרבן און אלע קולות לויכטן אין דער זון, ווייל ס'איז פֿרילינג אין דרויסן, און דער פֿרילינג ברעכט זיך אויך דורך די ירושלים'ער מויערן און שפּראצט ארויס פֿון די גאסן און פֿון די שטיינער. זיסע און שמעקעדיגע ריחות שווימען ארום אין דער לופֿט, ווי לופֿטיגע, אומגעזעענע פֿויגלען. קוקט זיך ר' אורי אום און זעט, אז ער געפֿינט זיך אין דער בשמים־געסל.

באַ די טירן פֿון די בשמים געוועלבלעך ליגן אויסגעלייגט שטיקער פֿאַרפֿומירטע זייף, וואס זיינען פֿאַרטישט מיט די טייערסטע געווירצן מ א ש ו ם און אמבאָר, און אויף יעדן שטיקל זייף געפֿינען זיך אזעלכע שיינע געמעלן, ווי דער הר הזיתים, רחל'ס קבֿר, דער מדרש שלמה און נאך אנדערע געמעלן, וואס זיינען א דערקוויקונג פֿאַר'ן אויג. פֿון די קאַווע־הייזער טראגט זיך דער ריח פֿונ'ם גראָב געשטויסענעם טערקישן קאווע און דאס דאזיגע געפּלאַפּל פֿון די טערקן, וועלכע זיצן אויף די דיוואַנעס, רויכערן זייערע לאַנגע ליול־קעס און דערציילן זיך מעשׂות, זינגען און שפּילן אזעלכע מאדנע, ווילדע־ווייטע לידער, וואס אז איר הערט זיי, דוכט זיך אייך אז איר זעט גרויסע מחנות ווילדע רייטער, וועלכע פֿליען אויף זיך־פֿאַנאַנדערגעטראגענע פֿערד דורך די ווילדע פֿאַרוואקסענע סטעפּעס...

און פֿון פֿאַרשידענע זייטן ווערן זיסע בשמים ריחות אָנגעווייט אויף די פֿליגלען פֿון אומגעזעענע ווינטלעך און פֿילן אָן די לופֿט

מיט זיסער פֿאַרשכור׳טקייט... און רויכן קרויזלען זיך... און אויגן שמייכלען... און ליפּן קאַשערן זיך אָפּ פֿון ווייסע ציינער...

אָ, אלעקסאנדריע, אלעקסאנדריע...

ה

קיין חברון.

די זון איז שוין געווען הויך אין הימל, ווען ר׳ אורי מיט נאך עטלעכע רייטער זיינען אַרויסגעפֿאָרן דורכ׳ן דרום׳דיקן טויער אויפ׳ן וועג קיין חברון.

עס איז געווען שניט-צייט. איבער די פֿעלדער באַם וועג זיינען געווען צעשפּרייט א סך שניטער, און זייערע שניידמעסערס האבן געבלאנקט אין דער זון. אין דער קילער און פֿרישער פֿרילינג-לופֿט האבן זיי באנאכט גענעכטיגט אין פֿעלד אונטערן פֿרייען הימל און א וואַקסנדיקייט און א בויניקייט האט אין זייערע גלידער אריינגעפֿלייצט פֿון דער ערד ארויס, און זיי האבן זיך איצט באַוועגט אויפ׳ן פֿעלד אזוי ווי יונגע בוימלעך און געוויקסן.

אין א פּאָר שעה ארום זיינען די רייטער אָנגעקומען אין דער שטאָט חברון, וועלכע ליגט אין א שיינעם טאָל ארומגערינגלט מיט בערג. די בערג זיינען באוואקסן מיט וויינטרויבן-בוימער, און מיל-גרוימען-בוימער, און טייטל-בוימער, און פֿייגן-בוימער, און באָקסער-בוימער, און ציטראנען-בוימער, און אָראַנזש-בוימער און נאך אַנדערע בוימער... און ווייל די שטארקע באַטאגיגע זון שפּרייט ליכטיקייט אין דער לופֿט איבער די אלע פֿאַרבן פֿון די בוימער, זעט דאס גאנצע בערגיגע און טאָליגע לאנד ארום אויס, ווי א אויסגעמאָלן בילד, באגאסן מיט זוניגן ליכט.

אין חברון איז ר׳ אורי אפּגעווען א נאכט און א טאג, ווייל דער קאראוואן איז נאך ניט געווען גרייט צו דער נסיעה. מע האט געוואַרט אויף אייניגע רייזנדע, וועלכע האבן געדאַרפֿט אָנקומען.

דערווייל איז ער איינגעשטאנען באַ די חברונ׳ער אידן, וועלכע זיינען גרויסע מכניס-אורחים, פּונקט ווי אברהם אבינו, וועלכער האט מיט טויזנטער יאָר צוריק געוואוינט אין דער דאזיגער שטאָט און איז דארט אויך באגראבן געווארן, ווייל דארט איז א זיסע און ווייכע און ריינע ערד, און עס איז וואויל פֿאַר א טויטן צו ליגן אין איר.

אויף מארגן פֿרי איז ער געגאַנגען אין שול אריין, האט זיך אַנידערגעשטעלט מיטן פּנים קיין צפון-זייט -- ווייל ירושלים קומט

אוים צפון־זייט פֿון חברון — און האט געבעטן גאט ער זאָל אים געבן א גליקלעכע נסיעה. אַ מענש איז ער געווען אַ פֿרומער און עס האט אים ווי געטון דאס הארץ באַם געדאנק, וואס אין וועג וועט אים אויסקומען נישט אפצוהיטן פֿאַרשידענע מצוות. נאָר ער האט זיך געטרייסט אז עס איז אלץ צוליב א היילינגן ציל, כּדי ארויס־צוהעלפֿן די פֿרומע און אָרעמע אידן פֿון דער שטאט ירושלים און זייערע רייכע ברידער פֿון דער שטאט אלעקסאנדריע.

אבער איין תנאי האט ער אויסגענומען מיטן אָנפֿירער פֿונ׳ם קאראַוואן. און דאס איז, אז מע זאָל צוליב אים, ר׳ אורי׳ן זיך אפּשטעלן רוען אין דעם זיבעטן טאג, שבת. ווייל ער איז א הייליגער טאג, און אין דעם טאג האט זיך גאט אפּגערופּט, ווען ער האט באשאפֿן די וועלט.

גוט. דער עלטסטער פֿונ׳ם קאראוואן האט עס אים צוגעזאגט. ער האט אפילו גענומען באַ ר׳ אורי׳ן אַן עקסטרא געצאלט, וואס דער קאראוואן וועט זיך דארפֿן אפּשטעלן ר ו ע ן צוליב אים אינ׳ם טאג שבת.

— יאָ —

שבת איז א הייליגער טאג,
שבת איז א טאג פֿון רו,
יעדער איד זאל רוען אין יענעם טאג.

ו

אָוונט און נאכט.

עס איז געווען א ליכטיגער אָוונט. גרויסע שטערנס האבן געגלאנצט אין הימל, ווי קיילעכדיגע גאלדענע וויינטרויבן. אזוי ליכטיק איז געווען, אז מע האט געקענט זען א וואַקסנדיגן בוים פֿאַר מיילן און מיילן ווייט.

דער קאראוואן האט זיך געלאזט אין וועג אריין.

וואוהין גייסטו אזוי פּאַמעלעכן קאראוואן?

— דורך א וויסטעניי, וואס איז פֿול מיט שטויב און זאַמד, פֿיל מער, ווי דער ים איז פֿול מיט וואַסער, דורך א מדבר מיט פֿולע שטרויכלונגען. נאר אויף וואַסער וועג זיינען דען קיין שטרויכלונגען ניטא?

אזוי ענטפֿערט דער קאראוואן.

און עס ציען זיך פּאמעלעך די לאנגע העלזער פֿון די גמלים, די וויס־פֿאַרוויקלטע רייטער, און די געפֿאַלדעוועטע בורנוסן, שאק־

לען זיך צווישן די הארבן צום נעקלימפער פון די גלעקלעך אויף די קעמלענס העלזער. א לאנגע שמאלע שורה האט זיך אנגעהויבן ציען איבער די זאמדן אינ׳ם אוונט אריין.

און שפעטער אביסל האט זיך אויפגעהויבן אין דער קלארער און ליידיגער מדבר־לופט א געזאנג, א שטילער זיך קרייזלנדיגער רויך, אן אפגעזונדערטער געזאנג אין דער נאכט אריין.

ז

די זון פארגייט.

זיי זיינען געפארן אזוי עטלעכע טעג און נעכט.

באטאג — דורך דער ברענענדיגער היץ און איבער די גאל־דענע זאמדן.

באנאכט זיינען זיי געלעגן אויפ׳ן ליידיגן פעלד אינ׳ם מדבר. וויינינע האבן געשלאפן, ווייל עס איז געווען אזא בלוט־קילנדיג, זים פארגנינגן זיך צוהערן צו די קולות פון די ווילדע חיות, וואס האבן זיך געטראגן אין דער נאכט, ווילד און דורשטיג.

די רייזע איז אנגעגאנגען גאנץ פרידלעך און אן שום באזונ־דערע פאסירונגען. און עס איז ענדלעך אנגעקומען דער זעקסטער טאג, וואס דאס איז דער טאג פרייטאג.

דער טאג האט זיך אין דעם מדבר אנגעהויבן, ווי אלע טעג און איז געווארן וואס א שעה אלץ עלטער און עלטער. די זון האט שוין אנגעהויבן אונטערצוגיין. ארום און ארום האט זיך געשפרייט זאמד, ווי ווייט דאס אויג האט נאר געקענט כאפן. ארויטלעכקייט האט זיך אנגעהויבן ברייטערן אין דער לופט און אנגעזאגט, אז דער שבת קודש האלט שוין באלד אין אנקומען.

גייט צו ר׳ אורי צום עלטסטן פונ׳ם קאראוואן און דערמאנט אים, אז עס איז שוין צייט זיך אפשטעלן, ווי זיי האבן אפגערעדט, ווייל די זון פארגייט שוין.

לאכט זיך דער עלטסטער פאנאנדער מיט א גרויס געלעכ־טער. דער געלעכטער קלינגט אפ אין דעם פוסטן מדבר, ווי א שרעקלעכער פויגל וואלט זיך ווילד צעשריען. ער וויל זיך, זאגט ער, ניט אפשטעלן אפילו אויף איין מינוט. ער האט נאך אנגעהויבן חוזק צו מאכן פונ׳ם אידן.

— ווילסטו דען, אז מיר זאלן א גאנצן איבעריגן טאג, און א גאנצע איבעריגע נאכט בלייבן אין דעם מדבר צוליב דיר? און צוליב דיינע אידישע מנהגים?

איז ר׳ אורי געווארן זייער טרויעריג, און האט ניט געוואוסט וואס צו טון. זאל ער מיטפארן מיטן קאראוואן און אזויערנאך מחלל שבת זיין, אדער זאל ער פארבלייבן דא אין דער וויסטעניש און זיך מפקיר זיין צו טויזנטער געפארן.

עטלעכע מאל האט ער זיך אזוי איבערגעלייגט און געשלאגן זיך מיט דער דעה. ענדלעך איז בא אים געבליבן, ער זאל זיך אפ־שטעלן אין מדבר, ווארום דאס איז בלויז א ספק סכנה, אפשר וועט אים גאט אפהיטן און עס וועט מיט אים גארניט פאסירן. אויב אבער ער וועט פארשוועכן די הייליקייט פון שבת, וועט ער די דא־זיגע גרויסע עבירה ניט קענען פארריכטן זיין גאנצן לעבן. און ער וועט נאך פארפאלן ווערן אין גהינם אריין אויף אייביג און אייביג.

אז ער האט עס דערקלערט דעם עלטסטן פונ׳ם קאראוואן, האבן זיך די מייסטע רייזנדע שטארק צעלאכט און האבן ניט אנדערש געהאלטן אז דער איד איז משוגע געווארן. עס האבן זיך אבער געפונען אייניגע וועלכע האבן ניט געלאכט, נייערט זיי האבן אויף אים גרוים רחמנות געהאט, דען זיי האבן געוואוסט, אז דער מענש וועט דא זיכער אומקומען פון חיות רעות אדער ווילדע רויבער און דאס גלייכן. נאר זיי האבן אים ניט געקענט אפריידן פון זיין באשלוס.

א איד איז א עקשן
א איד איז א גלויביגער
דורך אלע וועגן
דורך אלע שטעגן, —
צו זיך.

ח

דער קאראוואן פארט אפ.

דער קאראוואן איז אפגעפארן
א, דער קאראוואן! דער קאראוואן!
מיין הארץ פארט קלאפנדיג נאך נאך אים.

ווער וועט ברייננען דאס שטילע ווארט, דאס ווארעמע ווארט
אין דער שטאט אלעקסאנדריע?

ווער וועט ברייננען דאס בלייכע גאלד, דאס קאלטע גאלד
אין דער שטאט ירושלים?

עס היינגט מיין הארץ רויט און פארבלוטיגט אין מעריב, און פלאמט פאמעלעך ארונטער.

דער קאראוואן איז אפגעפארן.

מיט פֿאַרויסגעשטרעקטע העפּ האָבן די קעמלען פֿאַמעלעך געביטן זייערע דין־הויכע קנעכלדיגע פֿיס, געשאָקלט מיט זייערע הויקערס. די רייזנדע האָבן זיך אונטערגעטרייסלט צום טאַקט פֿון די הויקער־באַוועגונגען.

עס איז געוואָרן שטיל. אַ לאַנגער דינער פּאַס האָט זיך גע־צויגן אין דער פֿאַרנאַכטיגער לופֿט פֿונ׳ם מדבר, און ער האָט אויס־געזען, ווי איין לאַנגער, דינער גוף מיט אַ סך קעפּ. אַ טונקעלער פּנים מיט אַ ווייסער פּאַטשיילע ארומגעוויקלט האָט זיך נאָך פֿון צייט צו צייט אומגעקערט און האָט אַ שמייכלדיגן אָדער אַ באַדויע־רנדיגן בליק אַהער צום אידן צוגעשיקט. נאָר וואָס אַ מאָל איז דער פּאַס געוואָרן אַלץ דינער, אַלץ ווייטער, אַלץ בלייכער. די פֿאַרנאַכטיגע לופֿט האָט זיך געטונקלט און איז געדיכטער געוואָרן, ווי אָנגעגאָסן מיט זאַפּט פֿון טינט־עפּלעך. די אָנקומענדיגע נאַכט האָט איינגעשלונגען דעם לעצטן ווייטן פּינטעלע פֿונ׳ם קאַראַוואַן.

עס האָט קוים אויסגעשאַלט אין דער מדבר שטילקייט דאָס לעצטע קלינגען פֿון אַ גלעקל, דאָס לעצטע נאָגנדיג געזאַנג, ווי גוי׳עס זינגען אין פֿרילינג, בעת זיי וואַשן גרעט באַם יונגן טייך.

ט

שבת אין מדבר.

און ר׳ אורי האָט זיך געוואָרפֿן מיטן פּנים צום זאַמד, האָט איינגעגראָבן זיין געזיכט אין דעם, ווייל אַ מענש, האָט ער געטראַכט, איז קליין און נישטיג, פֿון זאַמד קומט ער און צו זאַמד וועט ער זיך אומקערן. איז שוין ניט גלייכער, ער זאָל זיינע געציילטע טעג אויף דר׳ערד פֿאַרברענגען אין ריינקייט און הייליקייט און גיין אויף דעם וועג פֿון לעבן, וועלכן ער האָט אַליין אויסגעקליבן?

ס׳זיינען דאָ אַ סך וועגן, אַ סך
און יעדער זאָל זיך גיין זיין וועג.

און ר׳ אורי האָט געטון זאָגן:

— מיין גאָט, דער גאָט פֿון דניאל וועלכער האָט זיך געלאָזט אַריינוואַרפֿן אין לייב־גרוב אַריין, אַבי ניט אָפּצוטרעטן פֿון דיין גע־באָט. מיין גאָט, דער גאָט פֿון אליהו הנביא, וועלכער האָט בעסער אויסגעקליבן די וויסטעניש פֿאַר זיין וואוינונגס־פּלאַץ, וואו עס איז ניט געווען קיין שפּייז און קיין וואַסער, איידער צו בוקן זיך צום קעניג אַחאָב, וועלכער איז געווען אַ געצנדינער, — דו, גאָט, ביסט דאָך אויך מיין גאָט און וועסט זיין מיין הילף און באַשיצונג.

און ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד, האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום מזרח פֿון דער וועלט, וואו א בלייכע הייטל פֿון א לבנה האָט זיך אָנגעהויבן אַרויפֿגליטשן אויפֿ׳ן הימל, און האָט זיך געשטעלט דאווענען.

ער האָט געדאַוונט מיט גרויס התלהבות און פֿייערדיקייט, און די ברוין ווערגדיגע זאַמדן זייגען געווען ארום און ארום, האָבן זיך צוגעהערט צו זיין קול און געשוויגן און געטוליעט זיך איג׳ם אָוונט.

און אז ר׳ אורי האָט געענדיגט מקבל שבת צו זיין, האָט ער אָנגעהייבן צו זינגען מיט א פֿריילעכן קול שיר השירים, ווי עס איז דער מנהג באַ די ספרדים, וואָס זיי זינגען שיר השירים אין די פֿרייטאג־צו־נאַכטס וואָס זיינען צווישן פּסח און שבועות. די צייט איז דאמאלס א זינגענדיגע און א ליכטיגע, די צייט פֿון פֿרילינג און פֿון שניט, און דאָס הארץ שלאָגט אויף אין א ווייסער פֿרייד, ווי אין אַ סוף־ווינטערדיגן טאָג, ווען עס הייבן מיט אַמאל אָן צו שמעלצן די שנייען.

י

קדוש.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פֿון זיין פּעקל אַ ווייס טיש־טעכל, האָט עס צעשפּרייט אויפֿ׳ן זאַמד, ארויפֿגעלייגט אויף דעם אַ פּאָר חלות, א פלעשל וויין און האָט אָנגעהויבן מאַכן קדוש מיט אַ זיס קול.

און ווי ער האָט אָנגעהייבן מאַכן קדוש מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, איז דער מדבר נאָך שטילער געוואָרן. די זאַמדן האָבן זיך נאָך נענטער צו אים צוגערוקט, ביימער זיינען אָנגעקומען פֿון דערווייטנס, און אַ קוואַל וואַסער, און שטילע הייזלעך איג׳ם שאָטן פֿון פּאַלמעס— אַ קליינע מדבר שטאָט.

זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט ארום ר׳ אורי׳ן און זיך צו־געהערט צו די ווערטער, וועלכע זיינען געפֿאַלן אויף זיי און האָבן זיי געהייליגט.

אז ער האָט געענדיגט קדוש מאַכן, האָט זיך ר׳ אורי אַנידער־געזעצט עסן די שבת׳דיגע סעודה, דאָס בעסטע וואָס ער האָט געהאַט באַ זיך אין פּעקל. און ווידער האָט ר׳ אורי פֿאַרמאַכט די אויגן און דערזען זיך אין דער היים, אין דער ליכטיגער ספרד׳ישער סאַליע, וואו מען האָט באַטאָג געפּוצט אין פּייקלעך, געצימבלט אין די בלעכלעך, זיך געבאָדן אין וואַרעמע קוואַלן און זיך געשמירט מיט די שמעקעדיגסטע בשמים לכבוד שבת.

איז אים פֿריילעך געוואָרן אויפֿן האַרצן און ער האָט מיט אַ ליבלעך קול געזונגען די שבת'דיגע זמירות. און אַזוי ווי אין מדבר אין דאָמאָלס געווען שטיל צוליב'ן שבת און צוליב דער נאַכט, האָט זיך זיין שטים געטראָגן ווייט און ברייט איבער די זאַמדן, וועלכע האָבן זיך שווייגנדיג צוגעהערט צום זיסן געזאַנג.

און אויף ר' אורי'ס פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ גרויסע הייליקייט, וואָס דאָס האָט געמאַכט זיין פּנים לויכטן אין דער טונקל, ווי שוים אויף אַ טונקעלן, באַנאַכטיגן ים־וואַסער.

און דערנאָך האָט ער אָפּגעלייענט קריאת־שמע, זיך געלייגט אויפֿ'ן זאַמד און גענמיינט גלייך אַנטשלאָפֿן ווערן רואיג און זיכער, ווייל ער האָט געפֿילט אַז גאָט איז געווען מיט אים.

יא

אַ לייב האָט געשריען.

ער האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפֿן גלייך, ווייל דער זאַמד איז נאָך געווען היים אָנגעגליט דורך דער באַטאָגיגער זון. איז ער אַ ווײַלע געלעגן אַזוי מיט אָפֿענע אויגן.

אויף די ווייטע ארץ־ישראל'דיגע פֿעלדער זיינען אין דער איצטיגער שעה געלעגן אויף דער פֿריש־אָפּגעשניטענער ערד די שניטערס, און שטילע געזאַנגען האָבן זיך געצויגן אין דער נאַכט אַריין, און פֿייכטע פֿרילינגדיגע ריחות האָבן זיך געצויגן פֿון דער ערד אַרויס.

די דערמאָנונג וועגן די פֿרילינג ריחות האָט ר' אורי'ן אַ ביסל אָנגעהייבן פֿאַר'שכור'ן. זיינע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אָנגעהייבן צו קלעפּן און ער איז אַריינגעפֿאַלן אין זיסן האַלב־דרימל.

אינ'ם האַלב־דרימל איז אים אויפֿגעשוואומען אַ ווייטע אומ־באַקאַנטע שטאָט מיט ווייסע דעכער און מינאַרעטן, וואָס בלישטשען אין דער זון. און אַזוי ווי עס איז נאָך געלעגן באַ אַ גרויסן וואַסער, האָט עס ניט געקענט זיין קיין אַנדערע, ווי די שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס ליגט באַם מיטל־לענדישן ים, און אין וועלכער עס וואוינען מאָדנע און פֿרעמדע אידן.

אומעטום זיינען דאָ אידן — טראַכט ר' אורי אין זיין האַלב־דרימל — און זיי זיינען אַנגעבונדן איינע אָן די אַנדערע, ניט קוקנדיג אויף דער ווייטקייט. אין דער ליכטיגער לבנה־נאַכט, אין דעם מדבר, האָט זיך אים אויסגעדוכט צו זען דורך די אַרונטערגעלאָזענע

אויגן־דעקלעך דין־בלוילעכע פֿעדים, וועלכע ציען זיך פֿון דעם לאַנד ישׂראל קיין אַלעקסאַנדריע דורכ'ן מדבר און דורך א ים, ר' אורי'ן.

און דא האָט אים אנגעהייבן ווי טון דאס האַרץ און שטאַרק פֿאַרדריסן אויף זיך אין זיין באַשלוס צו בלייבן אינ'ם מדבר איבער שבת. ער וועט דאָך אומקומען איינער אַליין, און די דינע פֿעדים וועלן איבערגעריסן ווערן און פֿארלארן ווערן אין די זאַמדן — — —

זיין דרימל איז געווארן אומרואיג.

מיט אמאל דערהערט ער א געשריי פֿון א לייב אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט. א ברילן האט אויפֿגעציטערט די לופֿט פֿון די שלאָפֿנדיגע זאַמדן און א גרויל איז דורכגעלאָפֿן דורכ'ן רוקן פֿון דער נאַכט. אויף א ווײַלע איז עס געווען שטיל. דער ברו־מען האט זיך איבער די זאַמדן פֿארקויקלט, און שאַ. אבער באַלד ווידער האט דער ברומען אויפֿגעדונערט, ווי דאס טויבלעכע און ווייטע כוואַליעס־שלאגן פֿון א צובושעוועטן ים.

דער רב האט זיך שטארק דערשראָקן, און זיך אנגעהייבן גרייטן אויף אַלץ. מסתמא איז עס דער ווילן פֿון גאָט אַזוי. זיין צאָרן און זיין שטראָף. ער האט אנגעהייבן צו זאגן דעם פּסוק:

אין דיין האַנט, אָ גאָט, טו איך באַהאַלטן מיין...

און נאך איידער ער האט באַוויזן צו ענדיגן דעם פּסוק, האבן שוין א פּאר פֿייערן געגומען ברענען לעבן אים אין דער נאַכט, ווי צווי פֿייער־בלומען. און אין נאך א פּאר סעקונדן ארום האט זיך אנ־געהייבן אפּצוצייכענען אויפֿ'ן בלויען געוועב פֿון דער נאַכט די קייַ־לעכדיג־אויפֿגעשויבערטע גריווע פֿון א טלכות'דיגן לייבן־קאָפּ. און אַן עק, וואס האט ווי א שטייף־אנגעצויגענער בויגן, דורכגעשניטן די לופֿט.

א ווײַלע איז דער לייב געשטאַנען אזוי שאַרף אנגעצויגן, שטיל־אומבאַוועגלעך, ווי אויסגעגאסן פֿון שטאָל, און א קיניגלעכ־קייט האט אַרויסגעשטראַלט פֿון זיין שווייגנדיגן קוק. באַלד האט ער גענומען און זיך אַנידערגעלייגט אויפֿ'ן זאַמד ניט ווייט פֿון ר' אורי'ן און האט אים פֿריינטלעך באַטראַכט.

דא האט ר' אורי אויסגעזען טאַקע, ווי דער נביא דניאל אין לייבן־גרוב. ער האט גלייך פֿאַרשטאנען, אז דער לייב מוז עס זיין א שליח פֿון גאָט. האט ר' אורי נאך שטאַרקער אנגעהייבן צו לויבן און צו פּרייזן דעם באשאפֿער פֿון דער וועלט, און פֿון דעם מדבר און פֿון דעם מענש און פֿון דעם לייב, מיט גרויס געזאַנג און שבח, און איז רואיג איינגעשלאפֿן.

און דער לייב איז וואס א מינוט געוואָרן אַלץ פריינטלעכער און צוגעלאָזענער, זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צום מענטשן און זיך געלאַשטשעט צו אים. דערנאָך איז ער אויך איינגעשלאָפן, מלכות׳־דיג רואיג, איז זיין קאָפּ געלעגן אויף די פֿאָדערשטע לאַפּעס.

און ווידער איז געוואָרן שטיל אינ׳ם מדבר. די זאַמדן האָבן זיך געשפּרייט גאָלדענע און ברוינע אין דער נאַכט אַריין. די שטערן האָבן געשימערט אין הימל ווי געשייערטע קופערנע באַלן. דער מדבר האָט געגלאַנצט אינ׳ם לבנה־ליכט, ווי צעשמאָלצן גלאָז, און דער רב איז געלעגן פרידלעך און שטיל און זיכער, ווי ער וואָלט געווען אַן איינוואוינער פֿון דעם מדבר. און דער לייב איז געווען זיין נאַכט־וועכטער.

דער מדבר האָט געדרימלט.
די נאַכט האָט געדרימלט איבער׳ן מדבר.
שטימען האָבן געזונגען אין דער נאַכט.

יב
אויף מאָרגן.

א ווייסלעכע פֿליסיקייט האָט זיך אָנגעהייבן אַריינגיסן אין דער נאַכט אַריין און זי געמאַכט סאָרער, ליכטיגער, ווייסער. און באַלד האָט זיך די נאַכט אינגאַנצן אַרונטערגעשיילט פֿונ׳ם מדבר און עס איז געוואָרן טאָג.

נו, אין דער פֿרי האָט זיך ר׳ אורי אויפֿגעכאַפּט און דערזען אַז דער לייב ליגט נאָך אַלץ לעבן אים. דער רב האָט זיך צוגעוויינט צו אים ווי צו א געוויינטלעכער הויז־חיה, און האָט דעם גאַנצן טאָג שבת פֿאַרבראַכט אין לויב און געזאַנג און אין זמירות.

און אַז עס זיינען אויפֿגעגאַנגען די שטערן פֿון מוצאי־שבת האָט ר׳ אורי אָפּגעמאַכט הבדלה איבער זיין וויין. די זאַמדן האָבן זיך שווייגנדיג צוגעהערט צו זיין ברכה, און דער לייב איז אויך געלעגן דערביי מיט א שווייגנדיג־אונטערטעניגן קאָפּ, און האָט זיך ניט קיין ריר געטון.

און ווי ר׳ אורי האָט אָפּגעמאַכט הבדלה איז דער לייב אויפֿגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אָנגעהייבן אים לעקן מיט זיין צונג, דרייען זיין ווידל און אַלץ געהאַלטן אין דרייען זיין קאָפּ דעם רב צווישן די פֿיס אַריין.

ר׳ אורי האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער אַרויפֿנעמען אים אויף זיך און ברענגען אים בשלום צו זיין קאַראוואַן. ער האָט

גענומען און ארויפגעלייגט אויף אים זיין פעקל, און דערנאך האט ער זיך אליין ארויפגעזעצט אויף אים. און דער לייב מיט'ן רב אויף זיין רוקן האבן זיך געלאזט אין וועג אריין.

יג

דאס געזאנג פון'ם מדבר.

און באלד האט זיך אנגעהייבן דער געיעג דורך דער שרעקלעכער וויסטעניש.

דער רב האט אריינגעפלאכטן זיינע הענט אין די לאנגע צעשייבערטע האר פון'ם לייב'ס גריווע.

די נאכט איז געווען ליכטיג און קיל. עס איז שוין געווען די עלפטע שעה, נאָענט צו מיטן־נאכט, ווען די חיות פון דער וויסטעניש לאזן זיך ארוים אין געיעג נאך שפייז און הייבן אָן זייער באַנאכטיג געזאנג. יעדע חיה האט זיך איר געזאנג, נאָר דאס מענשלעכע אויער קאן ניט פארנעמען דאס געזאנג פון דער חיה. דער רב האט פון אלע געזאנגען איצט געהערט בלויז דאס בלוט־קילנדיגע געשריי פון דיווילדע שאַקאלן און דאס וואָיען פון די גרויסע מדבר־שלאנגען. נאָר פאר אים איז דאס געווען גענוג.

דער לייב האט זיך דערווייל געטראגן דורך דער נאכט, ווי א פייל אויס'ן בויגן. פארביי אים זיינען פארביי געלאפן לעמפערטן, וואס האבן געהאלטן אין זייערע מיילער לעבעדיגע הירשן, וואס האבן נאך געדריגעט מיט די פיס און געווארפן מיט די הערנער־צווייגלעך. וועלף האבן געשלעפט קינדער און פרויען איבער'ן זאמד, מיט אפענע אויגן פון שרעק. איבער'ן קאָפ, אינ'ם לבנה־שיין, האבן זיך געטראגן סאָוועס פון אן אומגעזעענער גרוים, מיט פלאַכע פנים'ער, צוגעפלאשטשעטע נעזער און פינקלענדיגע אויגן. זיי האבן געקלאגט הויך אויף א קול, ווי זיי וואלטן באוויינט דעם טויט פון קינדער:

— אר־אר־אר...

און די פארשידענע קולות פון די חיות, וואס איך ווייס אפילו ניט זייערע נעמען, האבן געשאָסן איינער אויפ'ן אַנדערן אין אַלע זייטן און זיך צונויפגעמישט אין איין מורא'דיג געפלאנטער, וואס האָט דורכגענומען מיט א גרויל א מענשנ'ס לייב, אַז ער וואָלט פון איין שרעק געמוזט אנידערפאַלן אויף דער ערד. נאָר ר' אורי איז געזעסן בארואיגט אויפ'ן לייב'ס רוקן און האט מיט א גלייכן, זיך ניט־שרעקנדיגן געמיט געזונגען:

אדיר אָיום ונורא,
בצר לי לך אקרא...

און זיין שטים גאָר האט זיך געקויקלט אין מדבר, האט זיך אָפּגעשלאָגן הערשעריש אין די גרויסע פעלזן און בערג, ווי שטיקער מעטאַל אָן אנאַנדער, אז עס האט אפּגעהילכט אין דער נאכט. האט עס אויסגעזען, ווי די לופט, די זאַמדן, די שטיינער און די גאַנצע וויסטעניש אַרום האט מיט אים מיטגעזונגען:

אדיר איום ונורא...

אַזאַ געזאַנג האט זיך געלאָזט הערן באַנאַכט אין דער מדבר.

יד

און דאָס איז ר׳ אורי טאַקע געווען...

אַזוי האט ער די גאַנצע נאַכט געררייזט דורכ׳ן מדבר.

עס האט שוין אנגעהייבן צו טאָגן, ווען אין דער מארגן־דעמערונג האבן זיך אנגעהייבן אַרויסזען די בלייכלעכע פלעקן, די געצעלטן פונ׳ם קאראוואן, וואס האט זיך אפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער.

די רייזנדע האבן שוין געהאלטן אין צענויפפּאַקעווען זייערע זאכן און זיך ווידער לאָזן אויף זייערע קעמלען אין דער ווייטערדי־גער נסיעה, ווען זיי האבן דערזען ווי עס דערנענטערט זיך צו זיי פון דערווייטנס א מענש, וואס רייט אויף א לייב.

צוערשט האבן זיי זיך זייער דערשראָקן און די פעקלעך זיינען זיי ארויסגעפאַלן פון זייערע הענט, ווייל זיי האבן געמיינט אז דאס איז די ווילדע פארצייטיגע בריאה, דער צענטאַוור, וועלכער קומט מיט זיי מלחמה האַלטן, און וואס איז האלב מענש און האלב פערד. נאָר אַז זיי האבן באַלד דערקענט דעם רב אויפ׳ן לייב, איז זייער שרעק פארוואנדלט געווארן אין א גרויס וואונדער. און מיט אָפענע מיילער האבן זיי געקוקט דאָ אויפ׳ן רב און דאָ אויפ׳ן לייב.

ר׳ אורי איז ארונטער פונ׳ם לייב׳ס רוקן, האט אראפּגענומען זיין פעקל און איז צו צום קאראוואן.

און דער לייב איז א ווילע געשטאנען אזוי און שארף־אויפ־וואַרפנדיג אנגעקוקט די רייזנדע, אז זיי האבן אַזש אָנגעהייבן ציטערן, און באַלד האט ער אנגעהויבן וואַרפן מיט זיין עק, שאָקלען מיט זיין גריווע, און לאָזן שוים פון זיין מויל און האט אַרויסגעלאָזן אַזאַ גרויס ברומעריי, אַז אַלע רייזנדע זיינען אומגעפאַלן מיט די פנים׳ער צום זאַמד און געבליבן ליגן שטיל.

אַז זיי האבן זיך שפעטער אויפֿגעהויבן פֿון זאַמד, איז שוין דער לייב ניט געווען מער צו זען. זיינען די רייזנדע אינאיינעם מיט זייער עלטסטן ווידער אַמאָל געפֿאַלן מיט די פּנים׳ער צו דער ערד. נאָר דאס מאל שוין ניט פֿון שרעק, נאָר פֿון ערפֿורכט. און האבן זיך אנגעהייבן בוקן און נייגן צו ר׳ אורי׳ן, ווייל זיי האבן אין אים דערזען א הייליגן מאַן, וואס איז געפֿאָרן אין אַ וויכטיגער שליחות.

א נ ט ע ל ו ד י ע.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר י ע.

די שטאָט אַלעקסאַנדריע איז זייער א שיינע און אַלטע שטאָט. איך בין דארט אפילו קיינמאל ניט געווען, נאָר אַזוי שטעל איך זי מיר פֿאָר, און א פֿאַנטאַזיע האב איך א גאָלדענע, און צו שיין פֿאַר א לעבעדיגן מענשן, ווייל מענשן מיט אַזאַ פֿאַנטאַזיע קענען קיין סך ניט לעבן.

און פֿאַרוואָס האב איך ליב די שטאָט אַלעקסאַנדריע?

ערשטנס, האט זי אַזאַ שיינעם נאָמען. און זאַכן וואס האבן א שיינעם נאָמען — איז דאָך שוין גוט.

צווייטנס, ליגט זי באַם מיטל-לענדישן ים. און שטעט וואס ליגן באַם וואַסער — — — האַ?

דריטנס, איז דאס א גאָר אַלטע שטאָט — — — אידן האבן דאָרטן געוואוינט פֿון די פֿריעסטע צייטן אָן, ווען מיינע און אייערע נשמות האבן נאָך געדרעמלט אינ׳ם נשמה־קאַמער פֿון דער וועלט, קליינע, ווייסינקע שנייעלעך — — — און אפשר זיינען נאָך אונזערע נשמות דאמאלס אפילו ניט אויסגעטיילט געווארן, ניט אָפּגעזונדערט געווארן, און האבן זיך נאָך געפֿונען ערגעץ אין א ווייסן שטיין, אין א רויז־געשטרייפֿטן מאַרמאָר־באַרג.

און די אידן וואוינען נאָך אין אַלעקסאַנדריע ביז צום היינטיגן טאָג, און וועלן דארט וואוינען ביז צום סוף פֿון די דורות, ווען ביימעלעך און טיי־רויזן וועלן וואַקסן און פֿאַרוועלקן אויף מיין און אייערע קברים. —

אָ, שרעקט זיך ניט מיינע פֿריינט. י ע נ ע שעה איז נאָך ווייט — — — און מיר וועלן נאָך שפּאַצירן א סך ליכטיגע זומערדיגע טעג, און זיך באָדן אין קאַלטן וואַסער און צעלאָזענעם שניי.

קומט, מאָרגן איז באַ אונז פֿרילינג —

קומט, מאָרגן גייען מיר קלויבן נים. —

— קומט, מאָרגן גייען מיר אין די וועלדער.
— קומט, איך וויים א פעלד וואו טיי־רויזן וואַקסן.
— קומט, קומט מיט מיר, קומט.
פערטנס — — —

פערטנס, האב איך אמאָל געזען אין א געאָגראַפיע־בוך דאס בילד פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, האט מיר דאס האַרץ אָנגע־הייבן זייער שטאַרק צו קלאפן, און די אויגן צו גלאַנצן.

פינפטנס, בין איך אין אַלעקסאַנדריע קיינמאָל ניט געווען, און שטעט וואו איך בין ניט געווען זיינען מיר ליב.

— און איך וויל דאָרט דעריבער אויך קיינמאָל ניט זיין.

און אפשר יאָ, ווער קען וויסן, וואו איך וועל נאָך מגולגל ווערן ביז־ן ענד פון מיינע טעג. —

אַלעקסאַנדריע, אלעקסאַנדריע, אַלעקסאַנדריע!

אין דער דאָזיגער שטאָט איז מיט א פאר וואָכן שפעטער אַרומגעגאַנגען דער משולח פון די ירושלים'ער אידן. עס איז געווען אָוונט, און נאָך וואס פאַר אַן אָוונט — פרייטאג אָוונט. דער איד האט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון דער אַלטער שול — כנסת אליהו, וואו ער האט מקבל שבת געווען, ווי אַן אורח פון די אָרטיגע אידן. איך קאָן אייך דערציילן, אַז דעריבער הייסט די שול כנסת אליהו, ווייל אליהו הנביא האט דאָרט אַמאָל א שטיק צייט געוואוינט.

שאַ, כ'האָב אייך דערציילט — איז ווי א שטיין אין וואַסער אריין!

איז דער איד אַזוי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, עס איז געווען אָוונט, נאָענט צו שבועות, ווייסע דעכער האבן געלויכטן אין דער טונקלעבער בלוי.

און דעם אידן איז געווען אַזוי גוט אויפ'ן האַרצן, ווייל ער האט זיין שליחות אויסגעפירט אויפ'ן בעסטן אופן, אין דער היים באַ אים זיינען שוין געלעגן זיבן זעק מיט גאָלד און זילבער פאַר זיינע אָרימע און פרומע ברידער פון ירושלים. איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען איבער די פרעמדע און באַלויכטענע גאַסן, וואס זיינען אים געווען ווי אייגענע, און ער האט זיך אפילו געפוילט צו גיין גלייך אַהיים אין יענעם פריינטלעכן הויז וואו מען האט איצט געוואַרט אויף אים מיט דעם פרייטאָגדיגן עסן.

איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער האט זיך דערזען באַם ברעג פון ים. זיינען אויפ'ן ים אַרומגעשוואומען א סך שיפן,

און ליכטער האבן אַרויסגעלויכטן פֿון די מאַסטן און פֿונ'ם וואַסער אַרויס. און ער האט אַרייַנגעקוקט אין וואַסער, האט ער דערזען פֿאַר זיך אַ נייע שטאָט, מיט גאָלדענע שפּיצן און טורעמס און בוידעמער און דעכער און פֿייערדיגע גערטענער און ליכטיגע פֿעלדער.

און דינע פֿייערדיגע פֿעדים האבן זיך געצויגן דורכ'ן וואַסער און אָנגעפֿילט די לופֿט מיט פֿייערדיגע נעצן. און פֿייערדיגע פּאַסן האָבן זיך געצויגן אויף דער איבערפֿלאַך פֿונ'ם וואַסער, אין די שפּורן פֿון אָפּפֿאָרנדיגע שיפֿן.

און די שיפֿן, באַלויכטענע און זילבערנע, ציען זיך איבער'ן טונקעלען ים, דורך דער טונקעלער נאַכט — צום ווייטן לאנד. און אין יענעם ווייטן לאַנד איז שוין היינט באַנאַכט ניט אין איין הויז דער שבת — אַ פֿריילעכערער, דער שמייכל אויף בלייך־איידעלע געלערנטע געזיכטער — אַ ליכטיגערער. דאָס רויטע האַרץ קלאַפּט שטאַרקער און רויטער ווי דער וויין, אויפֿ'ן טיש ברענט רויטער און זאַפֿטיגער.

און ר' אורי האָט זיך געטראַכט באַם ים:

— גאָט פֿאַרלאָזט ניט זיין פֿאָלק און עס ווערט אַלעמאָל צוזאַמענגעהאַפֿטן אין זיינע ווייטסטע פֿאַרשפּרייטונגען דורך דינע פֿייערדיגע פֿעדים. פּונקט ווי ער, ר' אורי דאָ, אַזוי זיינען אין דעם לאַנד ישראל דאָ איצט אידן וואָס, פֿאַרקוקנדיג זיך אינ'ם רויטן וויין אויפֿ'ן טיש אָדער גלאַט אַזוי פֿאַרטאַכנדיג שטאַרק די אויגן, דערזעען זיי די ווייטע שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס איז ווי אַ פֿאַרגאַנגענער חלום, אַ ווייסע טרייסט און אַ שטילע זילבערדיגע האָפֿנונג...

די נײַע אידן

זאָג איך צו די קינדער:

— עס איז דער מזל פֿון אונזער פֿאָלק, וואָס עס דאַרף זיין צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, צווישן אַלע פֿעלקער און אַלע לענדער. און אַזוי איז עס געוועזן שוין זייט פֿון יאָרן אָן, און ווער ווייס, ווען עס וועט נעמען אַן ענד צו דעם. מיין טאַטן און אייער טאַטע, און נאָך א סך פֿון אונז קינדער — אַלערליי קינדער: קליינע, אויסגעוואַקסענע, ניטדערוואַקסענע און איבערגעוואַקסענע — האָפֿן אַז עס וועט נעמען אַן ענד צו אונזער צעזייטקייט אין די גאָר נאָענטע טעג. נו, אפֿשר וועלן מיר נאָך דערלעבן זען עס מיט אונזערע אייגענע אויגן. ווייל א סך גוטע זאַכן קומען אָן אויף דער וועלט, ווען מיר זייגען שוין דאָ ניטאָ... ווען מיר זיינען שוין ערגעץ אַוועק.

„ווייל כאָטש מיר ווערן א גרויס, פֿיל־פֿאַרשטייענדיג און פֿיל־זעענדיג פֿאָלק דורך דעם, וואָס מיר וואוינען אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער ערד, איז עס אַמאָל אָבער, ווייסט איר, קינדער, אומעטיג און פֿרעמד, וואָס מען פֿילט זיך כמעט שטענדיג פֿאַראיינזאַמט צווישן ניט־אייגענע. וואָס פֿאַר א ביישפּיל זאָל איך אייך ברייגגען? עס איז אַזוי ווי ווען איר פֿאַרברייננגט א גאָלדענעם זומער אין א וואונדערלעך־שיינעם דאָרף מיט שיינע פֿעלדער, און וועלדער, און טייכער, און וועגן, און סטעזשקעס. נאָר וואָס דען — איר קוקט זיך אַמאָל אַרום, אַז קיין אייגציגער לעבעדיגער מענש איז אייך דאָרט ניט נאָענט... איידעלע מענשן טאַקע, נאָר פֿרעמדע. אַזוי, אַז עס פֿאַלט אייך דעריבער אַמאָל איין, אַז די פֿעלדער, און וועלדער, און טייכן, און וועגן, און סטעזשקעס זיינען אייך אויך פֿרעמדע, כאָטש זיי זיינען שיינע און ליכטיגע... איר פֿאַרשטייט? ליכטיגע און זוניגע פֿעלדער, וואָס זיינען פֿרעמד.

„אַז איך בין געוועזן א קינד — און איך בין אויך אַמאָל געוועזן א קינד, ווי ווייניג מען קאָן עס דערקאָנען אויף מיר איצט — געדיינק איך, פֿלעגן אין אונזער שטאָט אויף די אידישע ימים־טובים און גאָטס־פֿאָרכטיגע טעג אָנקומען, — אויף וועגעלעך און צופֿוס — אידן און פֿרויען, און קינדער פֿון די אַרומיגע נאָענטע און ווייטע דערפֿאַר

פּאַסעסיעס, פּולוואַרקעס, כוטאָרען, פּאַסאַדען, ישובים און קרעטשמעס.
א גאַנצן יאָר וואוינט מען צווישן גוים, מען ווערט פֿאַרגרעבט און
אָפּגעלאָזן — מען הייבט שוין אפילו אָן צו טראָגן שעפּסענע פּעלצ־
לעך און גראָבע לייוונטענע הויזן — קומט א אידישער יום־טוב, וויל
מען זיין מיט אידן, בעטן גאָט צוזאַמען מיט נאָך אידן, דאַווענען אין
א מנין — וואָס דאָס איז א צונויפֿזאַמלונג פֿון ניט ווייניגער פֿון
צען אידן.

עס מאַכט זיך אָבער, אַז א גרויסע שטאָט מיט א סך אידן,
איז ווייט. וואוינט א איד דאָ, א איד דאָרט, אין א דאָרף, אין א
קרעטשמע, אויף א ישוב, צווישן פֿעלדער, צווישן וועלדער, צווישן
גרויסע טראַקטן לאַנד, אויף וועלכע עס זיינען פֿאַרפּלאַנצט בלויז
איינציגע אידן, מאָדנע אַזעלכע פּרעמדלענדישע געוויקסן, צווישן
גוים, וואָס זיינען ווי ווילדע בוימער.

נעמט מען און מען קלויבט זיך צונויף באַ איינעם פֿון זיי —
מען רעדט זיך פֿריער צונויף באַ וועמען — אויף א מנין.

א מנין צווישן פֿעלדער.

א מנין צווישן וועלדער.

א מנין צווישן ווילדע בוימער.

ס'ווערט שוין שפּעט. די זון איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען. עס
איז שוין צייט מקבל שבת צו זיין, אָדער זאָגן דעם יום־טוב'דיגן
"ברכו". נאָר מען גיט אקוק אַרום און אַרום אין חדר — ערשט ס'איז
ניטאָ קיין פֿולער מנין. זאָל כאָטש פֿעלן פֿיר מענשן, דריי, צוויי —
ניין! ס'איז דאָ ניין אידן. עס פֿעלט בלויז איינער!

בלויז איינער.

ניין אידן, און מער קיינער,

ס'איז א צאָל — נאָר ס'פעלט דער איינער.

דער טאָג איז שוין פֿאַרגאַנגען. די אָוונטיקייט ווערט בלויער.
שטערן זעצן זיך שוין אוים אין הימל פֿאַר זייער נאַכטיגן לייכטן.
און דורך די פֿענסטער פֿון הייזלעך, צווישן פֿעלדער, קוקן אַרויס
בלייכע פּנים'ער אין דרויסן אַרויס. א פּאָר מענשן לאָזן זיך דורך די
פֿאַרשטומטע וועלדער, אויף די ליידיגע וועגן, וועלכע בלייכן זיך
קוים אינ'ם אָוונט. מען קוקט אַרויס מיט קלאַפּנדיגע הערצער און
אומרואיגע אויגן אויף וועג און שטעג:

— אפשר וועט זיך באַווייזן א פֿערד און וועגעלע?... אפשר
וועט זיך באַווייזן א איד אינ'ם אָוונט?

יאָ, נישט גוט איז, קינדערלעך, אַז מען איז פֿאַרוואָרפֿן אַזוי צווישן פֿעלדער און וועלדער און מען קוקט זיך אַרום שפּעט אינ'ם פֿאַרנאַכט און מען זעט: — עס פֿעלט אַ איד צום מנין... דער אָוונט ווערט טונקעלער... די וועגן — בלייכער און אָפּגעמעקטער... די פֿענסטער־שויבן — בלויער... און קיין איד איז אַלץ ניטאָ.

— וואַרטן אַזוי ניין אידן אינ'ם פֿאַרנאַכט אויפֿ'ן צענטן איד.

און דאָס, מיינע ליבע קינדערלעך, פּאַסירט נישט איינמאָל, און נישט צוויי מאָל, און נישט דריי מאָל — אָפֿט, זייער אָפֿט פּאַסירט עס, ווייל אַ ל ע מ אָ ל זיינען ערגעץ דאָ ניין אידן, וועלכע וואַרטן מיט בלייכע פּנים'ער אין די הייליגע פֿאַרנאַכטן — — —

וואַרטן אויפֿ'ן צ ע נ ט ן א י ד ן.

און דער צענטער איד — —

שאַ, אָט וועל איך אייך טאַקע דערציילן אַ מעשה מיט אַ מנין און מיט ניין אידן. די דאָזיגע מעשה האָב איך לאַנג־לאַנג צוריק געלייענט אין אַ הייליגן ספר, און איצטער איז זי מיר ווידער אויפֿגעלויכטן.

די מעשה האָט פּאַסירט אינ'ם יאָר פֿינף טויזנט דריי הונדערט און זעכציג זינט די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, און פּאַסירט האָט זי אין דער שטאָט חברון, אין דער צייט, וואָס דער באַרימטער ר' אלעזר ארכי איז געווען דאָרטן דער רב.

אין דער שטאָט חברון האָבן זיך דאַמאָלס געפֿונען זייער ווייניג אידן. עס זיינען דאָרט אינגאַנצן געווען ניין דערוואַקסענע אידן, אַזוי אַז די אידישע איינוואוינער פֿלעגן קיינמאָל נישט קענען דאַווענען בצבור. און אַרום און אַרום חברון האָבן זיך דאַמאָלס אויך ניט געפֿונען קיינע אידישע ישובים, קיינע פֿאַרמער, קיינע קאָלאָניעס. אַ גרעסערע שטאָט איז ווייט — איז דאָס איינציגע, אויף וואָס די ניין אידן פֿלעגן האָפֿן, איז געווען, טאָמער קומט אָן אַן אורח.

און עס פֿלעגט גראָד אַלעמאָל טרעפֿן, אַז אַן אורח פֿלעגט אָנקומען פּונקט אין צייט. ווייל די שטאָט חברון איז אַ הייליגע באַ אידן, דאָרט געפֿינט זיך די מערת המכפּלה, די טאָפּלטע הייל, וואו אברהם יצחק און יעקב, שרה, רבקה, און לאה זיינען נקבר געוואָרן.

און פֿרומע אידן פֿון גאָר דער וועלט קומען צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי מתפּלל צו זיין אויף די קברים פֿון אונזערע עלטערן דאָרט.

פֿלעגן די חברונ׳ער אידן געווײנלעך גאַנץ ווייניג זאָרג האָבן, ווײל וואָס־וואס, נאָר אַמווײניגסטן איין אורח פֿלעגט זיך צו יעדער צייט געפֿינען אין חברון.

אָבער וואָס עס פּאַסירט צו יעדער צייט, קאָן דאָך אַמאָל אויפֿהערן צו פּאַסירן. איז אַמאָל געווען אַן ערב יום־כפור, און קיין אורח איז נישטאָ אין שטאָט! עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרגיין. לייגנליכע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט איבער׳ן זאַמד. עס איז שוין לאַנג צייט צו דאַווענען מנחה, און קיין אורח איז נאָך אַלץ ניטאָ.

דאָ זיינען די אידן פֿון חברון געוואָרן זייער אומעטיג. גאַנץ ווייניג האָפֿנונג האָבן זיי געהאַט, אַז אַן אורח זאָל נאָך קומען אַזוי שפּעט. וואָס עס האָט מסתמא יאָ פּאַסירט, האָבן די חברונ׳ער אידן, געטראַכט, איז, אַז מענשן זיינען טאַקע יאָ געפֿאָרן קיין חברון, נאָר אַז זיי האָבן דערזען, אַז זיי וועלן ניט אָנקומען אין צייט, און אַרייַנ־פֿאָרן אין יום־כפור אַריין האָבן זיי, עס פֿאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט, האָבן זיי זיך געווים אָפּגעשטעלט אין א דאָרף צווישן די ווילדע אַראַבער.

האָבן די אָרטיגע אידן אַרויסגעשיקט שלוחים און רייטער אויף אייזלען אין די אַרומיגע דערפֿער אַריין צו זען, אויב דאָרטן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט קיין איד, און זיינען דערווייל געבליבן וואַרטן אינ׳ם פֿאַרנאַכט.

וואָס זיי האָבן געפֿילט וואַרטנדיג קען איך אייך קוים דער־ציילן, איר קענט זיך עס שוין אַליין גוט פֿאָרשטעלן.

די זון האָט שוין גאָלדיג־רויט באַשיינט די העכסטע שפּיצן פֿון די ביימער און אין א פֿערטל שעה אַרום האָט שוין געזאָלט ווערן נאַכט. ווען עס האָבן זיך באַוויזן די רייטער אויף די אייזלען, און אַלעמענס קעפּ זיינען געווען טרויעריג און אַרונטערגעלאָזן און פֿאַראומערט.

קיין איד איז נישט געווען צו געפֿינען אין די דערפֿער אַרום.

ס׳איז שלעכט. ס׳איז שלעכט. ניין אידן אינ׳ם אָוונט.

נאָר ווי זיי שטייען אַזוי פֿאַר זייער קליינער שול, אומעטיגע און פֿאַרצווייפֿלטע, דערזעען זיי, ווי פֿון דער זייט, וואו די מערת המכפלה געפֿינט זיך, קומט צו זיי אָן אַן אַלטער מאַן, מיט פּאַמעַ־לעכע און געלאַסענע טריט. ער איז אָנגעטאָן אינגאַנצן אין ווייסן. זיין באָרד איז לאַנג און גרוי און דערגרייכט ביז׳ן גאַרטל, און ער לויכט אינ׳ם אָוונט, ווי א שטיק ליכטיקייט און שטראַלנדיקייט

וואָלט זיך אויסגעריסן פֿון ערגעץ א באַטאָגיגער וועלט און אָנגעקומען צו זיי.

וואָס איז דאָ צו דערציילן, אַז די אידן פֿון חברון האָבן אים דערזען, איז זייער פֿרייד געווען ניט צו באַשרייבן. זיי האָבן אים אויפֿגענומען מיט גרויס כבוד און שמחה, כאָטש זיי האָבן געמוזט איינהאַלטן זייער פֿרייד, ווייל עס איז דאָך געווען ערב יום כפור.

און אַז זיי האָבן פֿאַר'ן שיינעם הדרת־פּנים'דיגן זקן אויסגעדריקט זייער צער און פֿאַרדרוס, וואָס עס איז שוין אַזוי שפּעט און זיי קענען אים דאַריבער ניט געבן צום עסן און פֿאַרפֿאַסטן זיך — עס איז שוין טאַקע געווען רעכט פֿינסטער, און דער ווייסער אורח האָט זיך שטאַרק געלויכטן אין דער בלויקייט, ווי שניי אין א ווינטערדיגער נאַכט — האָט דער אַלטער מאַן ווי שטיל און באַרואיגנדיג אָפּגעענטפֿערט?

— זאָרגט זיך ניט, מיינע ליבע פֿריינט. דער תענית וועט מיר געוויס ניט אָנקומען שווער. איך בין שוין געוויינט צו דעם. איך פֿאַסט שוין הפסקות פֿון לאַנגע יאָרן אָן.

האָבן די אידן פֿון חברון פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז שוין זיין גאָר אַן אַלטער מאַן. נו, האָבן זיי אים געבראַכט אין זייער שול אַריין, וואו זיי האָבן אַלע מתפלל געווען מיט גרויס כונה די גאַנצע נאַכט פֿון יום כפור און דעם מאָרגנדיגן טאָג. און דער אַלטער מאַן איז געשטאַנען דעם גאַנצן מעת־לעת מיט'ן פּנים אומגעקערט צו דער וואַנט, און האָט מתפלל געווען, און האָט פֿאַרגאָסן זייער א סך טרערן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַט זייער א סך נאָענטע און אייגענע, פֿאַר וועמען צו בעטן גאָט.

די ניין אידן פֿון חברון האָבן אים אָנגעהייבן צו פֿאַרגעטערן, ווי א מלאך פֿון גאָט. זיי האָבן אים אויף מאָרגן מכבד געווען מיט דער שענסטער עליה. און ערשט דאַמאָלס, ווען מען האָט אים אויפֿגערופֿן צו דער תורה, האָט ער זיך אָפּגעווענדט פֿון דער וואַנט, און די ניין אידן האָבן דאָ דערבליקט זיין פּנים אינ'ם ליכטיגן טאָג.

און זיי האָבן דערזען, אַז זיין פּנים שטראַלט, ווי די זון אין מיטן זומער, אין א ליכטיגן באַטאָג, און נאָך מער. און א ליכט א מאָדנע האָט אים אַרומגעוויקלט, ווי דאָס ליכט פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג. און די אידן האָבן געקוקט און ניט געקענט אַרונטערנעמען זייערע בליקן.

אָבער א גרויס פֿורכט און מורא איז זיי באַלד באַפֿאַלן ווען זיי האָבן באַמערקט ווי גלייך און שטייף־אומבאַוועגלעך דעם אורח'ס

קערפּער איז געווען. ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן אויסגעהאַקט פֿון מאַרמאָר־שטיין, אָדער קיזל־שטיין. קיין שום צייכן פֿון באַוועגלעכן לעבן איז אין אים ניט געווען צו זען, אויסער דעם, וואָס ער איז געגאַנגען. איז עס געווען, ווי ווען א מאַרמאָרנע סטאַטוע, וועלכע איז יאָרן און יאָרן געשטאַנען ערגעץ אויף א ברייטן פּלאַץ און האָט געדרעמלט מיט אָפֿענע אויגן, האָט זיך פּלוצים אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך שווער און שטיינערדיג געלאָזט גיין איבער די גאַסן פֿון דער וועלט.

אַז דער אורח איז אָבער אַרויף אויף דער בימה, און האָט אָנגעהייבן צו מאַכן די ברכות, איז זיין קול געווען אַזוי זיס, אַז אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן, און ווען ער האָט געלייענט די הפטורה, איז זיין קול נגינה זיך צעגאַנגען איבער אַלע אברים, ווי שמעקעדיגער בוימאייל. און די גיין אידן — פּונקט ווי איך איצטער, ווען איך באַשרייב עס, — האָבן קיין אַנדער פֿאַרגלייך ניט געקענט געפֿינען צו זיין קול, ווי נאָר, אַז אַזוי מוז מען ריידן אין גן עדן, אַזוי אומערדיש־זיס איז עס געווען, און עטוואָס אַזוינס האָבן זיי אין זייער לעבנס־לאַנג ניט געהערט. און זיי האָבן מער גישט געפֿילט קיין הונגער און קיין פֿאַר׳חלש׳טקייט אין זייער האַרצן, נאָר געוואונשן זיך, אַז דער טאָג זאָל זיך ציען וואָס לייגנער און לייגנער, און זיי זאָלן אַלץ הערן זיין זיסע ניט־היגע שטים. די שטים פֿון דעם ווייסן אורח, וועלכער האָט ניט גערעדט, נאָר בלויז געשטראַלט מיט׳ן פּנים.

האָבן די גיין אידן געקראָגן פֿאַר אים נאָך מער דרך ארץ און ערפֿורכט. ווען ער איז אַרונטער פֿון דער בימה האָבן זיי געקושט דעם זוים פֿון זיין קלייד, און זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען, ביז וואַנען ער איז ניט געווען צוריק אויף זיין פּלאַץ. און די גיין אידן האָבן אין דעם געזען א צייכן פֿון גאָט׳ס גוטקייט צו זיי, וואָס ער פֿאַרלאָזט זיי ניט און וואַכט שטענדיג איבער זיי.

* * *

נו, היום פּנה, — דער טאָג איז איצט אַריבער און נויגט זיך צום פֿאַרגיין. עס איז געוואָרן פֿאַרנאַכט. די טויערן פֿון הימל האַלטן זיך שוין באַם צושליסן. מיט אָפּגעשוואַכטע קולות האָבן די פֿאַר־חלש׳טע גיין אידן אין דער דעמערונג געבעטן:

— שערי רחמים פּתח...

שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן איינציגווייז איינצופֿאַסן אינ׳ם בלוי פֿונ׳ם הימל. מען האָט אָנגעהייבן בלאָזן שופר. דער קול פֿונ׳ם

שופר האָט זיך געשפּרייט איג׳ם וויסטן נאַכטיגן דרויסן אַרוים, ווי אַן אָנזאָג, ווי א רוף.

נאָך מעריב האָט זיך אָנגעהייבן א שפּאַרעניש צווישן די ניין אידן, ווייל יעדער פון זיי האָט זייער געוואָלט נעמען דעם געטלעכן מאַן מיט זיך אהיים אויף אָפּצופּאַסטן זיך. און אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט געקענט אייניגן, איז באַ זיי געבליבן, זיי זאָלן וואַרפן גורל.

אַזוי האָבן זיי באַשטימט און אַזוי האָבן זיי געטאָן. און דער גליקלעכער גורל איז אויסגעפאַלן אויפ׳ן חזן. ער זאָל נעמען דעם הייליגן מאַן מיט זיך אַהיים.

דער חזן איז געווען אפילו זייער א גרויסער אָרימאַן און האָט אַליין געלעבט אין גרוים דחקות, נאָר ער האָט אָנגענומען דעם אורח מיט גרוים פרייד און דאַנקבאַרקייט, און האָט אים געפירט צו זיך מיט אַזאַ פריילעך הארץ און אינערלעך געזאַנג, ווי די אידן פלעגן אַמאָל טאָן, בשעת זיי פלעגן אין פרילינג-צייט פירן די בכורים אין בית המקדש אַריין.

נאָר איצט איז שוין געווען הערבסט.

* * *

האָט פּאַסירט:

די געסל, וואָס האָט געפירט צום חזן׳ס הויז, איז געווען א שמאָלע און דערצו נאָך א פינסטערע. דער קנאַפּער לבנה-שניט פון אָנהייב-חודש איז געווען פאַרשטעלט דורך וואָלקנס. קיינע לאַמ־טערנס האָבן אין שטאָט ניט געברענט און אויסער דעם, זיינען די הייזער פון יענע געגנטן אַזוי געבויט, אַז זייערע פענסטער געפינען זיך גאָר אין הויף. מען האָט קיין לעבעדיגן מענשן ניט געקענט זען, אַזוי פינסטער איז עס געווען.

נאָר באַם חזן אין האַרצן איז געווען ליכטיג, און א פרייד האָט אים אָנגעפילט באַם בלויזן אָנריר מיט׳ן הייליגן מאַן, וועלכער איז געגאַנגען באַ זיין זייט, א פרייד א גרויסע און א צוזאָגנדיגע, ווייל ער האָט געטראַכט מחשבות ווי אַזוי צו זען פאַרהאַלטן דעם אורח אויף שטענדיג, ער זאָל ווערן א חברונ׳ער איינוואוינער, אַזוי אַז אין שטאָט זאָלן זיך ענדלעך געפינען צען אידן.

און אַז זיי גייען צו צו זיין הויז, עפנט אויף דער חזן די ניד־ריגע טירל און בעט מיט הכנעה און אַרונטערגעלאָזענע אויגן, אַז דער אורח זאָל אַריינקומען אונטער דעם שאָטן פון זיין באַלקן. און אַז קיינער גייט ניט אַריין, הויבט ער אויף זיינע אויגן.

זעט ער:

דער אורח איז גאָר נישטאָ לעבן אים. טראַכט ער, אַז דער אורח האָט מסתמא אויפ'ן וועג געמוזט אַביסל אָפּשטיין — פּאָרט מיד פּונ'ם מעת־לעת פֿאַסטן — און זיך דערנאָך פֿאַרבלאָנדזשעט. גייט דער חזן אַריין אין הויז, צינדט אָן א גרויסע געפלאָכטענע וואַקסענע ליכט — די וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר הבדלה — און לאָזט זיך זוכן איבער די גאַסן, מיט'ן ליכט אין האַנט.

און אַז ער האט אויסגעזוכט אַלע ווינקעלעך און דעם אורח אַלץ ניט געפונען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין די הייזער פֿון די ניין אידן און האט באַ זיי געפרעגט, אויב זיי האבן ניט באַגעגנט דעם אורח מיט'ן ליכטיג־שטראַלנדיגן פּנים.

קיינער האט אים ניט געזען.

* * *

נו, איז אין דער גאַנצער שטאָט חברון געוואָרן א גרויס ליאַרעם און געטומל. די ניין אידן, נאָך אַלע הונגעריגע און אָפּגעשוואַכטע פונ'ם תענית, האבן זיך אַלע געלאָזט איבער די גאַסן זוכן דעם אומבאַקאַנטן אידן, מיט אומרואיגע און דערשראָקענע פנים'ער.

ער איז אבער אין ערגעץ ניט געווען צו זען און צו הערן.

וואס האבן זיי דען געקענט העלפֿן און זיי האבן זיך סוף כל סוף געמוזט אַלע צוריקקערן צו זייערע היימען, פֿאַרוואונדערטע און דערשראָקענע, וואס מיט'ן אַלטן אידן האט געקענט פּאַסירן פֿאַר אַן אומגליק.

און דאסזעלבע האט אויך געטאָן דער חזן. ער האט זיך אומגעקערט אַהיים זייער טרויעריג. פֿון גרויס פֿאַרדרוס האט ער ניט געוואלט עסן זיין אָוונט־ברויט. און האט זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף זיין בעט אין גרויס צער. ער האט זיך געפילט שולדיג וואס דעם אורח האט פּאַסירט עפּעס שלעכטס, ווען ער איז געווען אין זיין רשות. ניט גוט איז, וואס ער האט זיך פֿאַר'חלום'ט אַזוי אין מיטן גאס וועגן דעם, אַז ער זאל קענען פֿארהאַלטן אויף שטענדיג, דעם חשוב'ען אורח וואס איז געגאנגען באַ זיין זייט. און דערווייל איז דער אורח פֿאַרשוואונדן.

לאנג האט זיך דער חזן געוואָרפֿן אַזוי אויף זיין בעט אין גרויס ווייטאָג, ביז ער איז ענדלעך איינגעשלאָפֿן.

און אין מיטן נאַכט איז דער אַלטער אורח געקומען צוגיין צו אים אין חלום. ער האָט נאָך איצט אויסגעזען שענער און גאָטספֿאָרכטיגער ווי באַטאָג. אַ רואיקייט און ווייסקייט האָט אים פֿון פּנים אַרונטערגעלויכטן. זיין פּנים האָט זיך ניט באַוועגט, ווען ער האָט גערעדט, ווי ער וואָלט צוריק אין זיין מאַרמאָרנער רו איינגעוואַקסן געוואָרן, און די שטים איז אַרויסגעקומען, ווי פֿון אונטער אים, אָדער ווי פֿון אויף יענער זייט. נאָר זי איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טרייסט און פֿרייַנטלעכקייט. ער האָט געזאָגט:

— זיי זיך ניט מצער, מיין טייערער זון, פֿאַר מיר. עס איז מיר אין חברון חלילה גאָר נישט געשען, ווייל איך בין גוט באַקאַנט מיט די היגע גאַסן, וואו איך האָב נאָך זייער לאַנג צוריק געוואוינט. איך וואוין נאָך דאָרט איצט אויך, אין מיין אייגן הויז. איך האָב אויך ניט געמיינט דיך מבזה צו זיין, וואָס איך בין ניט אַרייַנגעגאַנגען צו דיר אין שטוב צו שפּייזן מיט דיר צוזאַמען. דען דו זאָלסט וויסן זיין, אַז איך ברויך שוין ניט מער צו עסן און צו טרינקען. איך בין אייער פֿאָטער אַבֿרהם. דער צער, וואָס איר האָט געהאַט פֿון דעם, וואָס אייך האָט געפֿעלט אַ מענטש צו אַ מנין, האָט מיך ניט געלאָזט רואיג ליגן אין מיין קבֿר. מיינע קינדער זייַנען נאָך אַלץ פֿאַרוואָגלט און צעשפּרייט צווישן פֿרעמדע, און אין דער פֿרעמד, האָב איך מיר געטראַכט. נו, בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿון מיין רו־פּלאַץ און בין געקומען צו אייך משלים זיין דעם מנין און שטילן אייער צער, אָבער פֿאַרבלייבן מיט אייך האָב איך ניט געקענט, ווייל אין אַ דאָרף פֿון אַ ווייטן אַ לאַנד, ווען וואַרטן אויף מיר מאָרגן אינ׳ם פֿאַרנאַכט ניין אידן. מאָרגן איז פֿרייטאָג, און ס׳וועלן זיין נאָך פֿרייטאָג־פֿאַרנאַכטס און אַנדערע הייליגע פֿאַרנאַכטן.

אויף מאָרגן פֿרי, ווען דער חזן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין שלאָף, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטראַכט, געווען:

— דער אורח איז געווען בלויז אַ רייַן... און אפֿשר — אַ אָנזאָג, אַ האָפֿנונג, אַ חלום פֿון אַ צענטן?... אָבער דערווייל זייַנען מיר דאָ ווידער פֿאַרבליבן מער ניט, ווי ניין.

ניין אידן.

* * *

יאָ, איז אַט ווי מיר זעען, קינדערלעך, ווען ניין אידן וואַרטן ערגעץ פֿאַרוואָרפֿענע אין אַ הייליגן פֿאַרנאַכט, מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַן אורח קומט אָן פֿונ׳ם אָוונט אַרויס.

א ווייסער אורח, א צענטער איד.

נאר וואס איז די פעולה — אפגעדאַוונט דעם שבת, דעם יום טוב, פאַרשווינדעט ער דאך ווייטער, דער אורח, און די ניין בלייבן אליין אַליין, מיט א שטילן ווייטאג פון פאַראייגזאמטע...

און ווער וועט דאריבער מיר זאגן, אויב עס איז בעסער, אדער ערגער דאס, וואס עפּטער פאסירט עס אזוי:

— פּונים בלאָען אוונט ארויס באווייזט זיך ני ט קיין ווייסער אורח. ניין אידן בלייבן אזוי זיצן צווישן פעלדער, צווישן וועלדער צווישן גוים, וואס זיינען ווי ווילדע בוימער, בלייכע פנים'ער קוקן ארויס דורך בלוילעכע שויבן אויף וועגן, וועלכע ווערן וואס אמאל בלייכער, אָפּגעמעקטער און פאַרווישטער; קיינער, קיינער באווייזט זיך ניט.